STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06200

DOYRES DERVAKHN

Abraham Bick

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דורות דערוואַכן

ביאָגראַפישע נאָוועלע

פון

אברהם ביק

פאַרלאַג איקוף

GENERATIONS AWAKENING

(DOIRES ERWACHEN)

By ABRAHAM BICK

Copyright, 1957
by
Abraham Bick
New York

PROMPT PRESS, 113 Fourth Avenue, New York 3, N. Y.

209

PRINTED IN THE U.S.A.

אינהאַלט:

זייט

פּראָלאָג — — — — — — — — — — 7
די באָבע צילה — — — — — — — — — 11

ערשטער טייל **קינדער־יאָרן**

בן ציון מיט די חברים — — — — — — — 14
בן ציון העלפט דעם יתום — — — — — — 18
קיילע איז אריינגעפאלן אין טייך, דערטרונקען — — 20
דאָס יאָר תרכ"ד (1864) — — — — — — 22
אין ווילנער סעמינאַר — — — — — — 25
צווישן משכילים — — — — — — — — 30

צווייטער טייל **יוגנט**

רעבעקאַ, דער לערער און דער נייער בוכהאַלטער — — 33
אין קרייזל — — — — — — — — — 37
טשערנישעווסקי אין מאָנאַסטיר — — — — — 39
דער מעקלער און דער אונטערצינדער — — — — 43
אַ ליבע און אַ ליד — — — — — — — 47
ביים שטאָטישן אפיקורס — — — — — — 50
צוויי חברים — פאַרליבט — — — — — — 54
דער גנב — — — — — — — — — 60

דריטער טייל **„עס רירט זיך"**

דער אויסוואורף — — — — — — — — 67
אַ שמועס אין דער נאַכט: די אַרבעטער־פראַגע — — 68
אין דער שטאָט פון „ריינעם פאַרנונפט" — — — — — 71
אין קרייז — — — — — — — — — 74
דער „זאַמלבוך פון די קלוגע" — — — — — 77
כמאַרעס — — — — — — — — — 79
תפיסה — — — — — — — — — — 81

פערטער טייל **„אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער"**

פון „שוים פון דער אמת'ער אמונה" אין אַרבעטער־
קוואַרטאַל — — — — — — — — — 87
„אַ בעזים און אַ קער" — — — — — — — 92
„יהי אור" — זאָל זיין ליכט! — — — — — 95
אויפן סקווער — וואו לידער ווערן געבוירן — — — 98
„איך בין אַ אידישקע" — — — — — — — 103
„אין די גאַסן צו די מאַסן" — — — — — 106
לאָנדאָנער „סלעק"; לידער פון קאַמף — — — — 108

פינפטער טייל **„וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען"**

דער דיכטער און דער אנאַרכיסטישער באַלעבאָס — — 113

דער סטרייק — די מאַסן אויף די גאַסן — — — 117

די פאַרברידערטע מענטשהייט, „אידן דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען" — — — — — — 121

זעקסטער טייל **דער „זיידע" אין דער נייער וועלט**

ניט צו קלייבן — — — — — — — — 127

„אַ קוש און אַ שפּיי" — — — — — — — 129

יעקב גאָרדין — — — — — — — — 130

אין אַ הויז אויף טשערי סטריט — — — — — 132

באָסטאָן — דער „אמת" — — — — — — 135

אַ כל נדרי נאַכט אויף דער איסט־סאַיד — — — 138

„דער משוגענער פילאָסאָף" און דער „שיכור'ער פּאָעט" — — — — — — — — 140

דער לאָקאָמאָטיוו־הייצער און דער ברען־מאַטעריאַל — 142

אייביגקייט — — — — — — — — 144

דער „זיידע" מיט די „איניקלעך" — — — — 146

דער ניט־פאַרענדיגטער „ספר הזכרונות"

ע פּ י ל אָ ג — — — — — — — — 153

דאס מעמוארן־בוך

פּראָלאָג

זומער 1923.

אויף דער איסט־סאַיד, צווישן די קויטיגע גאַסן פון ניו יאָרק, איז פּאַמעלעך געגאַנגען אַ מענטש. דער קאָפּ אַ ביסל געבויגן אויף איין זייט און ער האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט. לויט זיין גאַנג וואָלט מען פון דערווייטנס געקענט מיינען, אַז דאָס גייט שוין גאָר אַן אַלטער מענטש, וואָס מוז זיך אַלעמאָל אָפּשטעלן און זיך אויסאָטעמען, כדי ער זאָל קאָנען גיין ווייטער, נאָר דער מענטש איז נאָך קיין זיבעציג ניט געווען. זיינע שיינע שוואַרצע אויגן האָבן נאָך געברענט מיט אַ יוגנטלעכן פייער. די הויט אויפ׳ן פּנים איז געוואָרן פאַר דער צייט אַ ביסל געלבלעך, די וואָנצעס דיק און צוויי טיפע קנייטשן האָבן זיך געצויגן פון נאָז איבער דער גאַנצער ברייט פון שטערן, פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די וואָרצלען פון זיינע זילבערדיג־גראָע האָר. ער האָט ניט פאַרלאָרן זיין יוגנטלעכע באַוועג־לעכקייט. ווער עס האָט זיך שטאַרקער איינגעקוקט האָט געזען, אַז אין זיינע טונקעלע אויגן — אונטער ברילן — ליגט באַהאַלטן אַ מאָדנע צעטראָגנקייט, ווי ער וואָלט אַמאָל מיט אַ סך יאָרן צוריק, באַהאַלטן אַ טייערע זאַך און האַלט עס איצט ביים צוריק אויסגראָבן.

דעם מענטשנ׳ס טיפע אויגן האָבן געקוקט אין דער ווייט גלייך ווי דער גאַנצער גערודער פון די יאָגנדיגע מאַשינעס און שמייענדיגע מענטשן וואָלטן אים אויף קיין האָר ניט אָנגעגאַנגען. ער איז פּאַמעלעך דורכגע־גאַנגען איסט־בראָדוועי, דעם ווינקל פון ראָטגערס סטריט, פּאַרקערעוועט אויף קאַנאַל סטריט, וואו אַ שוואַך ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פון האָדסאָן־טייך, האָט ניט געקענט בייקומען די צוים פון די הויכע ווענט אויף די שמאָלע גאַסן און האָט צו דער ערד ניט דערגרייכט.

אין גאַס־טומל, אין אויסמיש פון מענטשן, אין קלאַפּעריי פון רעדער איז אויפ׳ן שטיינערנעם ברוק געפאַלן זיין נאָמען.

ער האָט דערהערט און זיך אָפּגעשטעלט.

אַ אינגערער מענטש, אפשר נאָך קיין פופציג ניט, די פאַרשפּיצטע אײדעלע שטריכן פון פּנים האָבן עדות געזאָגט אויף זיין געלערנזאַמקייט, האָט אים שמייכלענדיג אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— אָ, איר.

ביידע האָבן זיך צעשמייכלט און שווייגנדיג זיך געלאָזט גיין לינקס צו עלדרידזש סטריט, צו הענרי סטריט. אהער האָט זיך דערטראָגן אַ קיל ווינטל פון „איסט־ריווער״. דער אינגערער מענטש האָט טיף אָפּגע־אָטעמט, ווי ער וואָלט וועלן אריינזאַפּן אין זיך וואָס מער לופט און אַ דערפרישטער זיך אָנגערופן:

— נו, טייערער חבר, ווען נעמט מען זיך שוין צו דער ארבעט? שוין צייט, ביי מיין וואָרט.

— האָב איך דען אויפגעהערט אַרבעטן — האָט אים דער עלטערער געגלעט מיט די אויגן.

— איך מיין די צוגעזאָגטע זכרונות, די מעמואַרן, מיין איך — האָבן דעם אינגערנ׳ס ברוינע אויגן און זיין אויסגעאיידלט פּנים זיך נעענטער צוגעטוליעט צום עלטערן.

דער עלטערער האָט פאַרמאַכט די אויגן. זיין שטערן איז געוואָרן העכער, ברייטער, האָט געדרייט די גרויע וואָנצעס. ער האָט געפילט, אַז זיין חבר האָט אים צוגעטראָפן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפּרואווט דינגען:

— וואָס איז די איילעניש? אַז איך ווייס ניט פון וואָס אָנצוהויבן און דערצו וואָס מער איך טראַכט זיך אריין אין אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, אַלץ קלאָרער ווערט פאַר מיר, אַז מיין לעבנס-וועג איז ניט אַנדערש ווי דיינס און נאָך הונדערטער און טויזנטער פון אונזער דור.

דער בלייכער פּנים פון אינגערן האָט זיך אויסגעצויגן ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער גייט פאַרלירן אַן אוצר.

— ניטאָ קיין תירוץ, איר מוזט זיך אָוועקזעצן, איר מוזט זיך נעמען צו דער אַרבעט . . . איר מוזט . . . — דער עלטערער האָט נאָך פעסטער פאַרקלעמט די אויגן, זיך טיפער פאַרטראַכט.

— אַז איך ווייס ניט פון וואַנען אָנצוהויבן?

— אָט פון אייערע ערשטע טריט. דערציילט ווי אַזוי איר זענט געקומען צום אידעאַל, צו דער באַוועגונג? — האָט דער אינגערער זיך אַ שאָקל געטאָן.

דער עלטערער האָט אַרונטערגענומען די ברילן, נאָך אַ ווײַלע געטראַכט און זיך דערנענטערט צום אינגערן, זיך געקלעפּט נאָך מער צו אים מיט זיינע גליענדיקע אויגן.

— איר הערט, נאָך אין לאָנדאָן, דערמאָן איך זיך, האָט מיר אַמאָל פּריוואַט געפרעגט אַ פריינט, ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער באַוועגונג און מיין ענטפער האָט אים דערשטוינט, פונקט ווי עס וועט מסתמא דער־שטוינען אַ סך אַנדערע. צו דער באַוועגונג צום אידעאַל האָט מיך געפירט, ניין, געשטויסן, מיין באָבע צילה, עליה השלום. איך האָב שוין אפילו וועגן דעם אָנגעשריבן אַ קאַפּיטעלע . . .

— אַזוי, גוט, האָבן מיר דאָך שוין אַ האַשכאָלע, — האָט דער אינ־גערער אויסגערופן מיט אַ ציטעריק קול אויף זיין ליטווישן אידיש, — איך קום אַריבער, נאָך מאָרגן באַסטימט מאָרגן. איך וויל איר זאָלט עס מיר פאַרלייענען. — זיי האָבן זיך מיטאַמאָל געפונען אויף טשערי סטריט, זיך דערנענטערט צום טייך.

אַ קיל ווינטל האָט דאָ געבלאָזן פון איין זייט, פון אַ צווייטער. ביים טייך האָבן זיך אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל אַרבעטסלאָזע. זיי זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף די באַרזשעס, אויף די שלעפּ-שיפלעך, וואָס זיינען געשוואומען אַנטקעגן, האָבן געשמועסט און אויך די צוויי חברים האָבן נאָך לאַנג געשמועסט און דער ווינטל האָט אָפּגעטראָגן זייערע ווערטער אין אַן אַנדער זייט.

אויף דער מזרח זייט פון שמאָלן טייך־אויסגוס, וואָס טיילט אָפּ בראָנקס פון מאַנהעטן, קוקן זיך איבער די הייזער פון די מענער־שניידער,

פון „אַמאַלגאַמעיטעד קאָאָפּעראַטיוו”. פריש־געבויטע מיט אַ סך ליכטיגע פענצטער. דער טראָטואַר איז דאָ ברייטער. ברייטע שטאַמען פוןביימער פאַרשטעלן דעם צוגאַנג צו איינציגע הייזער, שיצן זיי פון דעם גאַס־טומל.

אַנטקעגן די פענצטער פון איין דירה מיניעט זיך אין די אָוונטן אַ פאַרשטויבטער עלעקטרישער לאַמטערן, וואָס גיסט זיך צונויף מיט׳ן ליכט וואָס שפּאַרט פון איין פענצטער.

דאָס צימער, וואָס איז באַלויכטן איז באַשטעלט מיט אַלמערס ביכער. ביי דער מזרח־וואַנט שטייט אַ זילבערנע וואַזע אָנגעפילט מיט אַלטע בלומען, וואָס טריקענען זיך אין דער לופט.

קיינער פון דער משפחה, וואָס קומען אַמאָל אַהין אין צימער, פאַר־האַלט זיך דאָ ניט לאַנג, ווייל מען וויל נישט שטערן דעם אַלטן, וואָס זיצט אַ פאַרטיפטער איבער אָנגעשריבענע בויגנס פּאַפּיר. אָפּט הויבט ער זיך אויף, גייט צו צום ביכער שראַנק און קוקט אין זייערע גלעזערנע טירן. אויף איין פּאָליצע — דיקע בענדער אין רוסיש, פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש, טייל מיט גאָלד־באַליישטע רוקנס. געבונדענע קאָמפּלעטן פון רוסישן „וופּעריאָד”, פון דער דייטשער „נייער צייט”; אויף אַ צווייטער — העברעאישע און אידישע ביכער. אויף די גאָר נידעריגע פּאָליצעס זיינען אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע ניט געבונדענע בראָשורן, זשורנאַלן. דאָ ליגן אויך אויסגעגעלטע דאָקומענטן. צענדליגער יאָרן זיינען זיי אָפּגעהיט געוואָרן, אין שופלאָדן, אין פאַרשלאָסענע אַלמערס — דערפאַר זיינען די אותיות אויף די אויסגעגעלטע פּאַפּירן אַזוי פאַרמעקט און אָפּגעריבן, ווי טריט פון פאַרשיקטע אויף סיבירער וועגן . . .

אין אָוונט, ווען זון בלייבט שטיין אין די ברייטע פענצטער בלוטיג־רויט, און נאַכט הויבט אָן פאַרהילן די באַרגיגע געגנט פון בראָנקס, קענען די אותיות מער דעם לאַנגווייל פון שטילן צימער ניט פאַרטראָגן, רייסן זיך פון זייערע גלאָזיגע ראַמען, נעמט זיי זייער אייגנטימער אין די הענט, טוט אַריין אין זיי זיינע אויגן און לייענט דורך די גלעזער דעם אָפּגעהאַקטן אָטעם פון די אַמאָליגע פאַקטן.

דראָבנע גע׳כתיבה׳טע אותיות׳לעך אויף שמאָלע בייגעלעך פּאַפּיר:

נאָמען: בן־ציון נאָוואַכאָוויץ. פּסעוודאָנים — בן־נץ, בענעדיקט ווינטשעווסקי.

נאָמען פון די עלטערן: יואל זוסמאַן (זיסל) און גאָלדע הדסה.

עס שרייבט זיינע זכרונות פון די קינדער־יאָרן דער „זיידע” מאָרים ווינטשעווסקי.

ווען אימיצער וואָלט געווען אין העל־באַלויכטענעם צימער און זיך צוגעקוקט צום שרייבער, וואָלט ער נאָכדעם דערציילט, אַז דער שרייבער, רייסט זיך אָפּט אָפּ פון פּאַפּיר, נעמט אַראָפּ די גלעזער, קעמט מיט זיינע דינע פינגער הענגלעך האָר פון שטערן, ווייל זיך דערמאָנען אַן אַמאָליגע פאַרגעסענע פּאַסירונג.

לאַנג לאַנג זוכט ער ביז ער געפינט. אַזוי דאַרף מען אָנהויבן די פּאַסירונג. זי האָט אַ לאַנגע צייט שוועבער אַרומגעבלאָנקעט צווישן פּעק דייטשע און ענגלישע צייטונגען, זיך געטוליעט צו פאַרגעלטע בלעטער פון העברעאישע זשורנאַלן, אַרומגעשוועבט אין רעדאַקציעס פון קעניגס־בערג, לאָנדאָן, באָסטאָן, ניו יאָרק.

דער אָנהויב מיט דער באָבע צילה.

ערשטער טייל

קינדער־יאָרן

די באָבע צילה

דאָס קליינע שטיבל מיט די נידעריגע פענצטער איז געשטאַנען ניט ווייט פון אַלטן יאַנעווער בית מדרש. ווינטער האָט זיך דאָס באַשנייטע דעכל אַראָפּגעלאָזן ביז צו די פענצטער ווי אַ גרויס שעפּסן היטל איבער די אויערן פון אַ קינדעריש קעפּל.

ס׳איז שוין געווען ניט פרי, אָבער דעם ליטווישן ווינטערדיגן טאָג איז זייער שווער אָנגעקומען דאָס ביסל גרויע ליכט, וואָס ער האָט געמיינט צוצוהאַלטן עטלעכע שעה פאַר די אָרעמע מענטשן.

— אפשר וואָלסטו אַריינגעגאַנגען און איר געזאָגט זי זאָל ניט פאָרן קיין ווילנע — האָט גאָלדע, דער באָבע צילה׳ס שנור, געזאָגט שטיל צום מאַן.

— מען דאַרף ניט גיין. מאַך פייער, שטעל צו דעם טשייניק. די מאַמע וועט אויפשטיין זאָל זי טרינקען אַ גלאָז הייס וואַסער — האָט זיסל געענטפערט נאָך שטילער.

— וואָס שושקעט איר זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן? איר האַלט מיך פאַר ווינציגער בר־דעת פון אייך? — האָט זיך די אַלטע באַוויזן אין דער טיר.

— מאַמינקע, ס׳איז אַ סכנה, קלער איך, צו פאָרן אין אַזאַ קעלט.

— איך פאָר, איך פאָר! איידער איך שטאַרב דאַרף איך נאָך זען מיין צווייטן זון — האָט די אַלטע געענטפערט און גענומען דעם שטעקן.

צילה די אַלמנה האָט מען אויך גערופן אין יאַנאָווע די „הייליגע". צו 31 יאָר איז זי געוואָרן אַן אַלמנה. איר מאַן, ר׳ יצחק נאָוואַכאָוויץ, איז אין יאָר 1831 דער׳הרג׳עט געוואָרן פון רוסישע קאָזאַקן מחמת ער האָט אָנטייל גענומען אין ערשטן פּוילישן מיאַטעזש (אויפשטאַנד). פון זינט זי איז געוואָרן אַן אַלמנה ביז איר טויט, האָט צילה גע׳שמ׳ט פאַר אַ הייליגער. זי האָט אַלע יאָרן געשטריקט באַוולענע און וואָלענע זאָקן, געפאַסט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און אין די זומערדיגע היצן, האָרבסטיגע בלאָטעס און ווינטערדיגע שנייען איז זי אַלעמאָל געגאַנגען איבער די קראָמען קלייבן „נדבות" פאַר די אָרעמע. כמעט יעדע וואָך פלעגט זי די ערשטע קומען צו אַן אָרעמער געווינערין ברענגען אַ שיסל זופּ, אַ שטיקל הון, און אַז די שכנות האָבן צו איר גערעדט, זי זאָל זיך שוינען אויף דער עלטער, פלעגט צילה ענטפערן:

— ערשטנס, האָט מיט מיר, צייט איך לעב, קיין זאַך קיינמאָל ניט פּאַסירט. צווייטנס, בין איך געגנג אַלט איך זאָל זיך היטן פאַר סכנות. די אָרעמע קאָנען אָבער ניט וואַרטן, זיי זיינען יונג און זייער לעבן איז בילכער.

מער פון צען טעג האָט צילה די אַלמנה פאַרבראַכט ביי איר זון אין ווילנע. פרייטאָג איז זי צוריקגעקומען קיין יאַנאָווע און נאָכן דאַווענען האָט זי צוגערופן די שנור, גאָלדע'ן, און געזאָגט אין אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס אים איז נאָר־וואָס אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן:

— גאָלדע, טאָכטערל, איצט, אַז איך האָב שוין מיין צווייטן זון געזען, קאָן איך שטאַרבן. אָבער דיך בעט איך, זאָלסט ניט פאַרגעסן די אָרעמעלייט און מיינע „קימפּעטאָרנס און חלאים, נעבעך". ווען איך וועל שוין זיין אויף דער אמת'ער וועלט זאָלסטו וויסן וואָס צו טאָן. ער, מיין זיסל, ווייסט בעסער, אַז אין הימל וועגט מען ניט קיין עברות אויף לויטן, נאָר גוטע מעשים... — און איז אַנטשוויגן געוואָרן...

אויף מאָרגן איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויפן בית־עולם. אַ ווינט האָט געשאָקלט די נאַקעטע ביימער, קראָען זיינען געפלויגן פון צווייג צו צווייג, עפּעס געקראַקעט און טונקל־גרויע כמאַרעס האָבן געהאַט אַ ישוב־הדעת צי זיי זאָלן היינט שיטן אויפן אָפענעם קבר פון דער הייליגער אַלמנה, אויף די איינגעפאַלענע מצבות, אויפן קליינעם ליטווישן שטעטל, וואָס האָט געלעבט אין איר זכות.

זיסל האָט זיך, נאָכדעם ביים זאָגן קדיש, איינגעבויגן צום בערגל אַזוי נאָענט, אַז זיינע ליפּן האָבן אָנגערירט די פאַרפראָרענע ערד.

לעבן אים איז געשטאַנען זיין זעקס־יאָריגער בן־יחיד בן־ציון, ווי פאַרגליווערט.

אַ סך מעשות האָט זיך נאָכדעם דאָס איניקל בן־ציון אָנגעהערט וועגן דער באָבע צילה. זיין קינדיש קעפּל איז פול געווען מיט דער באָבען און אַלע מעשות האָבן זיך אויסגעפלאָכטן ווי אַ קראַנץ פון גוטע מעשים. טאָג איין, טאָג אויס פלעגט זי גיין דורך די קראָמען און צוטראָגן יעדן קרעמער „אַ גוטן טאָג" און כדי ניט מבייש זיין אַ מענטשן, וואָס האָט ניט וואָס צו געבן, פלעגט זי מיט פאַרמאַכטע אויגן אויסשטרעקן איר טיכל און פלעגט זאָגן דעם זעלביגן „גוטן טאָג" און די זעלבע ברכה צום ניט־געבער ווי צום געבער.

אַלע יתומים, אונטערגעוואַרפענע קינדער פלעגט זי קאַרמען, וואַשן און קעמען, אויסוואַשן זייערע העמדער.

גאָלדע פלעגט פאַר איר שווינגער אָנגרייטן נאָך יעדן תענית אַ גאַנצע סעודה, אָבער די באָבע צילה פלעגט זיך באַנוגענען מיט אַ שטיקל ברויט און אַ גלעזל וואַרעמס און די סעודה האָט זי אַוועקגעטראָגן צו אַן אָרעמער קראַנקער, אָדער קימפּעטאָרין.

פרייטאָג־צו־נאַכטס. זיסל נאָוואַכאָוויץ מיט זיין בן־יחיד זיינען נאָר־וואָס געקומען פון שול. מען זעצט זיך צום טיש. פון וויסן שבת'דיגן טישטעך שיילט זיך אַרויס די באָבע צילה. זי איז אַ נידעריגע, אַ דאַרע מיט אַ סך איבערגעלעבטע צרות אויפן פּנים, נאָר די גראָע אויגן זיינען נאָך יונג און פאַרצויגן מיט אַ שטענדיג פינקלדיג הייטל, ווי זי וואָלט זיי נאָר־וואָס אין בוימל אויסגעוואַשן.

גאָלדע דערלאַנגט די שבת׳דיגע מאכלים: חלה, פיש, זופּ, פלייש מיט רעטאַך. זיסל פּאַרציט דעם פרייטאָג־אויפדערנאַכטיגן, אַלטלעך־צעצווי־גענעם, זיס־אומעטיגן ניגון:

„טשור מיסעלוי אַכאַלנו... שאָוואַנו וועהוישאַרנו...״ (צור משלו אכלנו... שבענו והותרנו...)

דאָ הויבט זיך צילה אויף. זי האָט שוין צונויפגעגאָסן די איבער־געבליבענע יויך אין איין פענדל, צונויפגענומען פון טיש, וואָס איז געבליבן, און לאָזט זיך גיין. זיסל מיינט, אַז זי האָט פאַרגעסן צו בענטשן. פרעגט ער מיט דרך־ארץ.

זי קוקט אויף אים מיט די גראָע קינדערשע אויגן און שטייענדיג ביי דער שוועל גיט זי אַ זאָג:

— בענטשן? ער, הענט ניט געוואַשן, קאָן וואַרטן. די קינפּעטאָרין — קאָן ניט...

אַ פּאָר חדשים נאָך דער באָבע צילה׳ס טויט האָבן זיך זיסל נאָוואַכאָוויץ מיט זיין משפחה איבערגעצויגן קיין קאָוונע. אין קאָוונע אויפן באַרג שטייט אַן אַלט הילצערן הויז, שטייט באַזונדער און אָפּגעטיילט פון אַלע אַרומיגע, שלעפּט שוין אויף זיך צענדליגער יאָרן אַ פלאַטשיגן שינדלדיגן דאַך. דער דאַך איז פון שנייען און רעגנס צעפוילט און אָפּגעקראָכן. געלע בערגלעך מאָך און קראַנקע גראָזן וואַקסן אין שפּאַלטן פון שינדל־ברעטלעך. אין אַ רעגנדיגן טאָג רינען דינע ריטשקעס וואַסער דורכן דאַך אין שטוב. אין אַזאַ טאָג שלעפּט גאָלדע אַריין פון פאָדער־הויז הילצערנע מולטערס, בלעכענע עמערס, בייכיגע ברויט־דייזשעס, שטעלט זיי אויס אין אַ ריי אונטער די סך לעכער פון סטעליע.

פאַלן וואַסער־טראָפּנס אין די בלעכענע עמערס אַזוי ברוגז׳דיג־קאַלט, ווי ס׳פאַלן קופּערנע מטבעות אין טעלער פון שמשים ערב ימים־נוראים.

ניט ווייט פון הויז געפינט זיך דאָס חסידים־שטיבל.

אין טיפע ווינטער־נעכט, דאָס שטיבל זינקט פאַרנורעט אין טונקל, אין שטילקייט. אַן איינזאַם יאָרצייט־ליכט צאַנקט ביים עמוד, וואַרפט צעדרייטע שאָטנס אויף ווענט און ארון־קודש. דער ארון־קודש איז אינדערוואַכן פאַרהאָנגען מיט אַ ברוינעם טוכענעם פּרוכת.

אַ סך חלב־פלעקן זיצן טיף אין טוכענעם געוועב, אין דער טונקלקייט זעען חלב׳נע פלעקן אויס, ווי ווייסלעך פון בלינדע בעטלער אויף טרעפּ פון בתי־מדרשים. הינטער די פענצטער שלעפּט זיך אום אַ קאַלטער הפקר׳דיגער ווינט, יאָגט אום הויפנס שניי איבער פּוסטע גאַסן, פאַרדרייט שניי אין געווימל, אין זאַווערוכעס און וואָיעט לאַנג און אויסגעצויגן, ווי הונגעריגע קעץ וואָלטן שרייען אויף בוידעמער און דעכער.

זיסל קערט זיך אין אַזעלכע נעכט אום אהיים פון דער אייזן־באַן סטאַנציע, וואו ער האָט עפּעס „פאַרדינט״, כאַפּט איבער אַ דאַר שטיקל ברויט און נעמט דעם בן־יחיד, בן ציונ׳ען, אין חסידים־שטיבל. דאָרטן לערנען זיי ביידע תנ״ך און דקדוק (גראַמאַטיק).

די שול־ווענט זיינען פאַרצויגן מיט שפּינוועבס, פאַרשטעלט מיט שווערע איבערגעטריקנטע אַלמערס. „עין־יעקב׳ס״ קוקן מיט אָפּגעקראָ־בענע לעדערנע רוקנס פון די גלעזערנע שרענק אַרויס, קוקן שטום און פאַרגליווערט און שווייגן. זיסל רעדט אַריין אין זיין אינגל:

— ווייסט פאַרוואָס איך גיי אַהער, מיין זון, איך וויל זאָלסט זיך עפּעס אָפּלערנען פון זיי, פון די חסידים, מיין איך. זיי האַלטן זיך ברידערלעך, זאָגן איינער דעם אַנדערן „דו" אָנשטאָט „איר", אַ שוסטער רעדט מיט אַ גרויסן גביר ווי מיט זיינס אַ גלייכן...

דאָס איינגל שאַרט זיך צו מיט שטילע טריט צום ארון־קודש. אַ ווינט קומט פון די צעבראָכענע שויבן, פון קוימען, ביי דער שיין פון דער איין־און־איינציגער יאָרצייט־ליכט זעט בן־ציון דאָס געשטאַלט פון דער באָבע צילה.

בן ציון מיט די חברים

ביי זיסל נאָוואָכאָוויץ, וואָס „אויפן באַרג" זאַמלען זיך די מענטשן פון אָרעמינגן דלות. משה דער שוסטער, איציק דער שניידער, זלמן יאָסלס דער באָנדער. זיי זיינען זיינע געסט ביי דער פּורים־סעודה, פּסח צום סדר. ער קריגט פאַר זיי אַ גמילות־חסד.

אָפט פלעגט פאַרבלאָנדזשען אין הויז סתם אַן אורח פון דער וועלט. דעמאָלט פלעגט מען זען אַזאַ סצענע: אין שלאָף־צימער, אויפן אַלטן הילצערנעם בעט, שלאָפט גאָלדע, אויף דער קאַנאַפּע מיט דעם הויכן ווענטל צו דעם זייטיגן פענצטער פאַרשטעלנדיג ביידע אונטערשטע שויבן — שלאָפט דער קליינער בן־ציון און אויף די פּאָר שטולן מיט אַ ברעט אויף זיי פאַרשפּרייט, שלאָפט דער באַלעבאָס זיסל אַליין. די קאַנאַפּע אין עס־צימער, וואו בן־ציון שלאָפט, האָט ער אָוועקגעגעבן דעם אורח. אַזוי וויל ער. דאָרטן קאָן ער הוסטן די גאַנצע נאַכט און רויכערן די ליולקע אומגעשטערט, — זאָגט ער. און מען ווייסט, אַז עס איז אַן אָנשטעל, כדי דעם זון זאָל זיין באַקוועם. בן־ציון ווייסט, אַז דאָס טוט אַזוי דער טאַטע, ווייל ער איז דאָך צילה'ס עלטסטער זון און ער האָט אים דערפאַר שטאַרק ליב.

חוץ די אָרעמעלייט פון אַרום זיינען אין זיסל'ס הויז אָפטע אַריינגייערס די אינגלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַרום דער תלמוד־תורה, אַרום חסידים־שטיבל. דאָס זיינען „מחוץ למחנה"־אינגלעך, ממזרים, וואָס קאָנען ניט אָנווייזן אויף אַ טאַטן, ווי אַלע אַנדערע קינדער, און „אונטערגעוואָרפענע", וואָס האָבן אפשר יאָ געהאַט אַ געזעצלעכן טאַטן, אָבער האָבן אפילו דער מאַמען ניט געקענט.

בן־ציונ'ען איז נאָך ראש־השנה געוואָרן ניין יאָר, האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין דער תלמוד־תורה ביי יוחנן דעם גמרא־מלמד.

די ערשטע קינדער, וועלכע ער טרעפט דאָרט, זיינען דריי חברים אין עלטער פון אַכט ביז צען יאָר, יתומים אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. זיי זיינען געווען תלמוד־תורה אינגלעך נאָר לפּנים וועגן, באמת האָבן זיי גאָרניט געלערנט און גאָרניט געקענט. ביי טאָג פלעגן זיי זיצן אין פּיר־הויז פון תלמוד־תורה און ביינאַכט פלעגן זיי דאָרטן שלאָפן. זייערע „בגדים" (קליידער) זיינען געווען צעפּוילטע טראַנטעס און בן־ציון, צילה דער אַלמנה'ס אייניקל, האָט באַלד באַקומען אַ שטאַרקן רחמנות אויף זיי.

באַלד האָט זיך אונטערגערוקט יודקע שמעון דעם מילנער'ס, אַ

אינגל מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע האָר און פלאַמענדיגע אויגן, אַנגעטאָן ווי דער טאַטע זיינער, און אַ באָרוועסער דערצו.

נאָך סוכות האָט דער מילנער געזאָגט צו זיין ווייב:

— הינדע, נעם דעם חברה־מאַן און גיב אים צו „זיי" אין תלמוד־תורה, זאָלן זיי אים אויסלערנען אַ שייטל עברי...

האָט מען איר אָנגעזאָגט: יעדן פרייטאָג דאַרף ער ברענגען צען קאָפּיקעס, און אַניט זאָל ער זונטאָג ניט קומען מער...

— אַ רציחה! — איז שמעון בייז, — געלט צאָלן, וואו נעמען?

— צאָלט ניט! — שרייט דבורה די פישערקע. — רייסט זיי אויס די בערד, די גבאים... אַן איינפאַל! היינט וואָס גיט שטאָט, צו וואָס דאַרף מען די גבאים?

— אַ דעה זאָגן אויף אָרעמעלייט... — מורמלט שמעון און ער באַשליסט אַריבערגיין צו זיסל'ען. יענער איז אַ למדן, האָט אַ קאָפּ פון אַ פילאָזאָף, און אַ האַרץ! ער איז דאָך דער אמת'ער פאַרטיידיגער פון אַלע אָרעמע און עלנטע.

— גערעכט, גערעכט, — זאָגט זיסל צו שמעונ'ען, — אַז מיין בן־ציון לערנט אין תלמוד־תורה איז שוין יודקע'ן אויך צייט...

לערנען שויןביידע. איז אַריבער אַ זמן צווישן סוכות און פּסח איז שוין צוגעקומען אויך רפאל'קע „דער ממזר", אַ קורצער, אַ קיילעכ־דיגער, אַ פּנים פול באַשאָטן מיט קלייען און מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָס פרעגן עפּעס כסדר. אָנגעטאָן איז ער אין אַ וואַטניק מיט אַ גרויס היטל איבער די אויגן און אין דער מאַמע'ס שיך מיט שפּיציגע נעזער. איז שוין רפאל'קע אויך אין חדר און בן־ציון איז צופרידן. ער האָט שוין אַ גאַנצע חברה אַרום זיך און אין דער חברה האָט בן־ציון גלייך אַריינגענומען אויך מוישל'ען, זבולון דעם בעקער'ס זון, וואָס באַקט ברויט פאַר אַנדערע און אַליין הונגערט ער. זבולון איז אַן עלטערער — פאַר־עלטערט, מאָגער, מיט אַ הייזעריג קול, מיט אַ שיטער־גרויליך בערדל און בלויע גוטע אויגן. אַז דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן האָט ער שבתים אָנגעהויבן אַריינגיין צו זיסל'ען און אַזוי זיינען ביידע געזעסן ביים שבת'דיגן טיש. זיסל האָט עפּעס צוגעברומט אַ ניגונ'דל און זבולון באַ'טעמ'ט זיך כסדר: איי, גאָלדע, מאַכט איר דעם קוגל... טעם גן־עדן...

ווינטער אין אַ שבת'דיגן טאָג איז בן־ציון מיט דער חברה אויפן טייכל. אַ געבענטשטע שטאָט קאָוונע. פאַרמאָגט אַ טייכל און אַ טייך. דער טייך — ווילד, לויפט, רוישט ווי אַ רוח, און דאָס טייכל — נאָענט און היימלעך. אַ טייכל נאָר ווינטער: פאַרשיט זיך מיט שניי, באַדעקט זיך מיט אייז, און ווערט — טייכל. זומער איז עס כמעט קיין טייכל ניט. גרינער, פליסיגער שימל, וואָס וואָלט שטיין שטיל אויף אַן אָרט, צעפּודזשען דאָס די זשאַבעס, וואָס שפּרינגען אַרום, צעטרייסלען דעם שימל און שרייען: „קוואַ! קוואַ!"

אונטער דעם דינעם אייז, ווי אונטער דעם היטל פון אַ בלאָטער — אייטער, שטייט אויך איצט דינער שימל און ברודיג וואַסער, גייט רפאל'קע אַן ערשטער פּרובירן, צי עס וועט אויסהאַלטן.

דער קורצער שבת'דיגער טאָג טונקלט, און אין דער גרויער טונ־קעלקייט אַנטקעגן צעפלאַקערט זיך אַ רויטע זון ווי אַ פלאַמיג מויל צעעפנט פון אַן אָנגעגליטן קאַלך־אויוון. טוען די אינגלעך זיך אַ טרייסל

אויפן אייז און צעלויפן זיך פון טייך — ווי די שד׳יכע לילית באָדט זיך, אַז די זון טוקעט זיך...

יודקע אין תלמוד תורה היפּט, און גייט — ווען די מאַמע פאַרמאָגט די צען־קאָפּיקע. דער וועג איז ווייט און אומעטיג — ביזן שול־הויף, נאָר אַז די מאַמע גיט די צען קאָפּיקעס, דאַרף מען זיי אָפּטראָגן דעם רבי׳ן.

אין תלמוד תורה אויף די בענקלעך זיצט מען שטיל און אומעטיג. די כיתה ביים רבי׳נס טיש שאָקלט זיך, די איבעריגע אויף די בענק ביי די ווענט, קלאַפּן זיך מיט די פּיסלעך, איינע די אַנדערע אין דער שטיל. אַ האָפּערדיגער שטעלט זיך רפאל׳קע אויף, קערט זיך אום צו דער וואַנט און שפּילט דערווייל מיטן שאָטן... דער רבי זאָגט, די כיתה זאָגט נאָך, און די איבעריגע — זאָגן אַריין אין טומל ווער וואָס ס׳וויל. הילכט און טומלט אונטער דער סטעליע.

און די ליולקע רויכערט. אָבער ניט אייביג רויכערט אַ ליולקע. דער מלמד פּאַמפּעט עקשנות׳דיג מיט די ליפּן און די ליולקע ברענט ניט.

נעמט ער זיך צורעכט מאַכן: זוכן אַ ריטל, אויסרייניגן דעם ציבוק, אויסקלאַפּן די ליולקע, אויסבלאָזן מיטן מויל, אָנשיטן טאַבאַק. ס׳איז אַן עסק אויף לאַנג.

כאַפּן זיך חברה דערווייל אַרוים אין הויף.

— אָט וואו איך בין! — זיצט שוין רפאל׳קע אין דער הייך אויפן פּלויט.

— וואַרט אַ ווייל׳ע, איך שפּרינג אויך — זאָגט בן־ציון.

לערנט בן־ציון ביי יוחנן דעם מלמד. דונערט אַ נביא מיט רייד, ווי מיט שטיינער, פייערט מיט בליצן אויף יענע, וואָס רויבן אלמנות און ראַבירן יתומים. ער שרייט אין איין קול בייז און פאַרביטערט.

— די גזילה פון די אָרעמע איז ביי אייך, אין אייער שטוב!... איר צעשטויסט דעם אָרעמאַן, און זיין פּנים צעמאָלט איר... וועט קומען אַ טאָג!... וועט אויפשטיין אַ ריכטער!...

און אַ תנא נאָך אים — קלוג און געלאַסן — קלייבט פאַנאַנדער מציאות... „אילו מציאות״ — אַזעלכע און אַזעלכע... מ׳דאַרף אָפּגעבן צוריק... ניט אַלץ איז הפקר... דער דין און דער יושר..

פאַרטראַכט זיך בן־ציון, פאַרטראַכט זיך אַמאָל אין קלעם

יודקע איז אומעטיג... די מאַמע — ניט געזונט, די מאַמע ליגט אין בעט. פּאַר ימים־נוראים זיך אוועקגעלייגט און צו פּסח נאָך ניט אויפגע־שטאַנען. ציען זיך חדשים ווי אייטער פון אַ וואונד, מיט קלעמעניש און וויי. אַז מען ליגט אָפּ אַ ווינטער, און אַ שטיק צייט פריער, און אַ שטיק נאָכדעם, פאַרשטייען שוין אַלע, אַז קאָן זיין מ׳זאָל זיך אויסליגן און כ׳קאָן זיין, אַז ניט.

שטייט דער מילנער שמעון נעבן בעט מיט זיינע ערדישע אויגן, צעקנייטשן שטערן, ווי אַ האַרבסט־וועג אין הרודעס, און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— הינדע, אפשר אויפהייבן דיר דעם קאָפּ...

ער קוקט זיך אַרום און דערמאָנט זיך אויפן רעצעפּט פון דאָקטאָר.

— יודקע, גיי אין וועד, דעם רעצעפּט חתמ׳ענען...

— האַ־האַ? — איז יודקע צעטומלט — ער׳ט מיר ניט חתמ׳ע־

נען... — שמעון פאַרטראַכט זיך, טוט אַ הוסט: — איך וויל ניט לאָזן די מאַמע אַליין... גיי שוין דו, קינד, גיי... פון אַלע קעשענעס קוים צונויפ־געקליבן צען קאָפּיקעס. — נאַ, גיב „אים" די צען קאָפּיקעס פאַרן חתמ'ע־נען. די לעצטע פּרוטה גיב זיי אָפּ אין וועד...

מיט אַ ציטער האָט יודקע אויפגעעפנט די שווערע טיר פון קהלה־קאָמיטעט, אַריינצוגיין אין קהל'שן בקור חולים...

אין ערשטן גרויסן צימער אויף יענער זייט טיר פון אָפּגעצאַמטע נידעריגע הילצערנע שטאַכעטן שטייען צוויי גרויסע טישן, אויף די טישן — ביכער, העפטן, פּאַפּירן, חתימות און קוויטלעך. אַנטקעגן עולם, וואָס שטייט אין דער ריי ביי די שטאַכעטן, זיצט ביים טיש דער שטענדיגער גבאי אביגדור. דאָס פּנים צעקרימט, וואָס ער זיצט דאָ, וואָס אַנטקעגן אים שטייען אָט די אַלע, וואָס אויף יענער זייט שטאַכעטן... עסק זיך מיט זיי!... אביגדור פירט די קהל'שע צדקה שטרענג, ניט געוואָרפן זיך

אַ ווייבל פאַרוויקלט אין אַ גרויסער פאַטשיילע דערלאַנגט אַ רעצעפּט.

— הא! ווידער אַ רעצעפּט? — וואָרפט זיך אָן אביגדור אויפן ברעטל פון שטאַכעטן, —רק מען קורירט זיך, אַז ס'איז אומזיסט...

— מיר וואָלטן גערן מוחל געווען — צעקרימט זיך דאָס ווייבל...

— הא? וואָס זאָגסטו? דו ביסט נאָך מוחל!? איז זיי דיר מוחל, — וואָרפט זיך אביגדור אָפּ צוריק אויף זיין שטול, — אַ העזה!

יודקע דערנעענטערט זיך שטום, ניט זיכער. אביגדור קוקט אים אָן.

— אַהאַ, ברוך הבא! שייגעץ איינער! שקאָץ שבשקאָץ! אויך געקומען אַהער? שטיפן געקומען, קונצנמאַכער... קריכט אויף די פּלויטן...

די מענגע גבאים זיינען אויפגעשטאַנען פון זייערע שטולן, האָבן אָנגעקוקט דאָס מאָגער אינגעלע מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— אַרויס, אַרויס — האָבן אַלע גבאים מיטאַמאָל געשריען.

יודקע האָט האַסטיג אַ ריס געטאָן די שווערע טיר, האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון די ברייטע טרעפּ און איז אין אימפּעט געלאָפן.

ערשט אין גאַס איז ער אָוועק אַ שטילער. ער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, און טרערן האָבן אים אַ גאָס געטאָן פון די אויגן. טרערן! קינדערשע טרערטן פון פאַרדרוס און וויי, אַז דאָס הענטל פאַרקוועטשט אַ רעצעפּט ניט קיין גע'חתמ'עטן פאַר אַ מאַמען, וואָס איז קראַנק!...

אַז די טרערן האָבן דורכגעריסן האָט יודקע ערשט גענומען וויינען אויפן קול. האָט זיך אַ פאַרביי־גייער אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— אינגעלע, דו האָסט עפּעס פאַרלוירן?

שמעון דער מילנער האָט לאַנג אָנגעקוקט דעם צעבראָכענעם יודקע'ן, אַ גלעט געטאָן איבערן היטל און געזאָגט:

— אַזאַ גזלן... איך וועל „זיי" — דעם וועד איבערקערן...

ער האָט געבעטן דבורה'ן, וואָס איז אַריינגעקומען געוואוירע ווערן אָן אַמאָליגע שכנה, זי זאָל אַכטונג געבן, ער וועט אַליין גיין... ער וועט!

— אָבער איר זאָלט „זיי" טאָקע ניט שאַנעווען... — זאָגט אָן דבורה. — אַ ניט — גיט מיר!... וועל איך צו „זיי" גיין...

נאָך שמעונ'ען איז אויך יודקע אַרויס פון שטוב. כעס און פאַרדרוס האָבן זיך אין אים פאַרקליבן. מיט ציטערדיגע ליפּן האָט ער דערציילט די חברים און טאָקע בן־ציונ'ען: — מ'דאַרף אים אָפּטאָן! — קאָכט זיך בן־ציון — מיר'ן אים ווייזן...

בן ציון העלפט דעם יתום

הירש דיינאָוו, דער סלוצקער מגיד, וואָס איז איינגעשטאַנען ביי זיסל נאָוואַכאָוויץ, איז געקומען פון בית־מדרש אַ פאַרטראַכטער. דער שאַרפער בליק פון זיינע טיפע אויגן האָט אַרומגעבלאָנדזשעט און ער איז אומגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק, הין און צוריק.

נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעצויגן זיין וויַכן קאַפּעליוש און זיך אַריינגעזעצט אין שטול.

אין שטוב איז געווען שטיל און סומנע. אויף דער סטעליע צווישן די שאָטנס האָט געשווידערט אַ וויַס רעדעלע פון דער שיין פון לעמפּל, וואָס האָט געברענט אויפן טישל. ביים טישל איז געשטאַנען דער 12־יאָריגער בן ציון און אַריינגעקוקט אין אַ גמרא, וואָס איז געלעגן פאַר אים. ער האָט ניט געלערנט אויפן קול.

אויפן בעט איז געזעסן גאָלדע — אַ מידע, אַן אָפּגעלאָזטע. איר טונקל־חנ׳עוודיג פּנים עטוואָס אויסגעצויגן, האָט אויסגעזען טעמפּ און גלייכגילטיג און אירע שוואַרצע, אויפגעריסענע אויגן, זיינען באַלויכטן געוואָרן פון דער שיין פון לעמפּל.

דער מגיד איז אַ ווײַלע געזעסן אין דער שטול פאַרטיפט אין מחשבות, נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַפע ספרים און אַרויסגענומען אַ גרויסן דיקן „עין יעקב" כדי איבערזען די שטעלע, וואָס ער דאַרף זאָגן מאָרגן אָוונט פאַר׳ן עולם. ער האָט אויפגעמישט די שטעלע וואו עס האָט זיך דערציילט וועגן הלל׳ן.

שוב מעשה... ווידער האָט פּאַסירט. באַלד האָט ער דערפילט אינעווייניג עפּעס אַ וואַרעמקייט, ער איז צופרידן, וואָס ער האָט גראָד אויסגעקליבן די שטעלע, וואו עס דערציילט זיך וועגן הלל׳ן.

הלל׳ס רייד און זיינע מעשים זיינען ווי ריינע פליסיגע וואַסערן, ווי אַ קלאָר טייכל נעגן דער זון. דאַרף מען זיך טאַקע טיפער אַרונטערלאָזן און פון דעם זאַמדיגן גרונט אַרויסשעפּן פּערל, וואָס פינקלען אַרויס אַלס מוסר, אַלס מוסטער פאַר׳ן מענטשן אין לעבן.

אַ ווײַלע איז ער געזעסן און פונדערווייטנס זיך צוגעקוקט צום אָפענעם „עין יעקב", אַזוי ווי אַ שווימער מעסט אויס מיטן אויג פון ברעג צום ברעג טייך. נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעבויגן צום טיש און בן ציון האָט געזען ווי די שמאָלע שפּיצעכעקע אַקסלען פון זיין מאָגערן קערפּער ווערן נאָך בולטער, זיין שוואַרץ־גרווילעכע באָרד וואַרפט אַ טונקעלן שאָטן אויף זיין בלאַס מיד פּנים. שווייגנדיג, מיט איין אָפן אויג קוקט ער אויף אַ שטעלע פון הלל׳ן, אַז ער פאַרמאַכט איין אויג זעט ער מיטן צווייטן שאַרפער און טיפער. זיין שטערן ציט זיך אויס און עס דאַכט זיך אים, אַז די אותיות ווערן אויפגעשלאָסן, זיי עפענען זיך און ווייזן אַרויס די פאַרבאָרגענישן, וואָס אין זיי איז באַהאַלטן.

צולעצט האָט ער זיך צעשאָקלט און זאָגט אַרויס אויך מיט אַ מגידישן נגון: „שוב מעשה, עס איז דאָ נאָך עפּעס צו דערציילן וועגן הלל׳ן... וואָס דו אַליין האָסט פיינט, זאָלסטו דאָס ניט טאָן דעם אַנדערן... אַזוי איז זיין כלל געווען. וואָס דו אַליין ווילסט ניט ליידן, טו דאָס דעם חבר ניט... מהו, מהו..." צעשטאַמלט ער זיך. זיין פאַרלאָרענער בליק בלייבט שטיין אויף בן ציונ׳ען.

— הערסט בן ציון, דיין טאַטע האָט מיר היינט אויך געזאָגט דעם זעלבן כלל... עס איז געקומען צו רייד וועגן שטאָט־גביר פיינבערג.

— און איר וועט וועגן דעם רעדן מאָרגן אין אייער דרשה? — פרעגט בן ציון און זיינע אויגן פינקלען מיט נייגער.

— האַ? אין דער דרשה. מאָרגן — הויבט דער מגיד אויף זיין קאָפּ און זיין פאַרלאָרענער בליק בלאָנדזשעט ווידער.

— וואָס דו האָסט פיינט טו ניט דעם אַנדערן... — זאָגט ער אַרויס נאָכאַמאָל די ווערטער אָפּגעצויגן און ער פאַרטיפט זיך אין דעם געדאַנק.

— הערסט, בן ציון, וואָס איך האָב געזאָגט? הלל׳ס כלל אין דיין טאַטנ׳ס מויל און אויך אין מויל פון דעם נגיד פיינבערג, וואָס באַרייסט... — דעם מגיד׳ס בלאַס פּנים צעקנייטשט זיך פון אַ ביטערן געלעכטער.

בן ציון וויל עפּעס זאָגן נאָר ער בלייבט שטיל. זיסל, זיין פאָטער, איז אין שטוב אַריין.

דער מגיד און בן ציון האָבן אויף אים געוואָרפן אַ בליק מיט אַ מין פאַרבאָרגענעם שטאָלץ.

און אַז ער זעצט זיך צו צום טיש און וויל אַרויסדרייען דעם קנויט פון לאָמפּ, הויבט דער מגיד אָן מיט אַ ברען.

— איר, ר׳ זיסל, האָט מיך צו אַ האַרבער שאלה געבראַכט.

— איך? — טוט זיסל זיך אַ קער צו אים ווי אַ שולדיגער.

— אַ גאַנצן אָוונט, אַז עס עקבערט מיך אין דעם מוח... — הויבט ער אָן מיט זיין געוויינלעכן מגידישן ניגון:

— דער תנא הלל האָט אַרויסגעזאָגט אַ כלל: מען זאָל דעם צווייטן ניט טאָן אַזוינס, וואָס מען וואָלט דאָס אַליין ניט פאַרליידן... אָבער ביי פיינבערג׳ן אין מויל ווערן פון הלל׳ס ווערטער גאָר שפּיזן, גאָר אַזאַ מין געווער, מיט צוויי שאַרפע שפּיצן, אַנטקעגן דעם וואָלף און אַנטקעגן דעם שעפּעלע... ווער עס האָט דעם שפּיז אין דער האַנט, יענער וועט אים שוין אָוועקשטעלן אין יענער זייט דווקא, וואָס פאַר אים איז פּאַסנדיגער... ווי אים לוינט...

שטיל. זיסל שווייגט, און די מחשבות ביים אינגל ציען זיך, וועבן זיך און צופּן דערביי זיין הערצל. פון הלל׳ס שיינע ווערטער זאָלן גאָר שפּיזן אַרויסקומען, צווייזייטיגע, וואָס זאָלן נוצן ווי פאַר גערעכטע אַזוי אויך פאַר אומגערעכטע... ניין! — איז בן ציון ניט מסכים — הלל איז ניט קיין שפּיזן־מאַכער, ער גרייט ניט קיין געווער אויף מלחמות... ער וויל פרידן, שלום. דער גוטער הלל...

דער מגיד הויבט זיך אויף, גייט אָפּ צוויי טריט און הויבט ווידער אָן:

— לאָמיר נעמען אַ משל: איר, ר׳ זיסל, טענה׳ט צו דעם גבאי פון ועד — טו דאָס ניט צו די אַלמנות און יתומים. און ער טענה׳ט — ברענגט אים ניט אויס קיין איבעריג געלט...

זיסל וויל עפּעס זאָגן, נאָר דער מגיד קערעוועט מיט אַלע פינגער. פּלוצלינג דאַכט זיך אים, אַז מען פאַרשטייט אים ניט — דאָס איז דאָך אַ שטיק חקירה...

— נו, מיר רעכענען אַפילו, אַז די טענה איז געגעבן געוואָרן פאַר די שוואַכערע אַנטקעגן די שטאַרקערע — למשל פאַר אידן — געגן זייערע פּלאַגער און יאָגער, פאַר אָרעמע געגן די, וואָס באַרייסן זיי. אָבער פונוואַנען נעמט זיך דאָס? און אפשר — אומגעקערט? איז דאָך די טענה — אַזאַ געווער...

זיסל האָט די הענט צואַמענגעפירט און רואיג אַרויסגעזאָגט:

— די טענה, ר׳ הירש, איז גאָר קיין געווער ניט... אַזוי טענה׳ן קאָן נאָר

א קינד ביי א טאטן, ביי א מאמען... אָבער ניט א פרעמדער ביי א פרעמדן... צווישן צוויי פרעמדע העלפן ניט קיין שום טענות...

די קנייטשן אויף דעם מגיד׳ס שטערן צעלויפן זיך. די אויגן ווערן גרעסער:

— גוט געזאָגט. איך פארשטיי: ווען דער מענטש איז פרעמד, איז דאָך אים די טענה אוודאי פרעמד! ריכטיג! אָבער, — אָבער הלל? — שרייט ער כמעט אויס.

ער לויפט צו צו בן ציון׳ען, גיט אים א קניפּ אין בעקל און רעדט ווי פאר זיך...

— דער גוטער הלל האט גערעכנט, אז אלע מענטשן זיינען ברידער... אָבער מענטשן האבן זיך דערוויטערט און זיינען פארפרעמדט געוואָרן... וואָס קען העלפן צווישן זיי א טענה! יאָ, הלל האט געזאָגט א „חבר" און דאָ... בלאָס, מיד און בלייך קערט ער זיך אָפּ פון בן ציון׳ען.

בן ציון הויבט זיך אויף, ווייל די מאמע רופט אים.

דער מגיד זעצט זיך ווידער אראָפּ אין שטול און איידער בן ציון גייט אוועק באווייזט ער אים נאָך צו זאָגן:

— יאָ־יאָ, איך וועל מאָרגן ארויף אויף דער בימה און זאָגן: אויס טענות און אויס מוסר! גענוג! אפילו הלל׳ס כלל גילט שוין אויך ניט. מענטשן האבן זיך צעטיילט אויף אָרעם און רייך, אויף לייזיגגייערס און מענטשן, וואָס הארעווען, אויף וועלף און שעפּסן, און וואָס עס פּאַסט פאר איינע, טויג ניט פאר די אנדערע...

בן ציונ׳ס הערצל האט געצאַפּלט.

קיילע איז אריינגעפאַלן אין טייך, דערטרונקען...

דער בלייענער אָפּקלאַנג, וואָס איז איבערגעבליבן פון דעם טריבן אומרואיגן טאָג, האט זיך איינגענורעט אין דעם געדיכטן חושך פון דער ווינטערנאכט און געלויערט ווי א שווארצער פּלאַנטער.

זיסל איז נאָך מערב געקומען א היים א טרויעריגער, א צעקלעמטער, געטראָפן זיצן גאָלדע׳ן א פינצטערע, א פארגליווערטע, ווי אלע צרות פון דער וועלט וואָלטן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע אויגן.

— אז דאָס לעבן איז איר געווען אזוי שווער, וואָס האט נאָך געוואָלט דער „מלאך המוות", איצט האט שוין רפאל׳קע קיין מאמע אויך ניט.

די דאָזיגע מחשבה וואָס איז צו איר געקומען גלייך בעת׳ן הערן וועגן אומגליק האט זי שוין ניט אָפּגעלאָזן, בעת זי האט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל אָנהויב אָוונט. דעמאָלט האט זי זיך גאָר ניט געקענט פאַרשטעלן ווי קען מען עס גיין שלאָפן נאָך אזא אומגליק, האט זי א פארגליווערטע אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און איז אזוי געבליבן זיצן... ביז עס זיינען אָנגעקומען זיסל, דער אורח, דער מגיד און בן ציון, האט זי זיך מיט א זיפץ אויפגעהויבן, דערלאַנגט טיי.

זיסל האט זיך אליין געוואָלט אויפמונטערן, האט ער גענומען זיין פּעקל ביליג שטאַרקן טאַבאַק, א צעקנייטשטן בויגן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, אָפּגעריסן

און מיט די לאַנגע שמאָלע פינגער געדרייט דעם פּאַפּיראָס און געקנייטשט זיין שטערן. ער האָט פאַררויכערט דעם פּאַפּיראָס אינם לאָמפּ און באַמערקט, אַז דער פּאַפּירענער קאָלפּאַק אויפן לאָמפּ האָט זיך נידעריגער אַראָפּגעלאָזט אויפן גלאָז, ווייל ער איז טרוקן ביז געל און פּלאַצט. דער שאָטן אין שטוב איז גרויס און פאַרשלינגט מער ווי אַ האַלבן טיש מיט די ספרים, מיט די צוויי האַלב־אויסגעטרונקענע גלעזער טיי.

— דער חושך, — טראַכט ער, זיסל, ווען ער זעצט זיך צוריק, — דער חושך איז אויך אַ בעל טובה, אַ לייטזעליגער אויף זיין אייגענעם אופן; ער פאַרדעקט די צרות... דער אומגעשמאַקער אָרום שטעכט ניט אַזוי די אויגן אין דער פינצטער, מען זעט שוין ניט די טרערן פונם יתום, די עולה פון עלנטן, באַליידיגטן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דעם האַלב־פינצטערן צימער און באַ־שלאָסן ניט צו מאַכן איצט קיין נייעם קאָלפּאַק אויפן לאָמפּ פון אַן אַנדער פּאַפּיר: צו וואָס זאָל ער דאָ איצט ליכטיגער מאַכן? צוליב וואָס זאָל ער די פינצטערניש פאַריאָגן?

— אָבער דער אורח וועט אפשר וועלן אַריינקוקן אין אַ ספר? — טראַכט ער, און לאָזט זיך גיין זוכן פּאַפּיר, אָבער דאָ באַמערקט ער ווי דער מגיד שאָקלט זיך אַזוי שטאַרק אַזש די יאַרמעלקע גליטשט זיך אים אַוועק אין אַ זייט.

— ר' זיסל, ר' זיסל, — הויבט ער זיך אויף און הויבט אָן אַרומשפּאַנען, — איך פאַרשטיי אייער צער צוליב דעם יתום, דעם „אונטערוואָרפענעם"... די חכמים האָבן שוין וועגן דעם גערעדט. ער נעמט זיך אָן פאַר דער באָרד און הויבט אָן:

— קהלת זאָגט: „ושבתי ואראה את דמעות העשוקים" — איך האָב זיך אומגעקערט און געזען די טרערן פון די באַרויבטע. זאָגט ר' דניאל חייטאַ, אַז דער פּסוק מיינט די ממזרים. „דמעת העשוקים" — זיין טאַטע איז געווען אַ בעל עבירה. וואָס איז דאָס אָרעמע קינד, די פרוכט פון דער זינד, שולדיג? „ומיד עושקיהם כוח" — און אַז די סנהדרין האָבן מיטן כוח פון דער תורה, וואָס זיי האָבן זיך אליין גענומען, דערווייטערט די ממזרים, זיי מרחק געווען פון כלל ישראל — „ואין להם מנחם" — און ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטן, זאָגט דער רבונו של עולם — „עלי לנחמם", איך וועל זיי טרייסטן; אויב דער סנהדרין האָט זיי גע'פּסל'ט פאַר דער וועלט, וועלן זיי לייכטן פאַר מיר ווי גאָלדענע מנורות אויף יענער וועלט.

דער מגיד האָט איבערגעריסן זיין זאָגעכץ, זיך אומגעקוקט אין ווינקל, לעבן טיר געזען ווי דאָס אינגל שטייט פאַרגאַפט און ער האָט דערפילט עפּעס אַ מאָדנע נאָענטקייט צום אינגל, וואָס שטייט אומבאַוועגלעך פאַרפּרעסט אין ווינקל און אין זיינע אויגן פינקלען טרערן...

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך בן ציון פאַרגעשטעלט ווי קיילע, אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסן פּאַק וועש אויפן רוקן, גייט אַזוי איינגעבויגן צום טייכל וואַשן פרעמד גרעט... רפאל'קע לויפט איר נאָך, העלפט איר טראָגן דעם „פּראַניק"... אַז די מאַמע וועט אויסוואַשן דאָס וועש, וועט זי האָבן צו קויפן ברויט פאַר איר און פאַר אים. דאָס טייכל איז באַדעקט מיט אייז און מיט שניי, און ס'זעט זיך קוים די טונקעלע פּאַלאָנקע, וואָס די וועשערינס און די וואַסער־טרעגער האָבן אויסגעהאַקט. קיילע גייט געבויגן אונטער דער שווערקייט פון דעם גרויסן פּאַק נאַסע וועש אויף אירע פּלייצעס, זי גליטשט זיך אויס

און פאַלט אַריין מיטן פּאַק פון אויבן... און רפאַל׳קע צעשפּרינגט זיך און צעוואָרפט מיט די הענטלעך:
— מ—אַ—מ—ע!
פינצטערלעך איז געווען אין חסידים־שטיבל נאָך מנחה. רפאַל׳קע, דער נייער יתום, האָט זיין קדיש שטיל אָפּגעזאָגט פון סידור און מען האָט קוים געהערט, נאָר דערנאָך האָט אים בן ציון געגעבן אַ בייגל און זיך אָפּגעקערט פון אים, ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר אים צו עסן.
און נאָכדעם האָט ער אין אַ ווינקל אין דער שטיל זיך מיישב געווען מיט אימיצן וואָס נאָך קאָן ער טאָן פאַר רפאַל׳קען. אפשר זאָל ער גיין קלייבן פאַר אים ווי די באָבע צילה?
אויף מאָרגן איז געווען אַ כמורנער טאָג. אַ פייכטער שניי האָט זיך געדרייט און געטראָגן אין דער לופטן און בלינד געכליופּעט, וואו ס׳האָט זיך געמאַכט. בן ציון האָט לאַנג אַרומגעטיאָפּקעט איבערן מאַרק און אין די גאַסן, ביז ער האָט דערפילט, אַז ער האָט שוין אַ פולע קעשענע מיט קופּער. איז ער אַוועק צו שימקען אַ היים, האָט לאַנג געציילט די קליינע מטבעות, און אַז ער האָט אָנגעציילט צוויי רובל, האָט ער אויפגעהערט צו ציילן, איז אַוועק אַהיים און געבעטן דער מאַמען, זי זאָל שוין דערציילן ביז דריי רובל, און אויב ס׳וועט פעלן, זאָל זי אים אויסלייען ביז דעם קומענדיגן ראש חודש: דעמאָלט וועט ער ווידער קלייבן און איר אָפּגעבן.

דאָס יאָר תרכ״ד (1864)

1863. ווי אַ פייער, וואָס כאַפּט אַרום אַ טרוקענעם וואַלד, אַזוי האָט דער אויפשטאַנד, וואָס דאָס פּוילישע פאָלק האָט אויפגעהויבן פאַר זיין באַפרייאונג, אַרומגעכאַפּט די געגנטן פון פּאָלאָצק, לאָמזשע און לובלין און אָפּגעקלונגען אויך אין ליטע און זאַמוט. אינאיינעם מיט דעם אויפשטאַנד געגן דער רוסישער קרוין זיינען אויך געוואַקסן די אומרוען צווישן די פּויערים געגן די „הויפן״. די שלאַכטאַ, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז קיינמאָל האָט אַ „מאַסקאַל״ ניט אַריבערגעטראָטן איר שוועל, די זעלבע שלאַכטאַ האָט איצט גערופן רוסיש מיליטער צו הילף און זיך אויסבאַהאַלטן. די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט געוואָלט, אַז די שנאה צווישן פּויער און שררה זאָל זיך קיינמאָל ניט איינשטילן, האָט איצט אָנגעהויבן אונטערדריקן די אומרוען פון די פּויערים אָן רחמנות.
יאָר 1864.
אַ קאַרג יאָר איז פאַריבער זינט דעם לעצטן אויפשטאַנד. איצט ליגן ווילנע, קאָוונע, יאַנעווע, ווי הונדערטער אַנדערע פּוילישע און ליטווישע שטעט און שטעטלעך, איינגעבעט אין אומעט, און אידן וואַרטן אויף בעסערע ציטן.
אין מיטן דער חשכות און דעם אומעט איז געפאַלן ווי אַ בליץ דאָס וואָרט: „משיח״. אידן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון ווילנע האָבן דערציילט, אַז לעצטן שבת נאָך שבועות האָט זיך אַ פּרוש אין ווילנער גאון׳ס קלויז אויפגעכאַפּט און גענומען שרייען אויפן קול, אַז דעם יאָר תרכ״ד מוז קומען משיח. עולם האָט אים אַרומגערינגלט און געפרעגט פונוואַנען דאָס איז געדרונגען, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט עס אַרויסגענומען פון דעם פּסוק

אין חומש דברים, וואו עס ווערט געזאָגט: „על במותיתמו תדרוך" (דו וועסט טרעטן אויף זייערע הויכקייטן).

— איז מאי קאַ משמע לן? (וואָס זשע לאָזט עס מיך צו הערן?) — האָט זיך אַן אַנדער פּרוש אַנגענומען פאַר דער באָרד ווי איינער זאָגט: „אַנו, באָרד, זאָג דו וואָס מען מיינט דאָ"...

— גאַנץ פּשוט, דערקלערט דער ערשטער פּרוש און זיין בלאַסער פּנים באַקומט אַן אַפּגלאַנץ, — „תדרוך" איז בגימטריא, באַטרעפט, תרכ"ד (624), אַזוי ווי תרכ"ד און דאָס באַווייזט, אַז אין תרכ"ד מוז קומען משיח.

— אַזוי איז שוין עפּעס אַנדערש, — האָבן די אַנדערע געגאַפּט פון התפּעלות.

ס'איז אַ זומערדיקער פאַרנאַכט אין קאָוונע. די זון שטייט הויך אין מיטן הימל. פון ליכט און פון היץ איז דער הימל מאַט־בלוי, כמעט וואַסערדיק. די טירן פון די קראָמען אין דער געטאָ שטייען אָפן ווי שוואַרצע שלונגען און די קרעמער אַליין זעט מען ניט. אַלע זיינען אַוועק הערן די דרשה פון דעם סאַלאַנטער משולח.

די שול מיט'ן אַלטן משופּע'דיקן דאַך, מיט די שטיינערנע ווענט, וואָס זיינען אינעווייניק אונטערגעשפּאַרט מיט הויכע זיילן, בויגט זיך מיט הכנעה צו דער מזרח־זייט. אין דער דורכזיכטיקער לופט גלאַנצן די צלמים פון דעם הויכן בלוי־קופּאָליקן קלויסטער־אַנטקעגן.

באַלד באַווייזט זיך דער הויכער לייבע פּאַק, וואָס וואוינט אין אויבער־שטיבל פון דער תלמוד־תורה און איז קהל'ס שמש. יעדן שבת פאַר ליכט בענטשן פלעגט ער אומגיין צווישן די קראָמען און שרייען מען זאָל זיי צומאַכן. זיינע געשרייען האָט ער באַגלייט מיט קללות אויב די קרעמערקעס פלעגן מאַכן אַ קרומע מינע, אָדער אויפן אָרט כאַפּן שליסן די געשעפטן. לייבע איז אַנגעטאָן אין אַ ברוינעם כאַלאַט, האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ בינטל גרויע שליסלען און זיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט אין דער שטיל.

די שווערע שול־טירן ברייט צעעפנט, האָבן איינגעשלונגען דעם עולם, וואָס האָט געשטראָמט פון פיר זייטן.

פון אַ שמאָלער גאַס זיינען אָנגעקומען אַ צענדליק אידן, לויטן הילוך קאָן מען דערקענען, ווער זיי זיינען און אַז כמעט אַלע זיינען קהל'שע אידן. וואָס האָבן אַ דעה אין שטאָט. אין די פענצטער פון די צוויי גאַרנדיגע זייטן הייזער אַרום שול זיינען געזעסן באָבעס, מאַמעס, אָנגעטאָן שבת'דיג און געשאָקלט פרום מיט די קעפּ.

אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקע היץ, אָבער אין שול האָט געהערשט אַ קילקייט. די מנורה איז געהאַנגען אַן אויסגעשייערטע לכבוד דער דרשה.

דאָס נאָכמיטאָג־ליכט האָט געטונקט די ווענט אין גאָלד־פלעקן. לאַטעס זון האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן דיל, פאַרכאַפּט שטיקער ווענט און דעם הויכן סופיט און ס'שאַרפע ליכט האָט געלאָזט וויסן, אַז אין דרויסן שטייט שוין די זון אין מערב און נאָך אַ פּאָר שעה און זי וועט איינגאַנצן פאַרשווינדן.

— ר' יצחק אלחנן וועט ניט קומען צו דער דרשה? — האָט פייבל דער גלעזער, אַ איד מיט אַ הייזעריג קול אַ פרעג געטאָן זיין שכן.

— ניין, ער קומט ניט? איך ווייס ניט פאַרוואָס! שאַ, אָט גייט ער, ניין, ס'איז אביגדור, דער מלוה בריבית (פּראָצענטניק).

— אביגדור, דער וואָוכערניק, אַ בלוטזויגער, וויל ווייזן, אַז ער איז אומעטום בעל הבית, — האָט פייבל מיטן הייזעריגן קול געענטפערט. ס'לעצ־

טע וואָרט האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עס זאָל זיך ווייט ניט פאַרטראָגן.

עס איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. דער עולם האָט זיך געהויבן פון די בענק.

— אָט איז ער! דער משולח פון סאַלאַנט!

דער שמש האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן. איין מאָל, נאָך אַמאָל, עס איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דעם אייגענעם קלאַפּ פון האַרץ.

דער משולח, אַ גרויער, שלאַנק ווי אַ טייטלבוים, אין אַ לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע, איז אַרויף אויף דער בימה, זיך איינגעוויקלט אין טלית. ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן, מיט אַזאַ מינע, גלייך ער האָט זיך אין עפּעס פאַרגעסן און זיך אויסגעדרייט צום עולם. זיין פּנים געל, ווי געלער מעש. די באָרד און פּיאות — ווייס, הגם גאָר אַלט האָט ער ניט אויסגעזען. זיין אויסזען האָט געוועקט כבוד. ער הויבט אָן רעדן. פון זיין לשון איז קאָנטיק, אַז ער שטאַמט פון ווילנע.

— מורי ורבותי! הייליגער קהל, — הויבט ער אָן מיט אַן איינגעהאַלטענעם ניגון. זיין קול צעוואַרעמט זיך און ער דערוואַרעמט הערצער.
— כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה" — דער נביא זאָגט, אַז דער טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרץ און דאָס יאָר פון אויסלייזונג איז געקומען! אומעטום וואו אידן וואוינען האָפט מען אויף דער גאולה.

פון דער מזרח־זייט דערהערט זיך אַ קול. אביגדור דער וואוכערניק הויבט זיך אויף.

— די נחותי־דרגא (פּראָסטע מענטשן) האָבן זיך געבונטעוועט. זיי גייען געגן מלכות! דאָס מיינט בלויז, אַז זיי וועלן ברייגנען גרעסערע צרות אויף אידן.

דער משולח האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ניין, מורי ורבותי! דער ירושלמי זאָגט, — האָט ער זיך צעזונגען,
— אם ראית מלכויות מתגרות זו בזו — אויב מלוכות רייצן איינס ס'אַנדערע
— צפּה לרגליו של מלך המשיח" — האָף און קוק אויס די טריט פון משיח'ן.

פון אַ ווינקל דערהערט זיך אַ פעסט קול. דן, דער בלעכער, האָט אויפגעהויבן צוויי פויסטן ווי צוואַנגען:

— זיי זיינען אַליין שולדיג, דער המון, פאַרוואָס האָבן זיי ניט גענומען קיין העק און שניידמעסערס און געשפּאָלטן די קעפּ...

— גערעכט! גערעכט! — האָט אהרן דער קצב אויסגעשריגן: — אויב מען קלעמט דיך איין און דו שווייגסט, איז אַ סימן האָסט ניט קיין נעגל!

דער משולח האָט איבער. די צוהערער, צווישן זיי דער קליינער בן ציון, זיצן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס.

ער הויבט ווידער אָן מיט אַ פעסט קול: — אָבער פון דער מרידה, פון דעם בונט . . .

— ברידער, ברידער, — דערהערט זיך אין זיין קול אַן איינגעהאַלטענער כליפּ, — לאָמיר האָפן אויף דער גאולה, וואָס איז ניט ווייט און מיט איין באַגער און נפש זיין גרייט ווען זי וועט ווידער אָנקלאַפּן אין אונזערע טירן...

דער משולח האָט אָפּגעהאַקט. ער האָט אַ קוש געטאָן דעם פּרוכת און איז אַראָפּ פון דער בימה. דער עולם האָט זיך געלאָזן אין דער שווערער טיר. אין דרויסן איז נאָך געווען היים. געגן דער פאַרגייענדיגער זון האָט

זיך איצט געבליִכט די לבנה, גלייך די זון וואָלט געוואָלט אַריין אין איר גבול און הערשן אויך ביינאַכט.

און שפּעטער, ווען בן ציון איז שוין אַהיים־געגאַנגען, און געזען ווי דער זומערדיגער בייטאָג טונקלט און אַנטקעגן דער טונקלקייט צעפלאַקערט זיך אַ רויטע שקיעה, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זעט ער משיח'ן און דאָס קלייד פון נקמה ברענט אויף אים ווי אַ פלאַקער־פייער און וואַרפט פון זיך פלאַקער־דיגע שטראַלן, וואָס פאַרניכטן אַלץ און ער האָט אין דעם געפונען אַן ענטפער אויף אַ סך פראַגן.

אין ווילנער סעמינאַר

יאָרן גייען, און מיט יאָרן — וואוקס. און אָט איז שוין בן ציון פערצן יאָר אַלט און גרייט זיך אַריינגיין אין „שקאָלע", אין דער קאָוונער מלוכה־שול.

גאָלדע נאָוואַכאָוויץ, בן ציונ'ס מאַמע, האָט שטאַרק ניט געוואָלט איר בן יחיד זאָל גיין אין דער שקאָלע, מורא געהאַט ער זאָל ניט אַרויסגיין לתרבות רעה (אויף שלעכטע וועגן).

בן ציון האָט שוין אָבער פליסיג געלערנט רוסיש, דייטש, און פון צייט צו צייט אַליין עפּעס אָנגעשריבן. ער האָט זיך באַקאַנט מיט חבר שמואל דאָן, אַ שילער פון דער שטאָטישער שול, אַ פופצן־יאָריג בחור'ל מיט רויטלעכע פולע באַקן און מיט לעבעדיג קלוגע אויגן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער „פאַנטאַזיאָר" און פלעגט אויסטראַכטן מעשיות פון לעבן פון חיות, בהמות און עופות און האָט דערוועקט אין בן ציונ'ען נאָך אַ גרעסערן חשק צו שרייבן.

גאָלדע אין אַ זיידענעם טיכל, איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע און יעדעס מאָל אָפּגעזיפצט. זי האָט געהאַט צער וואָס איר בן ציון האָט אַוועקגעוואָרפן די פרומקייט, שלינגט השכלה־ביכער און האָט שוין עטלעכע מאָל דערקלערט, אַז ער וועט בשום אופן ניט ווערן קיין רב, קיין דיין, קיין חזן אָדער שוחט.

עס איז אַריינגעקומען זיסל. ער האָט זיך געוואַשן די הענט, זיי גע־ווישט מיט אַ האַנטוך און מורמלנדיג עפּעס געשאָקלט מיט'ן קאָפּ. גאָלדע האָט געוואָלט מיט אים רעדן וועגן בן ציונ'ען, אים פרעגן פאַרוואָס איר בן־יחיד זיצט איבער טריף־פּסול'ס, עפנט קיינמאָל קיין גמרא ניט. זי האָט אַראָפּ־גערוקט דאָס טיכל און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיסל איז איר פאָראויס־געלאָפן, ווי ער וואָלט געלייענט אירע געדאַנקען.

— שטער אים ניט, שטער אים ניט אין זיינע דרכים, גאָלדע, — האָט ער געזאָגט, — בן־ציון וואַקסט אַ כלי, אַ משורר, ער וועט זיין אַ אידישער בערנע, אַן אַנדערסען.

— אַ וואָס וועט ער זיין ? — האָט גאָלדע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — אַך, וואָס ווייסט זי גאָלדע וועגן בערנע'ן, — האָט זיסל געטראַכט און באַ־שלאָסן מער ניט צו רעדן צו איר. בן ציון איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, צעשפּרייט אַ בויגן פּאַפּיר, גענומען אַ בלייפעדער אין האַנט און אָנגעוואָרפן אותיות אויפן בויגן.

ער האָט אָנגעשריבן אַ פאַבל לויט קרילאָוו'ן.

פרילינג, 1870.

גאנץ פרי איז אין אינטערנאט פון ווילנער ראבינער סעמינאר נאך שטיל. א שוואכע שיין פאלט פון די ליכט, וואס הענגען לעבן די ביישטידלעך פון די טירן, די בעטלעך זיינען ניט איננאנצן באלויכטן.

אייניגע סטודענטן זוכן די ערשטע בלאווקייט פונם באגינען; זיי זשמורען די אויגן, ווען זיי באגעגענען זיך מיט דער שיין פון די צאנקענדיגע ליכט. ס'איז דא א סימן, אז אינגיכן וועט אנקומען דער טאג, ווייל די ליכט זיינען אויסגערעכנט פונקט ביז א געוויסער שעה. אייניגע שלאפן נאך גאנץ געשמאק.

אין א ווינקל זיצט א בחור און שרייבט אפנים א ליד. ער חזר'ט שוין איבער אפשר צום צענטן מאל די גראמען. א צווייטער חזר'ט אויף אויסנ־ווייניג י. ל. גארדאנ'ס א געדיכט.

לעבן א טישל, וואס שטייט ניט ווייט פון דער ליכט, זיצן צוויי ביינאכטיג טונקעלע סעמינאריסטן מיט צעפלאנטערטע האר און שפארן זיך שטילערהייט איבער א פראזע פון א רוסישן בוך.

א שטארקער קלונג רייסט אויף די ערב־באגינענדיגע שטילקייט און וועקסט אויף די דרימלענדיגע סעמינאריסטן.

ס'קומט אן דער עלטער אויפזעער לאנדינסקי און מען כאפט זיך אויף גיך אנטאן. שפעטער שטייט מען שוין אין זאל און מען דאוונט. ניט אלע דאווענען, אייניגע האלטן ביכער אנשטאט סידורים און מען מאכט זיך, אז מען דאוונט געשמאק. אין מיטן דאווענען קאן מען הערן:

— אהרן, האסט דעם „עיט צבוע" ? (געפארבטער פויגל, א ראמאן פון העברעאישן שריפטשטעלער אברהם מאפו).

לאנדינסקי דרייט זיך דורך, קוקט אריין אין די אויגן, אין די הענט מיט די סידורים. אז די חברה צעלאכן זיך טוט לאנדינסקי זיך צוערשט א בייזער, נאר דערנאך רוקט ער זיך אפ. שמועסן זיך ווידער איבער די צוקונפטיגע „ראבינער".

— אהרן, האסט געהערט וואס זונדל האט אפגעטאן ?

— למשל ?

— ער האט אויף יענער זייט וויליע, געבונדן א הונט מיט ציצית און אים אנגעטאן תפילין.

— א הונט דארף דען לייגן תפילין ?

— און ראוויניסטן דארפן יא ?

א געלעכטער. לאנדינסקי לויפט תיכף צו. דער וואס שטייט ביים עמוד פלעכט אומיסטן אריין א פאר ווערטער פון נעקראסאוו'ס א ליד אין א שטיקל תפילה. ער חזר'ט איבער דאס ווארט אן א שיר מאל, און גיי זאג אים, אז ס'איז ניטא אין דער הייליגער פרימארגן־תפילה, וואס די ווילנער ראבינוטשי־קעס מוזן אלע טאג איבערקומען.

בן ציון נאוואכאוויצ'ן, דעם נייעם סעמינאריסט, עקלט פון די היפאקריטן און דער היפאקריטסטווא. ער ווארט אומגעדולדיג מען זאל זיך אפפארטיגן מיט דער קאמעדיע און ער וועט אנטלויפן צו זיך אויף דער קווארטיר אין שניפישאק, דער אלטער ווילנער פארשטאט.

בן ציון שפאנט פאמעלעך אין דעם טייל פארשטאט, וואו אויסגעבויגענע רוקנס פון הייזער זיינען אזוי אומעטיג און דערמאנען אין ארעמקייט און נויט. אט גייט ארויס אן אלטיטשקער, א פארוויקלטער אין טראנטעס. עס

פירט אים אַ קליין אינגעלע ביי דער האַנט, מעגלעך, דער אַלטיטשקער איז אַ בלינדער. זיי גייען אַרום מיטן טאָג צו קלייבן נדבות.

אין אַ פענצטער פון אַן איינגעבראָכן הייזל שטעקט אַ היפּשע ברודיגע קישן. געוויס האָט מען זי געדאַרפט האָבן אויף ביינאַכט אונטערצולייגן צוקאָפּנס. ס'איז אָבער קאַלט, מוז מען מיט איר פאַרשטעקן די לאָך אין פענצטער. עס דערהערט זיך אַן אומעטיגער קלאַפּ פון אַ טיר: אַ וואַסער־פירער קלינגט מיט די עמער. ער גייט אַרום אויף דער טאָג־אַרבעט.

אַ האָן טוט אַ קריי וואָס פאַרלירט זיך ערגעץ אינדערוויַיט.

אימיצער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף בן ציונ'ס אַקסל, רייסט איבער זיין טראַכטן. בן ציון קערט אום דעם קאָפּ. ס'איז לייבל ווײַנער.

— בן ציון, ווייסט ווער ס'איז דאָ אין שטאָט?

— ווער?

— אורי אברהם קאָוונער.

— אַך, קאָוונער?

פאַר בן ציונ'ען איז קאָוונער געווען אַ ליכט־טורעם. ער האָט אים ממש פאַרגעטערט. ער האָט געטראָגן אַ שנאה אויף אַלע ראַוויניסטן, וואָס גרייטן זיך צו זיין קאַזיאָנע ראַבינער און עסן יום־כפּור, צווישן מוסף און מנחה, אויפן בוידעם אין שול. יעדער העברעאישער שרייבער האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ תלמיד פון סעמינאַר, אַ צבועק. אַנדערש איז געווען קאָוונער. בן ציון איז איבערראַשט געוואָרן פונם פרישן טאָן, וואָס קאָוונער האָט מיט זיך געבראַכט. בן ציון האָט אים גענומען ציטירן באַגלייך מיט פּיסאַרעוו'ן און דאָס האָט ביי איניגע סעמינאַריסטן גאָר־גאָר אויסגענומען.

בן ציון האָט איינגע'חזר'ט אַ ציטאַטע פון קאָוונער'ן:

„די אידישע ליטעראַטן זיינען ציטערנדיגע בלימעלעך, ווייל זיי ווייסן ניט פון קיין לעבן און ניט פונם פאָלק־גייסט, זיי טראַכטן ניט פון פאָלק־נויטן; זיי שרייבן בלויז צוליב דעם, אַבי אַ שיין טאָן מיט אַ גלענצנדיגער ביבל־שפּראַך. די העברעאישע שרייבער שרייבן ניט פאַר דעם לייענער, זיי שטרעבן ניט אַריינצוהויכן דאָס נייע לעבן אין האַרצן פון פאָלק . . . דאָס אינטערע־סירט זיי ניט, זיי שרייבן אויס קנאה צו יענעמ'ס רום, כדי צו ווייזן זייער גרויסקייט לגבי אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען אַזוי עם־האַרציש ווי זיי אַליין".

איצט, הערנדיג, אַז קאָוונער איז דאָ אין שטאָט, האָט בן ציון באַשלאָסן גלייך זיך טרעפן מיט אים. ער איז געלאָפן צוריק אין סעמינאַר.

קאָוונער איז געשטאַנען אין אַ רעדל פון אַ צאָל סעמינאַריסטן, אַ קליין־וואוקסיגער האָבן זיי אים אינגאַנצן פאַרשטעלט. בן ציון האָט זיך געשטופּט צו קאָוונער'ן. לעבן די עטלעכע בלויע גימנאַזיסטישע גאַרניטערס, באַפּוצט מיט ווייסע קאַנטן, האָט בן ציונ'ס ראַוויניסטיש היטל מיטן שוואַרצן דאַשיק אויסגעזען ווי טרויעריג. קאָוונער'ס קליינע אויגן האָבן זיך גלייך אָפּגעשטעלט אויף אים.

בן ציון האָט זיך צו אים אַ לאָז געטאָן.

אַ סעמינאַריסט פון קרייזל האָט געזאָגט:

— נאַוואָכאָוויץ איז אַ גוטער העברעער, הער קאָוונער, ער דערמאָנט אייך אָפּט.

בן־ציון האָט ניט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פון קאָוונער'ן.

— יאָ, איר מוזט אומבאַדינגט האַלטן אַ רעפעראַט ביי אונז.

קאָוונער'ן האָט, קענטיג, הנאה געטאָן. ער האָט געזאָגט:

— כאַפּט זיך אַריין צו מיר. מיר'ן זען...
ווען קאָוונער איז אַוועק האָט דער געזונטער ליבל ווײַנער מיט זײַנע טיפֿע אויגן ווידער אַרויפֿגעלייגט זײַנע ברייטע הענט אויף בן ציונ'ען:
— וואָס איז די גדולה מיט דעם קאָוונער'ן?
— וואָס מיינסטו? — האָט זיך בן ציון אָנגעשטרענגט.
— נו, דער קאָוונער דײַנער, איז דאָך אַ קליין מענטשעלע. אָט טשער־נישעווסקי, פּיסאַרעוו, דאָס זײַנען אַנדערע וועלטן, ניט אַזוי קליין ווי די וועלט, פֿון וועלכער עס רעדט קאָוונער.
בן ציונ'ען האָט פֿאַרדראָסן זײַן חבר'ס חקירה. פֿון יענער זײַט שוועלער טיר, האָט ער ניט פֿאַרגעסן אָפּצוענטפֿערן זײַן חבר:
— קאָוונער איז אַ פּאַרשוין ניט פֿון קיין קליין וועלטעלע. האָסט ניט געלייענט זײַנע מאמרים.
— געלייענט, געלייענט. ער שלאָגט זיך מיט די העברעאישע שריפֿט־שטעלער. עס גייט מיר ניט אָן. פֿאַראַן אַ וועלט...
בן ציון איז אַוועק אין ווילנער דרויסן.

ביים דירעקטאָר פֿון ראַבינער סעמינאַר, דעם משכיל שמואל יוסף פֿין, האָט שוין בן ציון געוואַרט אַנטקעגן אַ האַלבע שעה. פֿין איז ניט געווען אינדערהיים.
בן ציון האָט דערווייל באַטראַכט דעם אויפֿגעראַמטן ציכטיגן צימער. אָן עלטערע אידענע האָט זיך עטלעכע מאָל דורכגעדרייט און געקוקט בן ציונ'ען אין די הענט אַריין, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל עפּעס ניט צונעמען. ווען בן ציון האָט פֿאַר'חידושט אַ קוק געטאָן אויף איר, האָט זי געמאַכט אַ פּרום פּנים, זקנ'יש ביטערע פֿאַרקנייטשט די אויסגעלעבטע אויגן און זיך פֿאַרענטפֿערט:
— עס קומט צו אונז זעלטן אַ מענטש. אַנומעלטן איז געווען איינער פֿון אייערע תּלמידים, האָט ער אָנגעטראָגן אַ פֿולע שטוב מיט בלאָטע, קוק איך אויף אייערע פֿיס.
דער אַלטער דירעקטאָר איז אינגיכן אָנגעקומען.
דערזען בן ציונ'ען האָט ער זיך אָנגערופֿן:
— אַ, נאַוואָכאָוויץ גאָר ביי מיר. זייער וואויל, זייער פֿײַן.
פֿין האָט אַ קעם געטאָן מיט די פֿינגער זײַן שיינע באָרד, אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן אין אַ ווינקל.
און אַז ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש האָט אַ דינסט דער־לאַנגט טיי מיט צובייסן. בן ציון האָט זיך אָנגערופֿן:
— קאָוונער איז דאָ אין שטאָט.
— נו, — האָט פֿין פֿאַרקנייטשט דעם שטערן.
— מען דאַרף אים אײַנלאַדן האַלטן אַ רעפֿעראַט.
— ווער זאָל אים אײַנלאַדן?
— מיר.
— ווער איז דער מיר? — פֿרעגט אייַלנדיג דער דירעקטאָר.
— דער דירעקטאָר מיט די תּלמידים.
פֿין האָט באַטראַכט דעם תּלמיד, ביי וועמען די באַקן זײַנען געווען פֿאַררויטלט, ער האָט אַ זופּ געטאָן פֿון דער גלאָז טיי און געזאָגט:
— ווייס איך וואָס, ס'אַ אייגל דער קאָוונער, און דו ווילסט אים געבן כבוד. דײַן שפּראַך איז דאָך אַ גאָלדענע, וואָס דאַרפֿסטו זי אויסברייינגע־

אויף דער רוח ווייסט וואָס, שרייב בעסער שירים, שרייב בעסער מעשות. די שפּראַך פון די הייליגע נביאים פּאַלט אריין אין מויל פון אַזעלכע ווי קאָוונער, ווערט זי פּאַרברענט.

פּין האָט געזען ווי בן ציון האָט ברוגז׳לעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט ער אונטערגעוואָרפן נאָך אַ וואָרט:

— ער איז אַ ניהיליסט, דער קאָוונער.

— און אַז אַ ניהיליסט איז וואָס?

פּין האָט אַ רגע געשוויגן. דערנאָך האָט ער פּלוצים ארויסגענומען אַ ספר און גענומען מישן די בלעטלעך:

— אָט וועל איך דיר געבן לייענען.

בן ציון האָט געקוקט ווי פּינ׳ס איידעלע הענט לויפן איבער די זייטלעך פונ׳ם בוך:

— אָ, געפונען! לייען!

— וואָס איז? — פאַרשטייט ניט בן ציון.

— עס שטייט דאָ בפירוש געשריבן, אַז דער וואָס איז מורד במלכות, דאַרף פאַרשטיינט ווערן.

— זעט איר, — האָט בן ציון אָפּגערוקט די גלאָז טיי, — איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס זאָל זיין אייער ענטפער. ס׳איז מיר ממש אַ חידוש... אַ חידוש! — האָט ער מיט אויפרעגונג פאַרענדיגט.

קענטיג, אַז דער דירעקטאָר האָט זיך אַביסל פאַרלוירן. ער האָט זיך צעשמייכלט און געשוויגן. בן ציון האָט זיך אויפגעשטעלט, באַוויזן, אַז מער האָט ער דאָ ניט וואָס צו טאָן. ער האָט פאַרביטערט צענויפגעקלעמט די ליפּן און אַ מורמל געטאָן: „אַ גוטן טאָג" און איז אַרויס פון צימער.

פּין האָט נאָכדעם נאָך לאַנג געמישט דאָס ספר׳ל. שפּעטער אַביסל האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער פאַרשעמט איבערגעלאָזענער גלאָז טיי...

אויף זיין אכסניה האָט אויף בן ציונ׳ען געוואַרט אַ בריוו פון דער היים. זיין פאָטער האָט אים געשריבן ער זאָל קומען אהיים, ווייל ער האָט פאַר אים אַ שטעלע אין אַ געשעפט.

בן ציון האָט באַשלאָסן פאָרן צוריק קיין קאָוונע, פאַרדינען געלט און אריינטרעטן אין קאָוונער גימזאַניע. עטלעכע טעג פאַר ראש השנה איז ער צוריק געווען אין קאָוונע.

צווישן משכילים

פאַרנאַכט האָט זיך געעפנט אין צימער די טיר און עס האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ פון דער באַלעבאָסטע. עס איז געווען האַלב טונקל. היינט ווען דער לערער איז געזעסן פאַרטאָן אין לייענען און דער תלמיד — דער ניין יאָריגער דניאל׳קע, — האָט זיך מיט עפּעס געשפּילט, האָט זיך דערהערט איר קול:

— איר וועט טרינקען טיי?

סיי דער לערער, בן ציון, סיי דער תלמיד, האָבן ניט באַמערקט, ווי ס׳איז צוגעפאַלן דער ווינטערדיגער אויפדערנאַכט און באַקלעפּט די שויבן מיט טונקל־בלאָווער קעלט.

דער לערער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אין אַ העפט פון „השחר״. דאָס געגרייזלטע אינגעלע האָט זיך געשפּילט מיט פאַרשיידענע גלעזלעך און פון צייט צו צייט פאַרריסן די אויגן צום לערער, וואָס איז געווען פאַרטאָן אין לייענען.

— מען רופט, — טוט ער שפּעטער אַביסל אַ טאָרע דעם הויכן יונגן לערער.

— ווער?

— די מאַמע, טרינקען טיי.

— איך האָב געהערט. דו גיי, איך וועל דאָ עפּעס פאַרענדיגן.

די ליכט האָבן לייכט געקנאַקט. די מוטער איז אַריינגעקומען. זי האָט געוואָלט וויסן ווי דניאל׳קע לערנט זיך. אַז מען דאַרף גאָרניט ער זאָל גיין אין גימנאַזיע. ס׳וועט זיין גענוג, אַז איר זינדל וועט קאָנען מאַכן אַ חשבון און זיין אַזאַ סוחר, ווי איר מאַן, און פּליטן וועלן גיין איבער׳ן ניעמאַן, און פאָרן וועט ער אַזש קיין מעמל און קיין קעניגסבערג.

אויף וואָס דאַרף מען האָבן זיסל׳ס זון, דעם לערער. פּטר׳ן געלט . . . די אידענע האָט זיך אַליין איבערגעשלאָגן די געדאַנקען, אים איינגעלאַדן טרינקען טיי.

בן ציון האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט: ער דאַנקט, און ניט אָפּגעריסן זיין בליק פונם „השחר״. דאָס האָט ער געלייענט אַ ליד פון איינעם י. ל. קאַנטאָר, וואָס האָט אים איבערראַשט מיט׳ן אינהאַלט.

„מאמינים אנחנו — מיר גלויבן —
אַז ס׳וועלן מער ניט הונגערן די אָרעמע מענטשן.
אַזוי ווי רויך וועט פאַרשווינדן רייכקייט
ניט געשאַפענע פון אייגענער אַרבעט.

מיר גלויבן, אַז די פעלקער פון דער וועלט
וועלן מער ניט פאַרניכטן איינע די אַנדערע,
אַז פאַר אַ שטיקל ערד וועט מען ניט שיסן,
פאַר דומער ערע קיין בלוט פאַרגיסן . . . ״

אינגיכן איז אָנגעקומען בן ציונ׳ס חבר שלומ׳קע זאַקס. אַ הויכער, מיט אַן אײדל פּנים, מיט בלאָנדע האָר, און ביידע זיינען אַרויס אינם אויפדערנאַכט.

אין הויף פון דער קאָזונער מלוכה־שול האָבן זיי דערזען אַ הויך־געוויקסיגן מאַן אַרויסגיין פון הויף צו דער יאַנאַווער גאַס. ער איז כמעט געווען בלינד. דער געדיכטער שניי האָט אים אינגאַנצן ווייס געמאַכט. עטלעכע אינגלעך האָבן אים נאָכגעקוקט און נאָכדעם געשמועסט וועגן אים.

— ווער איז ער? — איז בן ציון צוגעגאַנגען צו איינעם.

— דאָס איז מאַפּקע דער אַפּיקורס! — האָט אַ הויך אינגל געענטפערט מיט אַ פייערל אין די אויגן.

דאָס איז געווען דער ראָמאַניסט אברהם מאַפּו, דער פאַרפאַסער פון ביבלישן ליבע־ראָמאַן „אהבת ציון״.

שלומ׳קע זאַקס איז שוין געווען אַ פאָלנער משכיל, אַן אַפּיקורס און האָט זיין אַפּיקורסות געוואָלט איינפלאַנצן אין זיין חבר.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם קאַשציאָל. די טירן זיינען געווען ברייט צעעפנט און די פלעמלעך פון די וועקסענע ליכט האָבן זיך געשפּיגלט אין די שאָטנס. פרויען אין שוואַרצן האָבן געקניט ביי די שטיינערנע אַלטאַרן.

בלאַסע מאַנאַכן אין לאַנגע ברוינע כאַלאַטן מיט גאַרטלען און טראַלדן, האָבן זיך גאַטפּאַרכטיק געשאַרט ביי די בענק.

פונם אריינקוקן אין טיר איז בן ציון׳עס געוואָרן אומהיימלעך.

— אמת׳ע געצנדינסט, ס׳אַרא פינצטערניש, — האָט בן־ציון אָנגעריירט שלום׳קעס האַנט.

— אַלע אמונות זיינען ענלעך, — האָט שלום׳קע געענטפערט.

— מען קען ניט פאַרגלייכן אונזער אמונה צו זייערער, — האָט זיך בן ציון אָפּגעשטעלט, אויסגעזען העכער.

— פאַרוואָס קאָן מען ניט? — האָט שלום׳קע געפרעגט מיט שפּאָטישן ניגער.

— גאָר פשוט, ווייל זיי גלויבן אין הילצערנעם צלם.

— און אין וואָס גלויבסטו? אין פּאַרמעט, אין אַלץ וואָס איז געשריבן אויף פּאַרמעט, שוטה וואָס דו ביזט! — האָט שלום׳קע, מעשה אויפגע־קלערטער, גע׳מוסרט זיין חבר.

יענע נאַכט איז שוין בן ציון ניט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געטראַכט וועגן זיין חבר, דעם „כופר בעיקר" און טאַקע וועגן פּאַרמעט, וועגן גלויבן אין זאַכן, וואָס זיינען געשריבן פון אַ מענטשן, אַ מענטש אַ בשר ודם, פון בלוט און פלייש, ווי ער, בן ציון, ווי שלום׳קע...

שבת פרי אין אַלטן בית מדרש. די לופט, וואָס איז ערשט געווען אָן אָנגעבלאָזענע פון ווייסע טליתים, ווי אויפגעהויבענע פליגלען, איז איצט דינער. אַ טייל פון עולם דאַוונער לאָזן זיך אין פּאָליש, בעת מען לייענט די תורה. דער משכיל דוד הימלשיין שמועסט מיט זיסל נאַוואַכאָוויטץ׳עס בן יחיד, וואָס גיט שוין „אוראָקן". דוד איז אַ איד מיט אַן אונטערגעשוירן בערל און מיט פאַרשטענדיגע, שאַרפע אויגן. ער האָט דעם טלית אויף די אַקסלען, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און הערט זיך צו די שאלות, וואָס בן ציון פרעגט אים:

— סטייטש, ווי אַזוי האָט משה געקענט שרייבן די תורה און אויף זיך אַליין זאָגן: „והאיש משה ענו" (דער מאַן משה איז באַשיידן). דאָס איז דאָך אַן אומגעהויערע גאווה?

— קוק אריין אין „מורה נבוכי הזמן" פון קראָכמאַל׳ן און ס׳וועט דיר קלאָר ווערן, — הויבט אויף דוד הימלשיין אַ פינגער אין דער הויך.

— און פאַרוואָס איז אהרן, וואָס האָט געמאַכט אַ קאַלב, ניט באַשטראָפט געוואָרן, און זיינע צוויי זין, וואָס האָבן מקריב געווען אויפן מזבח אַ „פרעמד פייער" יאָ פאַרברענט געוואָרן? עס איז דאָך אַ קלענערע עבירה.

— שייך צו פרעגן, אַז מען דאַרף לייענען קראָכמאַל׳ן, דעם „ביאור" פון משה מענדעלסאָן... — מען רעדט און מען רעדט אין פּאָליש ביז מען פאַרשפּעטיגט דעם מוסף...

אויף די טרעפּ פון ווייבער־שטיבל. שרה גאָלדמאַן, די נגידות׳טע, און זלאַטע יאַכעלזאָן, די שניט־קרעמערין, גייען אַראָפּ פון די טרעפּ. ביידע מיט פּאַטשיילעס אויף די קעפּ און מיט סידורים אין די הענט.

— דוד גייט אריין אין בית מדרש אויסטאָן דעם טלית.

— אייסעך, אַ דאַגה, וועט מען אריינכאַפּן מיט אַ שטיקל מוסף ווייניגער, — זאָגט דער עלטערער משכיל.

— איך האָב שוין דעם שחרית אויך פאַרטאַכלעוועט — ענטפערט בן ציון.

צו ביידנס אויערן דערגייט דער וויטלעכער רויש פון מזרח זייט, וואו דער אַלטער גאון, דער קאָוונער רב ר׳ יצחק אלחנן, זיצט איבער אַ ספר. די

יאַרמעלקע הויך אַרויפגערוקט. די האָר צעשויבערט. דער ברייטער שטערן פול מיט גרויסע שוויס־טראָפּנס און די אויגן איינגעגראָבן אין ספר.

עפּעס האָט פּלוצלינג אַ שטראַל געטאָן פאַר בן ציונ׳ס אויגן. ער קערט זיך אום צו הימלשיינ׳ען און ביים אַרויסגיין זאָגט ער:

— איר ווייסט, הימלשיין, ער, ר׳ יצחק אלחנן, ער איז אַ נאַאיוועך גלוביבינגער, אָבער אַ ערלעכער, דער קאַזיאָנער רב אונזערער, פיינשטיין, דאָס איז אַ היפּאָקריט פון ערגסטן מין.

— שייך צו זאָגן... — ענטפערט הימלשיין און זיינע אויגן שמייכלען — נו, שרייב אָן, שרייב עפּעס אָן אין „המגיד". ביסט דאָך אַ כתבא רבא (אַ גרויסער שרייבער)... שייך צו זאָגן... הע... הע...

פאַרן פאַרמאַכן די טיר, דרייט זיך ווידער בן ציון אויס, זעט ווי ר׳ יצחק אלחנן אין טלית און אין די ווייסע זאָקן זיצט נאָך אַלץ איבער׳ן ספר און אים דאַכט זיך, אַז דעם אַלטנ׳ס נשמה איז גאָר ריין און לייכט אַרויס דורכ׳ן ווייסן טלית...

בן ציון האָט געוואַרט ביי אהרן לונצ׳ן, דעם עסיק־מאַכער אין הויז, ביז דער באַלעבאָס וועט אים אַרויסברייינגען פון קעלער אַ פלעשל זויערן וויין זיסלען אויף הבדלה. אין שטיבל האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון עסיק. דער באַלעבאָס איז אַריינגעקומען. זיין פּירקאַנטיג לצ׳ניש פּנים, זיינע זאַפראַן־אויגן און די דינע ליפּן האָבן ניט גערוט. ער האָט אויסגעשטעלט דאָס פלעשל און גערעדט:

— אביגדור דער וואָוכערניק האָט נאָך ניט אָנגעזעצט? ער איז דאָך אַן עסקן, ווי דער טאַטע דיינער, להבדיל. זאָג מיר, איך בעט דיך, ווייסט אפשר, וואָס דער חילוק איז צווישן אַן ערלעכן סוחר און אַ גנב?

— איך ווייס ניט, — האָט בן ציון געענטפערט מיט אַ שמייכל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט דאַרף שוין קומען עפּעס אַ ווערטל, אָדער אַ מעשה.

— דו ווייסט ניט? איך ווייס אויך ניט! — האָט אהרן לונץ געזאָגט און זיינע שיטערע ציין מיט די דינע ליפּן האָבן געשמייכלט... — זאָג מיר אָבער, דו פאָרסט דאָך, דאַכט זיך מיר אָפּ די טעג, וואוהין? ווידער קיין ווילנע...

— ניין, קיין אַריאָל.

— אזוי ווייט?

— יאָ, איך וועל דאָרטן אַרבעטן אין פיינבערג׳ס קאַנטאָר.

— אזוי? גוט, וועסט שוין דאָרט זיך דערוויסן דעם חילוק צווישן ערלעכע סוחרים און ניט־ערלעכע...

— נו, פאָר מיר געזונט און פאַרגעס ניט שרייבן, געדענק.

צווייטער טייל

י ו ג נ ט

רעבעקאַ, דער לערער און דער נייער בוכהאַלטער

קיינער האָט ניט געדענקט אַזאַ שפּעטן הארבסט ווי אין יאָר 1874. ס'איז שוין געווען פאַר די קריסטלעכע יום־טובים, נאָך דער הארבסט איז נאָך שווער געלעגן איבערן אָריאַלער טייך אָקאַ און איבער די גרויע, פון רעגן פאַרפוילטע פעלדער אין דער גאַנצער געגנט.

יעדן באַגינען פלעגן ווינטן אָנטראָגן וואָלקנס, ווי בערג, וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן הימל און געשראָקן מיט בייזע רעגנס. אין די סטעפּעס האָבן פּויערים טרויעריג געקוקט אויף די וואָלקנס און אויף די צעווייקטע זומפּיגע פעלדער. אַלע יאָר אין דער צייט ליגט זיך שוין אויס אַ שניי און וואַרעמט דאָס ווינטער־ברויט. דאָס יאָר זיינען די הימלען ווי בליי און האַלטן אין איין אויסליידיגן טייכן וואַסער. עס מבול'ט אָן אָן אויפהער.

קיינער האָט ניט געוואוסט צי דאָס איז אַ צייכן, אַז גאָט איז אין צאָרן אויף די פּריצים, אָדער ער וויל גאָר באַשטראָפן די פּוערים.

אַ שפע פון קאַרטאָפל, ווייץ און האָבער האָבן די פּריצים פאַרמאָגט, און די פּויערים, וואָס זיינען מיט 13 יאָר צוריק באַפרייט געוואָרן פון לייב־קנעכטשאַפט און האָבן באַוואוינט די דערפער און גיטער, האָבן איצט אונטערטעניג געדינט די פּריצים. זיי האָבן געדולדיג געטראָגן דעם נייעם שווערן יאָך פון די רייכע פּריצים. איז דער הערשער געווען גוט און גנאַדיג, זיינען די פּויערים געווען געמיטלעך־פריילעך, און אַז דער פּריץ איז געווען אַ בייזער, האָבן די פּויערים באַטראַכט זיין צאָרן ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר זינד.

אַ פּריץ קומט און אַ פּריץ גייט. איינער איז בעסער, דער אַנדערער — איז ערגער. די פּויערים טראָגן דעם יאָך ווי זייערע אָקסן אויף די פעלדער און די זון שיינט פאַר גוטע ווי פאַר שלעכטע. אַ רעגן נידערט, זאַנג רייפט און בוים בליט. די ערד שטייט אייביג, אָבער די צייטן בייטן זיך. דאָס אַלטע הויבט זיך אָן איבערצוטוישן. אַ נייע צייט קומט אָן.

פון אַלע זייטן אָריאַל, אַ קרייז־שטאָט אין „טיף־ראָסיע, פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט שוואַרצע וועלדער. צווישן שטאָט און וועלדער שפּרייטן זיך אויס לאָנקעס, תבואה־פעלדער. עס ווייעט אַרום דער שטאָט מיט אַזויפיל פעלדישער שטילקייט, אַז ניט ווילנדיג קומט אויפן געדאַנק די צייט, ווען דאָ איז נאָך קיין ישוב ניט געווען און דער שפּיגלדיגער טייך אָקאָ, וואָס גייט דורך דער שטאָט, איז אַמאָל געווען דאָס איינציגע, וואָס האָט זיך גערירט און באַוועגט. דעמאָלט איז נאָך די אָקאָ געווען פריי. אירע ברעגעס זיינען ניט געווען אַרומגענומען מיט קיין דאַמבעס. דאָס איז געווען זייער לאַנג, אפשר מיט הונדערטער יאָרן צוריק. איצט צעטיילט די אָקאָ די שטאָט אויף צוויי טיילן, אַ גרעסערן און אַ קלענערן.

פון איין זייט, פון דער זייט פון דעם פריץ אַנדריעוויטש'עס פעלדער און וועלדער, און פון דער אַנדערע זייט איז געבויט די שטאָט גופא, מיט אירע ציגלדיגע קראָמען־רייען, מיטן פייערלעשער־טורעם, מיט דער באַן־סטאַנציע.

קיין סך אידן זיינען אין אָריאָל ניט געווען, בלויז אַ צאָל אויסגעדינטע „ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן" און סוחרים פון „ערשטער גילדע" אָדער זייערע באַדינער.

קיין אָריאָל צו דינען אין דעם קאָוונער באַנקיר'ס אָפּטיילונג, איז בן־ציון אָנגעקומען אין אַ כמורנעם האַרבסטיגן סוף־טאָג. קאַשטאַנען זיינען געפאַלן אויפן טראָטואַר, אויפן שטיינערנעם ברוק, זיך געוואַלגערט פאַר די פיס, אויסגעשטעלט פון די צעקנאַקטע גרינע שיידלעך זייערע ברוינע יאָדערן, פייכטלעך־גלאַנציגע. דער טייל שטאָט, וואו חנן קליוואַנסקי, פיינבערג'ס קאָנטאָ־פאַרוואַלטער, האָט געוואוינט, איז געשטאַנען אין דער הייך פון דער גאַס. ווייט אַרום האָט מען געזען דעכער, וועגט און קלויסטער־קופּאָלן, סעדער און לאַנגע שורותביימער אין זשאַווערדיגן טונקעלן רויטס. אַ ווינט האָט באַוועגט די ביימער ביי די זייטן גאַס. זיי האָבן געציטערט, געפיבערט, ס'האָט געשמעקט מיט לאַנג אָפּגעשאָטענעם וועלקנדיגן בלאַט.

בן־ציון האָט זיך געמאָלדן צו קליוואַנסקי'ן און יענער האָט אים מיטגעשיקט זיין באַדינער, ניקאָלאַיע'ן, אָנווייזן אויף זיין צימער.

בן־ציון האָט זיך געפילט מיד, אין צימער איז געווען קילבלעך. ער האָט זיך צונעשפּאַרט און אָנגעדעקט זיך מיט אַ מאַנטל. פאַר די אויגן זיינען אים געווען די פענצטער, דריי אין איין וואַנט, ניט פאַרהאָנגען, אָנגעגאָסן מיט אָנהייב־אָוונטיגע טונקעלע וואַסערן פונם וואָלקנדיגן דרויסן. אַמאָל האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרטויבטער רעדער־ראַש פון אַ וואָגן.

ס'איז געוואָרן אַלץ פינצטערער. אָן אָפּשיין פון אַ לאַמטערן האָט, ווי אַ גאָלדן־געפלעקטע פעל, העגגענדיג געשפּילט אויף דער טונקעלער וואַנט.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. צעטומלט, ניט ווימנדיג ווי לאַנג ער איז געשלאָפן, מינוטן צי שעה'ן, האָט בן־ציון געעפנט די טיר.

עס איז אַריינגעקומען אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, מיט אַ צאַרט־געפורעמטן מיידלשן קערפּער, מיט אַ הויכן שטערן אונטער פוכיגע אַש־פאַרבינע האָר, פאַרבונדן אויפן נאַקן אין אַ היפּשן קנופּ. זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, אַ טיפן דויערנדיגן קוק געטאָן אויפן גאַסט און ניט דערוואַרט זיך, ער זאָל עפּעס זאָגן, זיך אַליין פאָרגעשטעלט:
— רעבעקאַ קליוואַנסקי, דעם פאַרוואַלטער'ס טאָכטער! — און אים אַריינגעבעטן צו וועטשערע אין זאַל.

ביים עסן האָט מען פריינטלעך און צופרידן געשמועסט וועגן קאָוונע, וועגן דעם הער פיינבערג'ס געשעפטן. דער פאַרוואַלטער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פריינט. בן ציון איז געזעסן מיד און צערוישט. ער האָט פון דער זייט געכאַפּט אַ בליק אויף רעבעקאַ'ן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגלעך קלייד, איינגאַנצן געפורעמט שלאַנק, פאַרשמע־לערט מיט זעלטענער מאָס אירע טריט, און אַז זי האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש האָט ער באַמערקט, ווי אירע טריט־גלידער זיינען מיטל־קליין. אירע פיס האָבן צוגעגעבן דער געשטאַלט אַ באַזונדער איידלקייט, אויפ־געהויבן און איינגעפעסטיגט זי אויף געטאָקטע זיילן.

פאַרן אַוועקגיין האָט רעבעקא גענומען פון טיש דאָס מעשן לעמפּל און האָט אים צוגעלייגט אין פירהויז אַ פּאָר טריט.

אויף מאָרגן, ווען בן־ציון איז געקומען צו קליוואַנסקי׳ן פאַר וואַרעמס, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ קורץ־וואוקסיגן יונגנמאַן מיט בלויע פאַרטראַכטע אויגן, אַנגעשטרענגט אונטער די גלעזלעך פון פּענסנע אויף דער גראַדער שמאָלער נאָז. זיין פּנים לענגלעך מיט אַ ווייכן אויס־דרוק אויף די ליפּן.

— באַקענט זיך. מיין לערער סימאָן סינאַיסקי, נאָוואָכאָוויץ, אונזער נייער בוכהאַלטער! — האָט זיי רעבעקא פאָרגעשטעלט.

בן־ציונ׳ען האָט דער לערער גלייך פאַראינטריגירט.

— וואָס לערנט איר? — האָט ער געפרעגט.

— כ׳לערן דייטש — האָט סימאָן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אויף עפּעס אַ קליינינקייט, וואָס איז גאָר ניט כדאי וועגן דעם צו ריידן.

סינאַיסקי איז געקומען פון אַ ווייטער שטאָט, פון אַן אָרעמער שטוב, ער איז געווען אַ סעמינאַריסט, און קליוואַנסקי האָט אים געדונגען צו לערנען מיט זיין טאָכטער דייטש. דער סעמינאַריסט איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ טיפּישער שלעפּער פון אַ ווייט־פאַרוואָרפענעם אָרט און בן־ציון האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס גראָד אים האָט דער פאַרוואַלטער אויס־געקליבן פאַר זיין טאָכטער, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע שוואַכלעכע באַוועג־גונגען מיט אַ סך גדלות׳דיגן געדולד אין יעדן טראָט. סינאַיסקי האָט מיט גרוים מאַטערניש אויסגעלערנט די דייטשע גראַמאַטיק אויף אויסנ־ווייניג; אויף די גראַמאַטישע כללים האָט ער געקענט פון שלאָף ענטפערן, נאָר — די אויסשפּראַך האָט צעקאַליעטשעט און איבערגעקערט אַלע דייטשע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון זיין מויל.

דאָס דייטשע וואָרט פלעגט ווי צעמאָלן ווערן אין זיין שלונג, און ביז ס׳איז געקומען אויף זיינע ליפּן האָט עס אַ קלונג געטאָן אַזוי פאַלש און צעבראָכן, אַז מער ווי געלעכטער האָט עס ביי בן־ציונ׳ען ניט אַרויס־גערופן.

איין אָוונט איז בן־ציון אַריינגעקומען אין צימער און געטראָפן רעבעקא׳ן מיטן לערער. דער צימער איז געווען איינגעטונקען אין טונקעלן שיין פון די ליכט. אויף די ווענט האָבן זיך געוויגט די שאָטנס פוןביידע יונגע מענטשן.

רעבעקא האָט די ערשטע אויסגעדרייט דאָס פּנים צו אים און בן־ציון האָט באַמערקט, אַז זי האַלט אין האַנט אַ רוסיש געדרוקט בלעטל. דער לערער האָט איר עפּעס איינגערוימט אין אויער. דאָס מיידל האָט געפינטלט מיט די אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ און דאָס פּאַפּיר ניט אַרויסגע־לאָזט פון האַנט.

דער לערער האָט זיך אויפגעהייבן און איז מיט אַן עקשנות׳דיגן שטילשווייגן אַרויס פון צימער.

בן־ציון האָט געקוקט אויפן פּאַפּיר, וואָס רעבעקא האָט ניט אַרויס־געלאָזט פון איר האַנט, און זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס איז דער לערער אַזוי שנעל אַוועק? איך האָב געוואָלט מיט אים, דאָס הייסט מיט אייך ביידן, רעדן וועגן דייטש, איך באַהערש דייטש ניט שלעכט... אַ קאָוונער. און פאַרוואָס זאָלט איר מיך ניט איינ־לאַדן לייענען מיט אייך, איר זייט אַזאַ פאַרבאָרגענע.

— איך? — האָבן זיך בלויע פּאַסיקלעך שטאָל באַוויזן אין אירע אויגן, און זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ. דאָס געדרוקטע רוסישע בלעטל איז אַרויסגעפלויגן פון אירע הענט און אַ פּאַטש געטאָן איבערן דיל.

דאָס מיידל איז אַרויסגעלאָפן אין די שטילע ווייטע צימערן. געבליבן אַליין, האָט בן־ציון געטראַכט וועגן רעבעקאַ׳ן: ער באַמערקט שוין לאַנג, אַז דאָס מיידל וויל זיך מיט אים טרעפן... מעגלעך, זי איז געוועזן נערעכט. ער איז אַ פאַרבאָרגענער, ניט זי. אָט וועט ער זי אַ רוף טאָן. זי וועט אַריינקומען און וועט זיך צעשמייכלען. ס׳איז אים וואַרעם געוואָרן פון געדאַנק. — רעבעקאַ! — האָט ער געוואָלט אַ געשריי טאָן, אָבער ער האָט זיך געשעמט.

רעבעקאַ האָט זיך ערנסט געגרייט רעדן מיט בן־ציונ׳ען. אין איין אָוונט, זיצנדיג ביי אַ בוך, האָט זי פּלוצלינג דאָס בוך געלאָזט אָפן, איז אַוועק פון טישל, האַלב אויסגעצויגן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער ווייכער סאָפקע און זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, וואו דער שיין פון טיש־לאָמפּ האָט קוים דערגרייכט. איר איז אָנגענעם געווען אָנצושטעלן אַהין אירע פאַרטראַכטע אויגן, און גאָרנישט זען, און זיך צוהערן בלויז צו דער שטילער און עטוואָס צערודערטער פאַרטראַכטקייט אין זיך און אַרום זיך. באַלד האָט זי זיך אָבער אויפגעשטעלט. אָפּגעצויגן ערטער־ווייז דאָס קלייד ביי זיך, זיך אויסגעגלייכט און געמאַכט אַ פּאָר טריט אין צימער — פעסט און געהויבן.

— איר ווייסט, נאָוואַכאָוויץ, — האָט זי אָנגעהויבן, ווען ביידע זיינען נאָכן עסן פאַרבליבן אַליין אין צימער, — סימאָן איז אַנדערש פון אַ סך מענטשן פון... נו, ווי זאָל איך אייך עס דערקלערן?

— דערקלערט, איך בין נייגעריג.

— ער איז אַ סאָציאַליסט, אַ פּאָלקיסט. ער פּלאַנט צעשטערן די אַלטע וועלט און אויפבויען אויף אירע חורבות אַ נייע וועלט.

— וואָס וועט זיין דער כאַראַקטער פון דער נייער וועלט? — האָט בן־ציון זי אָנגעקוקט. אירע שיינע אויגן האָבן אַביסל אויסגעזען מיר און ווי איינשלאָפנדיג פאַר מידקייט. נאָר איינשלאָפנדיג באַהאַלטן זיי אַ שטילן שמייכל, אַ מילדע וואַרעמע מחשבה.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם געזאָגט שטיל:

— די נייע וועלט איז... איז... אַ וועלט פון רעכט און גערעכטיג־קייט... אַ וועלט, אין וועלכער קיין מענטש וועט ניט הערשן איבערן צווייטן, אין וועלכער עס וועלן ניט זיין פון איין זייט אַרבעטער און פון דער אַנדערער לייִדיגגייער, פאַר וועלכע די ערשטע דאַרפן האָרעווען און פראַצעווען.

— וועט איר מיר דערלויבן צו רעדן צום לערער? — האָט בן־ציון ניט אויסגעהאַלטן און איר איבערגעשלאָגן. — ער האָט געפילט, אַז דער לערער איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן.

רעבעקאַ האָט געשוויגן. ווייזט אויס, זיך געקווינקלט, און נאָכדעם געזאָגט:

— זיכער וועט איר רעדן צו אים, ער איז ניט בלויז מיין לערער, ער וויל לערנען דאָס גאַנצע פּאָלק! אָבער פריער וועל איך אייך געבן דורכלייענען אַ בראָשורקע.

— ווען? — האָט בן־ציון געפרעגט.

— מאָרגן, נאָכן אָוונט־ברויט. נאָר דאָס מוז געטאָן ווערן קאָנספּי־ראַטיוו, עס איז אַ גרויסע געהיימניש, וואָרים ווען עס וועלן זיך דערוויסן די „מחבלים" פון דער רעגירונג, וועלן מיר אַלע פאַרשפּאַרט ווערן אין טורמע אויף חדשים און יאָרן...

יענע נאַכט איז שוין בן־ציון כמעט ניט געשלאָפן. ער האָט געלייענט ביז שפּעט פאַרטאָג די בראָשור, עס אַלעמאָל אונטערגערוקט אונטערן קישן, ווען ער האָט דערהערט אַ הײמלעכן ווייטן רויש פון יענער זייט וואַנט.

שוין די דריטע נאַכט, ווי בן־ציון לייענט די געהיימע בראָשור. ער לייענט מיט אַן אינעווייניגסטער שפּאַנונג. פון אַלע זאַכן, וואָס שטייען דאָרט, קריצט זיך אים איין אין זכרון אַ לידל וועגן אַ שמיד, וואָס איז אַרויס פון קוזניע מיט דריי מעסערס אין האַנט. פון די דריי וועט איין מעסער צעשניידן די גלחים, די היפּאָקריטן; דער צווייטער וועט אויסראָטן די פּירער, וואָס באַשווינדלען און נאַרן די מענטשן; און דער דריטער, ווען די תפילה וועט דערגרייכן דעם הימל, דער׳הרג׳ענען דעם קיסר.

אין קרייזל

אין פּאַרק האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט, מיכאַאיל ווענדעסקי און בראָניסלאַוו נאָוואַכאָוויץ (רעבעקאַ האָט איבערגעלייגט זיין נאָמען בן־ציון אויף בראָניסלאַוו). ביידע יונגע, לעבעדיגע, מונטערע. מיכאַאיל עטוואָס העכער, דאַר און שמאָל, מיט אַ בלייכן מאָגערן פּנים, מיט טונקל־גרויע אויגן, קלוגע און פלינקע. אַן אָפענער ברייטער שטערן פרי צעווירעוועט מיט קוים־מערקבאַרע שורות אין דער גאַנצער ברייט, דינע ליפּן, באַוועגלעכע. דעם קאָפּ מיט די גלאַטע בלאָנדע האָר, לאַנגע אויף אַהינטער, האָט ער געהאַלטן אויפגעריסן אין דער הייך.

בראָניסלאַוו אַנטקעגן איז האָט אויסגעזען אינגער און ברייטפּליי־ציגער. די טיפע אויגן, צעעפנטע האָבן עפּעס אַנגסטלעך געקוקט, ווי אָנגעשטרענגטע דורכצודרינגען ווייטער און טיפער, האָבן זיי געבליצט. זיי האָבן זיך באַזעצט אויף אַ באַנק און דער ווינט האָט צעשויבערט ביידן די האָר.

— צום אַלעם ערשטן, בראָניסלאַוו, אַ קורצע הקדמה, — הויבט אָן מיכאַאיל מיט חשיבות. — איך גיב דיר אַ כלל: וואָס מ׳זאָגט דיר, ווייסטו דאָס אַליין, נאָר דו אַליין, און מער קיינער . . . פאַרשטאַנען? און וואָס מ׳זאָגט דיר ניט, ווייסטו ניט, און דו זאָלסט זיך ניט מאַכן ווייסנדיג דערפון . . . פאַרשטייסט?

ער קוקט אָן בן־ציונ׳ען גוט, יענער שאָקלט מיט׳ן קאָפּ:

— איך האָב דאָ אַ קרייזל . . .

ער שטעלט זיך אָפּ פּלוצלונג.

— וואָס? דו ווייסט דערפון? — טוט ער זיך אַ כאַפּ פאַרוואונדערט.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— דו האָסט דאָך ערשט געגעבן אַ כלל: וואָס דו ווייסט, ווייסטו אַליין...

— בראַוואָ! — האָט מיכאַאיל זיך הויך צעלאַכט, — דאָס געפעלט

מיר. בראוואָ! כאַטש איך ווייס, אַז רעבעקאַ האָט עס דיר דערציילט.

ער האָט בן־ציון׳ען געפּאַטשט צופרידן איבערן אַקסל און צופרידן האָט ער גענומען דערציילן פון דעם קרייזל: וויפיל מענטשן, וויפיל סעמינאַריסטן, סטודענטקעס, וואָס זיי לייענען, דיסקוטירן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ צי געטאָן בן־ציון׳ען: — נו, איצטער קום ווייטער...

איז מען אַוועק פון דער באַנק.

נאָכן פּאַרק פּאַרקערעוועט לינקס אין אַ שטילער גאַס מיט קליינע הייזלעך צווישן לאַנגע הויכע פּאַרקאַנעס, וואָס פאַרשטעלן גערטנער און סעדער. נאָר אַ הויכער בוים קוקט ערגעץ אַרויס איבער אַ פּאַרקאַן און צעשאָקלט צווייגן. פון הויף האָט זיך געלאָזט אַ הונט, דערשפּירנדיג פרעמדע, האָט ער ביי דעם פאַרמאַכטן פערטל אויסגעבילט דאָס זייניגע און איז צוריק אין דער שטיל געלאָפן טיף אין הויף אַריין.

זיי זיינען אַריין אין אַ קאַרג־באַלויכטענעם צימער. דאָרט זיי אַנטקעגן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן רעבעקאַ און אַ בחור פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייט־לעכער. דערנעענטערנדיג זיך, איז ער עפּעס אַרומגעגאַנגען אין אַ זייט, האָט צוגעקוקט מיט זיינע טונקעלע שמייכלענדיגע אויגן, און אַ צי געטאָן מיט זיין ברייטלעכער גוטמוטיגער נאָז. רעבעקאַ האָט צו אים אַ וואונק געטאָן מיט אַ פינגער. ער איז צוגעגאַנגען.

— אַלעקסאַנדער. באַקענט זיך בראָניסלאַוו.

זיי האָבן זיך געגעבן די הענט. זיך אַוועקגעזעצט. בן־ציון האָט באַטראַכט רעבעקאַ׳ן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַן איינפאַך טונקל קליידל און אַ וואָכעדיגער הוט, וואָס זי האָט ניט באַוויזן אויסצוטאָן.

אין צימער איז אַריינגעקומען אַ הויך־געשטאַלטיג מיידל מיט לעבעדיגע אויגן און די האָר צעלאָזט. באַלד זיינען אָנגעקומען נאָך עטלעכע בחורים. מען האָט זיך אויסגעזעצט ביים טיש. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיגער, לעבעדיגער.

דאָס הויכע מיידל האָט פאַרפלאָכטן די הענט און פאַר׳חלומ׳ט אָנגע־הויבן דעקלאַמירן עפּעס שטיל:

„דריי דורות וועלן זייען דאָס גוטע, דאָס ערלעכע. דריי דורות וועט פוילן דער קערן אין דער פינצטער, דריי דורות וועט שפּראָצן, און דריי דורות וועט בליען און וואַקסן די רויז פון פרייהייט און גליק . . . אין הונדערט יאָר ארום . . .״

— הונדערט יאָר וועט דיר ניט קלעקן . . . מורמלט רעבעקאַ אין דער שטיל, פאַרמאַכט די אויגן, און ס׳איז ניט קענטיג צי זי שפּאַט, צי זי מיינט ערנסט . . .

זי הויבט זיך אויף. „דריי דורות״ — הויבט ווידער אָן מיכאַאיל. כ׳וואָלט וועלן אָפּשלאָפן אַ צווייי, דריי הונדערט יאָר, אָפּשלאָפן . . . און דערנאָך זיך אויפכאַפּן מיטאַמאָל, ווען דאָס לעבן וועט שוין זיין אַ שיינע מעלאָדיע . . .

— וואו האַלט ער אין חשבון? — פרעגט רעבעקאַ און זי גיסט אָן טיי פאַר אַלעמען.

הויבט אָן דאָס הויכע מיידל צו זינגען און אַלע ברומען־צו . . .

— איר׳ט שוין גיין צום טיש טיי טרינקען? — יאָגט רעבעקאַ אַוועק די זינגער פון די ווייטע טונקעלע ווינקעלעך אין צימער — גייט צום טיש...

און אַליין פאַרקלייבט זי זיך אין אָפּגעלײדיגטן ווײַסן טונקעלן ווינקל און רעדט צו בן־ציון׳ען שטיל:

— אין אַ וואָך אַרום וועט איר מיט אונז מיטגיין אין מאַנאַסטיר, וואו מיר וועלן לייענען טשערנישעווסקי׳ן.

אין מאַנאַסטיר? — חידוש׳ט זיך בן־ציון און דערפילט אַ מאָדנעם ציטער אין די גלידער. רעבעקאַ לייגט אַרויף אַ פינגער אויפ׳ן מויל: — שאַ.

— פון טשערנישעווסקי׳ן האָט איר געהערט?

— ניין, כ׳האָב נאָר געלייענט פיסאַרעוו׳ן . . .

— נו, קומענדיגע וואָך . . . — האָט רעבעקאַ אָנגענומען בן־ציונ׳ס רעכטע האַנט אין איר לינקער און שטאַרק געדריקט. אַ צייכן, ער זאָל וויסן צו שווייגן.

שפּעטער איז מען זיך צעגאַנגען צו די שטילע גאַסן וואָס פירן צו די מער רוישיגע.

— איר זעט, — האָט אים רעבעקאַ אָנגעוויזן אויף עטלעכע אָרעמע הייזלעך, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן דאָ און דאָרט . . . מען דאַרף אַהין אַריינגיין צערודערן די פאַרשלאָפענע רו . . . מען דאַרף גיין צום פאָלק . . .

זיי האָבן זיך עפּעס ביידע גלייך אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך איינער צום צווייטן און זיך פאַרשטאַנען.

— בראָניסלאַוו, — האָט זי מאָדנע האַרציג אַרויסגעזאָגט און זיך צו אים צוגערוקט. כ׳מיין, אַז איך האָב זיך אַ ביסל צוגעאיילט . . .

בן־ציון האָט דערפילט איר ציטער און האָט פאַרקלעמט געשמייכלט...

— כ׳מיין, איר זאָלט מיט מיר ניט גיין אַהער... מיט מיר ניט...

— נאָר מיט אייך! — און ער האָט זי גענומען אונטער׳ן האַנט, — אויב איך וועל גיין איז נאָר מיט אייך...

— וואָס שטייט איר אַפּ אַזוי? — האָט מיכאַאיל אויסגעשריגן — איר מאַכט דאָרט אַפּנים אַ שפּאַציר . . . כאַ־כאַ, זיי גייען זיך שפּאַצירן . . .

טשערנישעווסקי אין מאַנאַסטיר

דער מאַנאַסטיר פון די שוועסטער אויפ׳ן נאָמען פון הייליגן כריזאָסטאָם, „דאָס גילדערנע מויל”, איז געשטאַנען ביים סוף שטאָט, צווישן אַ שורה אַלט־געפאַלאַנצטע בעריאָזעס, וואָס גיבן זיך אַ קירעווע אויף רעכטס. אַז מען שטעלט זיך אויף אַ בערגל פון דער זייט פון בידנעם סאָסנע־וועלדל, זעט מען דעם גרינעם קלויסטער־טורעם, מיט אַ גלעבלעכן זייגער. ווען דער ווינט בלאָזט צו דער זייט הערט מען אפילו אין שטאָט ווי עס קלאַפּט דער זייגער אויפ׳ן טורעם, אָדער ווי מען קלינגט צו אַ תפילה.

די „נאַראָדקע”, 21 יאָריגע דאשא, וואוינט שוין דאָ מיט די עלטערע שוועסטער, גאַנץ שטיפע, וואָס זענען אוים נאָר פריש, אין דער רעכטער פרויען־קראַפט, דריי חדשים. ביי איר אין צימער ליגן באַהאַלטן קאָנספּיראַטיווע ביכער, בראשורן. אין טיש־קעסטל, וואָס אונטערן בילד פון „דערלייזער”, ליגט טשערנישעווסקי׳ס ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט” און אין אַ פאַרבאָרגענעם

אָרט זיינס אַ בילד. דאָשאַ פאַרגלייכט ביידע בילדער. דער אויפן קרייז, איז אַזאַ טרויעריגער, אַזאַ ליידנדיגער. דער דערנער־קראַנץ זיצט אַזוי טיף אויף זיין קאָפּ, די שטעכיקע דערנער פאַרטשעפּעט אין פלייש, אַזש בלוט גיסט זיך אים פון שטערן איבער זיין פּנים. יענער, וואָס שמאַכט אין סיביר, איז אַנדערש. ער איז אויך אַן אסקעט. דער העלד זיינער פון ראָמאַן שלאָפט אויסגעבעט אויף טשוועקעס, כדי ער זאָל זיך צוגעוואוינען צו יסורים, און ווען די זשאַנדאַרן וועלן אים נעמען „אין דער אַרבעט", פּייניגן, זאָל ער זיין פאַרהאַרטעוועט, זאָל אויסהאַלטן און ניט איינברעכן און אַרויסגעבן די חברים. ער האָט אָבער אַזעלכע גוטע אויגן, אַז ער נעמט דיר דאָס האַרץ אַרויס מיט זיין בליק. דעם סיבירער העלד'ס פּנים איז בלייך, אָבער אַזוי שיין.

דאָשאַ גייט אַרויס פון איר צימער. זי וואַרפט אירע בליקן אין אַ ווינקל, וואו פאַרן בילד פון דער „הייליגער מוטער" קניט אַן אַלטע, אויס־געמאַגערטע שוועסטער מיט אַ וואַקסן געזיכט. זי טראַכט וועגן אַ בריוו, וואָס זי דאַרף היינט באַקומען פון מיכאַאיל'ן... וועט ער אים אַליין ברענגען, אָדער שיקן מיט אימיצן ?... די אויסגעפּייניגטע, מאָגערע הויבט זיך אויף און שפּאַנט אַוועק.

דאָשאַ גייט אַרויס אין הויף. אין טיר באַגעגנט זי די שוועסטער מאַריע. זי האָט אַ פאַרוועלקט פריצייטיג פּנים און בלויע וואַסערדיגע אויגן, וואָס קוקן אַרויס פון אַ שלאַבעריג פּנים. צווישן די ביימער באַווייזן זיך שוואַרצע געשטאַלטן. טייל שוועסטער אַרבעטן אין הויף, טייל גייען מיט ביכער אין די הענט. דאָשאַ זעט זיך ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע אין אַ פרעמדער וועלט, אַריינגעזעצט אין אַ תפיסה.

שפּעטער זיצט זי שוין ביים מיטאָג מיט אַלע שוועסטער צוזאַמען ביים גרויסן לאַנגן טיש אין דעם גרויסן האַלב־טונקעלן זאַל מיט דעם הילצערנעם יעזוסן אויף דער וואַנט.

נאָכדעם גייט זי ווידער אין איר צימער, שטעלט זיך אַוועק ביים פענצטער און קוקט. די זון נויגט זיך שוין צום אָנקומענדיגן פאַרנאַכט. שאָטנס פון די ביימער ציען זיך פון גרויסן הויף צו דער הויז. פון יענער זייט פּאַרקן זעט זי אַ טשערעדע אויפן פעלד. איין קו לעקט אַ צווייטער. אַ יונגער פּאַסטוך טרייבט זיי, קערט זיך אום אַהיים. אַ פּויער טראָגט אַ בינטל צווייגן. אויף דער נאַכט וועט ער אָנצינדן אַ שייטער.

און אָט זעט זי דורכ'ן פענצטער דעם וועג, וואָס ציט זיך פון די בעריאָזעס צו די פעלדער. קליינע פּויערשע כאַטעס זיינען דאָרט צעשפּרייט. אַ פערד צעגאַלאָפּעט זיך אין סטעפּ. עס דאַכט זיך איר, אַז דאָרט, פון יענער זייט באַרג, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, איז איר דאָרף, איר גאַס, און אָט באַלד וועט זי גיין אַהיים.

מיטאַמאָל דערמאָנט זי זיך אין מיכאַאיל'ן און אין דעם אָרט וואו זי געפינט זיך. צו דיק זיינען די ווענט און צו ווייט איז ער... טשערנישעווסקי, דער אמת'ער דערלייזער. יאָ, עס איז שוין ניטאָ קיין צוריק! זי מוז שוין בלייבן אין מאָנאַסטיר, און דאָך פילט זי אין האַרצן נקמה אין איר פאָטער, דעם פריץ. זי האָט אים ניט נאָכגעגעבן, ניט געוואָרן דאָס ווייב פון אַ דיקן פריץ. בעסער פאַרבלייבן דאָ און העלפן דורך קאָנספּיראַציע דעם „נאַראָד"!

דער קאַלטער בייטאָג האָט זיך געריסן אין דעם מרה־שחורה'דיגן מאָנאַס־טיר. ס'האָט דאָ געבלאָזן מיט שטרענגער און בייזער אָפּגעשלאָסנקייט. אינעווייניג איז אומהיימלעך. דאָשאַ ציילט די שוועסטער, וואָס דרייען זיך אַרום אין הויף. אָט איז די עלטערע, אָלגאַ, אַ שלאַנקע, אַ מאָגערע. איר

פיגור דערמאָנט אין אַן אַלט בילד, וואָס איז געהאַנגען ביי דאַשאַ'ס פאָטער אין שלאָס. פאַר איר אַריינטרעטן אין מאָנאַסטיר איז אָלגאַ — איצט הייסט זי אַנאַ — געווען אַן אַלטע מיאוסע מויד. ווען זי וואָלט חתונה געהאַט וואָלט זי זיכער געווען אַ טרייע מוטער צו די קינדער. איצט איז זי די פרומסטע אין מאָנאַסטיר. אירע ליפּן הערן קיינמאָל ניט אויף צו מורמלען עפּעס געהיימעס.

פון הינטער אַ בוים דערהערט דאַשאַ אַ געלעכטער. דאָס לאַכט אַזוי נאַטאַשאַ. זי איז אַ בלאָנדע מיט אַ קיילעכדיק פּנים. מען רעדט, אַז זי איז אַן אומגעזעצלעכע טאָכטער פון אַ מעטראָפּאָליט, האָט אין זיך זינדיק בלוט און אין דער שטיל, אַז קיינער זעט ניט, האָט זי ליב צו פּוצן אירע געקרויזטע האָר, וואָס זי האָט ניט אָפּגעשאָרן. דאַשאַ רעדט אָפט מיט איר און נאַטאַשאַ קוקט אויף איר מיט אירע העלע אויגן און לאַכט שטאַרק.

די יונגע ווערא, וואָס קלינגט יעדן טאָג אינדערפרי מיטן גלאָק און וועקט אויף די שוועסטער און ביז האַלבן טאָג זיצט זי און נייט, גייט צו צו דער לאַכנדיגער נאַטאַשאַ און לייגט אַרויף אַ פינגער אויפן מויל:

— שטיל, נאַטאַשאַ, די אַלטע גייט!

מאַגדעלענאַ, די אויפזעערין, אַ הויכע, אַ בויגיקע, מיט אַ געלבלעכקייט אויף איר מאַט־טונקעלער הויט און מיט קאַוועאויגן גייט אַרויס אין הויף. דער גאָלדענער צלם אויף איר ברוסט בלאַנקט געגן דער זון. אין האַנט טראָגט זי אַ בינטל שווערע שליסלען. זי קלינגט מיט זיי, ווי זי וואָלט געוואָרנט די שוועסטער: געדענקט, שווער איז דער אַרויסגאַנג פון די ווענט!

די אַלטע רופט אַוועק נאַטאַשאַ'ן און בײדע גייען אָפּ. די אַנדערע צוויי שוועסטער פאַרשווינדן הינטער אַ בוים. דאַשאַ קוקט אַלץ דורכן פענצטער.

אַלעקסעי, דער הויף־וועכטער, עפנט דאָס טויערל און לאָזט אַריין אַ מאַנספּאַרשוין. דאַשאַ קוקט זיך איין: ווער זאָל עס זיין? ס'איז ניט מיכאַאיל.

באַלד איז ער שוין ביי דער טיר פון איר צימער. קלאַפּט אָן. זי עפנט. ער גיט איר איבער אַ בריוו פון מיכאַאיל'ן, און זאָגט זיין נאָמען:

— בראָניסלאַוו קאָוועָנסקי!

זי פאָרעט זיך ביים טיש־קעסטל, און בן ציון באַטראַכט איר פּנים. ער זעט ווי אַ שיין צעשפּרייט זיך אויף איר פאַרטראַכט פּנים, וואָס שאָטנט זיך אין קלעם ביי די גערדיכטע שוואַרצע וויעס איבער די אויגן און אין די ווינקעלעך פון אירע צוגעשלאָסענע קליינע ליפּן.

זי דערלאַנגט אים אַ בוך און וואַרפט אים צו אַ פאַרשטענדלעכן בליק. איצטער הויבן שוין ביידע אָן רעדן און אויספרעגן איינצלהייטן, און ווייסן גאָרניט, אַז עמיצער קוקט אויף זיי פון אַ פענצטער און היט זיי.

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שאַרפער קלונג. די שוועסטער אַרכאַנגעלאַ, וואָס גייט קיינמאָל ניט אַרויס אין הויף, קלינגט מיטן גלאָק, אַ צייכן, אַז יעדע שוועסטער וואָס געפינט זיך אין הויף, מוז גלייך אַריינגיין אינעווייניק.

דאַשאַ לאָזט זיך לויפן ווי אַ דערשראָקן פייגעלע. בן־ציון שאַרט זיך פלינק אַרויס פון הויף מיט'ן בוך אונטער'ן מאַנטל.

דאַשאַ געפינט זיך אין גרויען האַלב־טונקעלן צימער. לעבן דער סטאַטוע פון היילינגן „קריזאָסטאָם" דערזעט זי די שוועסטער נאַטאַשאַ, וואָס בליצט אויף איר מיט די אויגן און רוימט עפּעס אַריין אַנאַ'ן אין אויער.

— ווער איז ער?

— האָסט אים געזען? אַ פּאָר אויגן! מיין גאָט, אַזאַ שיינער!
דאשא דערפילט אויף זיך די בליקן פון די שוועסטער. איר פּנים רויטלט זיך. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ גייט זי צוריק אַריין אין צימער. דאָרט לייענט זי איבער דעם בריוו און באַהאַלט אים. דאָרט טראַכט זי נאָך לאַנג וועגן גאַסט און שפּעטער, אויף דערנאָכט, בעת זי ליגט שוין אין בעט זעט זי אים נאָך אַלץ, זיינע טיף־שוואַרצע אויגן, די פּעך־שוואַרצע האָר, וואָס שטייען ווי שוואַרצע פלאַמען איבער זיין אָפענעם שטערן.
ווען דאשא איז אַריינגעלאָפן האָט זיך איר גע׳חלומ׳ט אַ וואַלד. שטילער הימל איבער די סאָסנע־ביימער. ביים ברעג וואַלד שטייט אַ יונגער מענטש מיט גליענדיגע שוואַרצע אויגן. שטילער הימל איבער דעם מענטשן און ער רעדט אַזוי שיין וועגן פרידן, זאַטקייט, גערעכ־טיגקייט . . . צו דעם חלום האָט זיך געניייגט דאשא׳ס נשמה.
זי איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, צוגעגאַנגען צום פענצטער, געזען ווי די נאַכט ליגט נאָך טיף אין הויף. נאָר פון יענער זייט פּאַרקן, פון די פעלדער, גייט שוין אויף אַ מילכיגער וואָלקן. איר געדאַנק איז איצט געווען לויטער, איר געמיט — ליכטיג, ווי דער בריוו פון מיכאַאיל׳ן וואָלט אָנגעצונדן אַ רעגנבויגנדיגן הימל איבער איר קאָפּ.
דאשא איז אַראָפּ אין טונקעלן זאַל און האָט דערזען קאַטערינע׳ן קוקן אויף איר מיט רויטיגע אויגן. קאַטערינאַ איז געווען די טאָכטער פון אַ טאַמבאָווער רייכן סוחר. זי איז געווען אַ סטולעוואַטע, הענט האָט זי געהאַט צו־גרויסע אָבער געשפּאַנט האָט זי מיט אַ באַזונדער קרעפטיגן שפּאַן. אַז זי איז עלטער געוואָרן און דער סוחר האָט פאַר איר ניט געקאָנט קריגן קיין חתן האָט ער די פאַרזעסענע מויד פאַרשיקט אין מאָנאַסטיר.
איר קול האָט עפּעס שטענדיג געשראָקן. זי האָט נאָכגעשפּירט אַלע שוועסטער און אַלץ איבערגעגעבן דער „אַלטער״.
דאשא האָט אַ קוק געטאָן אויף קאַטערינע׳ן און אַן אומפאַרשטענד־לעכע זאָרג האָט זיך אין איר אַ וועק געטאָן.
די אַלטע האָט זיך אַריינגעשלייכט מיט שווערע טריט. זי האָט אַ וואונק געטאָן צו דאשא׳ן איר נאָכצוגיין אין איר צימער. דאָרט האָט זי לאַנג געקוקט אויף איר און געזאָגט מיט אַ הייזעריג קול:
— אַזוי גאָר טאָכטער? האָסט נעכטן באַקומען אַ בריוו. ווייז נאָר אַהער דעם בריוו . . . טאָכטער . . .
דאשא האָט ניט געענטפערט. אירע אויגן האָבן געקוקט ווייט, ווייט.
— דעם בריוו!
— איך האָב ניט קיין בריוו.
— ניין? — אָבער אַלעקסיי האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט נעכטן אַריינגעלאָזט צו דיר אַ בחור מיט אַ בריוו.
— איך האָב ניט קיין בריוו.
— האָסט יאָ דעם בריוו — האָט די אַלטע געקוקט אויף איר מיט אירע רויטיגע קאַווע־אויגן — גיב אַהער, אויב ניט וועל איך . . .
— ער איז מיינער, דער בריוו.
— דיינער? האָסט פאַרגעסן, אַז אַלץ וואָס געפינט זיך אין מאָנאַסטיר געהערט דער היים? אַז אַ שוועסטער האָט גאָרניט אייגנס?

— עס געפינט זיך ניט אין בריוו קיין שלעכטס — האָט דאשא געזאָגט מיט אַ ציטערדיג קול.

— איז פאַרוואָס באַהאַלסטו אים אויס פון מיר?

— איך וועל ניט געבן קיינעם, ניט געבן! — האָט דאשא צאַרנדיג אויסגעשריגן.

— אַנאַ, קאַטערינאַ, ווערא! וואָס שטייט איר? — האָט די אַלטע אַ באַפעל געטאָן. — זוכט ביי איר דעם בריוו.

די שוועסטער מיט פינקלדיגע אויגן, ווי ביי יעגער ווען זיי דערשפּירן אַ צאַפּלדיגע חיה, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן זוכן. זיי האָבן אויפגעהויבן דעם מאַטראַץ, די ליילעכער. דאשא איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע. זי האָט מורא געהאַט מודה זיין, אַז זי האָט באַקומען דעם בריוו. פאַרוואָס האָט זי אים ניט צעריסן, פאַרברענט? ער איז איר געווען אַ שאַד. מעגלעך, אַז אימיצער האָט געזען ווי זי לייענט . . .

מיטאַמאָל האָט זי אַ ציטער געטאָן. קאַטערינאַ איז געשטאַנען און צווישן אירע קעצישע נעגל געהאַלטן אַ צעקנייטשטן פּאַפּיר.

די אַלטע האָט אויסגעשפּרייט די הענט, געוואָלט נעמען דעם בריוו. פּלוצלונג האָט זיך דער בריוו אַרויסגעגליטשט פון קאַטערינאַ'ס הענט און אַרויסגעפלויגן דורכ'ן אָפענעם פענצטער.

די שוועסטער האָבן זיך געלאָזן אין הויף . . .

די אַלטע איז זיי נאָכגעגאַנגען. דאשא האָט געהערט ווי זי רעדט צו זיי, וואָרקעט ווי אַ וואָראָנע.

שוין איינמאָל אַ הייליגע?

— און מיין פאָטער האָט געזאָגט: פאַראַן איין מאַריע אין הימל און אַ סך אויף דער ערד. איין הייליגע בתולה אין הימל, און אפילו קיין איינע ניט אויף דער ערד — האָט אימיצער פון דער זייט אָפּגע'חוזק'ט, און מען האָט ניט געוואוסט פון וועמען.

דאשא האָט זיך אומגעקוקט אין יענער זייט פון וואַנען ס'קול איז געקומען און געזען נאַטאַשאַ'ס פּנים מיט די ווידערשפּעניגע האָר אונטער דער הויב.

. . . און שפּעטער, אַז דאשא איז שוין געווען צוריק אין איר צימער, האָט איר נאַטאַשא שטילערהייט אַריינגערוקט דעם בריוו וועלכער איז שוין געווען האַלב צעריסן און פאַרשמירט . . .

דער מעקלער און דער אונטערצינדער

דאָס הויז וואו בן־ציון האָט געוואוינט האָט מען גערופן „דאָס הויז פון די פיר שוועסטער". פיר שוועסטער זיינען זיי געווען, פיר צנועה'דיגע פּראַוואָסלאַוונע מיידלעך אין עלטער פון פינף־און־צוואַנציג, ביז פינף־און־דרייסיג יאָר. זיי האָבן פאַרדונגען זייערע צוויי צימערן צו פיר מאַנסבילן. אין איין צימער האָבן געוואוינט בן־ציון מיט דעם מעקלער מרדכי דראַפּקין, און אין צווייטן — דער קעניגסבערגער סוחר מאָזעס יאַוואַר

און א קריסט פון טאמבאוו, פיאָדאָר פעאָדאָטאָוו.

די שוועסטער האָבן פאַר זיך אַ גאַנצן טאָג געלעבט אין אַ באַזונדערן שטיבל אין אַ זייטיגן הויז, ווייל זייער צימער האָבן זיי פאַרדונגען פאַר סעמינאַריסטן פון אָריאָל.

די ערשטע פּאָר חדשים האָט זיך בן־ציון דאָ געפונען ווי אין אַ היימישער שטילער אכסניה אין מיטן אַ וועג. נאָך דער אַרבעט האָט ער שטיל גערוט און כמעט זיך ניט אומגעקוקט אויף די אַנדערע שכנים זיינע.

ביסלעכווייז האָט ער זיך אָבער באַפריינדעט מיט דעם מעקלער דראַפּקין און באַקענט מיט'ן זיין שכן אין צווייטן צימער, דעם „דייטש".

אַ טאָג נאָך אַ טאָג — גרויע, אומעטיגע. די שוועסטער שווערלעכע, שטילע. די סעמינאַריסטן — לאַנגזאַמע, פוילע. דאַרף מען די אומעטיג־קייט אַ ביסל צעשטרייען. האָט זיך בן־ציון שטאַרק דערנעענטערט צו דעם מעקלער.

מרדכי דראַפּקין איז געווען אַ איד, קרוב צו זעכציג. אַ קלוגער אָדער אַ כיטרער. שווער געווען צו זאָגן צי איז ער געווען מער כיטרע ווי קלוג אָדער פאַרקערט. קיין רוסיש האָט ער ניט געקענט, פאַרשטאַנען איין וואָרט פון צען און דאָס איבעריגע האָט ער באַנומען מיט זיין שכל. צוויי רוסישע ווערטער האָט ער געקענט „פּאָדיזאַם וויפּיט" (קומט אויס־טרינקען), און גערופן טרינקען האָט ער ניט בלויז רוסן, נאָר שיכור איז ער קיינמאָל ניט געווען. ער איז בטבע געווען אַ גוטמוטיגער, אַ מעשה־דערציילער, אַ ווערטל־זאָגער. זיין פּירקאַנטיג לצנ'יש פּנים, זיינע זאַפּראַן־אויגן האָבן ניט גערוט. בן־ציון האָט ליב געהאַט אויסצוהערן אין די ווינטערדיגע אָוונטן זיין פילאָסאָפיע. ער האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיגע פילאָסאָפיע וועגן פרויען, פרומקייט און צדקות, כאָטש קיין אפּיקורס איז ער ניט געווען:

„ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ צדיק — פלעגט ער זאָגן: לאָז אים אַריין אין אַ חדר מיוחד מיט אַ שיינער פרוי פון איין זייט, און אַ פּעקל אַסיגנאַציעס — פון דער צווייטער, און אויב ער וועט צו קיינער פון זיי ניט אויסשטרעקן אַ האַנט איז ער אַ צדיק". און אַרויסזאָגנדיג דעם כלל האָט דראַפּקין אָנגעהויבן דערציילן בן־ציונ'ען וועגן זייער שכן, דעם דייטש.

„ווען ער האָט זיך אַהער אַריינגעצויגן, האָט ער אָפּגעשפּאָט פון די שוועסטער, ווען זיי פלעגן קניען פאַר דער איקאָנע. נאָכדעם האָט ער פּרובירט אַרומנעמען די עלטערע, אוודאָטיען, האָט זי אים אַזוי ציצ'ממית'ט, אַז איך האָב געמיינט ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן . . .

וואָס איז דאָ שייך צו רעדן? אָבער, צוריק גערעדט, קיין טענות האָב איך צו אים ניט, בסך־הכל האָט ער נאָך מיט צוואַנציג צי מיט דרייסיג יאָר צוריק זיין ווייב אָפּגע'גט, — פלעגט דראַפּקין איבער די הענט הינטער'ן האַלז און בן־ציון ווייסט, אַז ער גרייט זיך שוין אָנהויבן אַ נייע חקירה.

:: :: ::

ציען זיך טעג און נעכט. אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט. בייטאָג — אַרבעט אין קאָנטאָר. ביינאַכט — בן־ציון לייענט די ביכער,

וואָס רעבעקאַ גיט אים, נאָכדעם טיי, און דראַפּקינ׳ס מעשיות און פילאָסאָפיעס.

דער מעקלער נעמט ארויס זיין זייגער, שפּילט זיך מיט אים אַ ווײַלע און דערציילט בן־ציונ׳ען ווי אזוי ער האָט באַוויזן זיך איינצואוואָרצלען דאָ אין אַריאָל „אויסער׳ן תחום״.

דריי פיר מאָל אַ יאָר קומט דער טשינאָווניק אריין אין בית־מדרש, בעת׳ן לייענען די תורה, און רופט אויס:

— אידן, מאָרגן באַווייזט מיר מיט וועלכע רעכט איר וואוינט דאָ. ווער עס האָט ניט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ (וואוין־רעכט) ווערט ארויסגעטריבן.

און די אידן ווייסן שוין דעם מיין: דער ערל וויל פיר הונדערט רובל. נאָך הבדלה מאַכט מען אַ זאַמלונג און יעדער גיט זיין חלק, לויט דעם וויפיל די גבאים באַשטימען. זאָגט דער „טשינאָווניק״: „פּאַרפלוכטע זשידעס״ מיינט עס פינף הונדערט רובל, זאָגט ער „פּאַרכאַטע״ — איז עס ניט ווייניגער ווי זעקס הונדערט. איך אָבער — לייגט דראַפּקין אריין דעם זייגער — פלעגט זיך ארויסדרייען פון צאָלן קאָנטריבוציעס, אָדער ווי רופט מען עס אויף דיין „לשון־קודש״?

— „לא יחרץ געלט״ — זאָגט בן־ציון, און פרעגט:

— ווי אזוי ר׳ מרדכי, דרייט איר זיך ארויס?

— איך פלעג פּשוט ניט קומען צו דער אסיפה.

— און זיי האָבן אייך אָפּגעלאָזט? — צינדט זיך אָן אַ נייעריג פייערל אין בן־ציונ׳ס אויגן.

— ניט אַלעמאָל — נעמט דער מעקלער ווידער ארויס דעם זייגער. איינמאָל האָבן מיר די צדיקים געמסר׳ט און מען האָט מיך אַרעסטירט, און נאָכדעם אַוועקגעפירט צו דער באַן, אריינגעשטופּט אין אַ וואַגאָן, וואָס איז געגאַנגען קיין וויטעבסק. אָבער ווען די באַן האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין קורטשעוו בין איך מיר אַראָפּגעגאַנגען, געוואַרט אַ פּאָר שעה, און גענומען די באַן צוריק קיין אַריאָל. אָט־די נסיעה האָב איך דורכגע־מאַכט דריי מאָל אַ יאָר ביז די פּאָליציי איז מיד געוואָרן מיר נאָכצולויפן... אין איין אָוונט איז אָנגעקומען דער „דייטש״.

דראַפּקין האָט געהאַלטן אין מיטן אַ חקירה.

— הער נאָר צו, בן־ציון. איך ווייס, אַז דו ביסט געבאַפּט אויף דער מעשה. דו גלויבסט, אַז די זון שטייט אויף איין אָרט, און די ערד דרייט זיך. וועל איך דיך ניט פרעגן: ווי אזוי האָט יהושע געקענט אָפּשטעלן די זון, אויב זי דרייט זיך נישט. וועסט מיר ענטפערן: „איך בין דערביי ניט געווען״. ס׳איז מיר אפילו אינטערעסאַנט צו וויסן צי דו ביסט געווען דערביי, ווען די מאַלפּע האָט געבוירן אַ מענטשן? איך האָב אָבער אַ ראיה, אַז די ערד שטייט אויף איין אָרט, און דו וועסט מיר גאָרניט קענען ענטפערן. אָבער צום ערשטן זאָג מיר, גמרא האָסטו אַמאָל געלערנט?

— אוודאי געלערנט, — ענטפערט בן־ציון מיט אַ שמייכל.

— גוט, זאָגט דער מעקלער מיט אַ שפּאָטישן נצחון — ווייסטו דאָך, אַז מען טאָר נישט איבערגעבן אַ פּרוי אַ גט, ווען זי באַוועגט זיך, מ׳טאָר נישט איבערגעבן דעם גט אין אַ וואָגן, נישט אויף אַ שיף, און אויך נישט ווען זי גייט געוויינלעך שפּאַצירן. היינט ווען די ערד וואָלט זיך באַוועגט,

וואָלטן זיך דאָך דעמאָלט באַוועגט אַלע פּרויען, וואָרום די פרויען וואוינען דאַכט זיך אויף דער ערד. אין אַזאַ פאַל וואָלט מען זיך דאָך קיינמאָל ניט געקענט גט׳ן, און אונזער שכן, האָט דאָך די ווייב אָפּגע׳גט איין נאַכט נאָך דער חתונה . . .

בן־ציון וואַרפט אַ בליק אויף דעם „דייטש״ און זעט ווי זיין פּנים ציט זיך איבער מיט נמאוס׳ן כעס . . .

זייט מוחל ר׳ מרדכי — זאָגט בן־ציון געלאַסן — איך וועל אייך געבן אַן אַנדער ביישפּיל. אויב מ׳זאָל אַרויסקוקן פון איין צוג, וואָס גייט אויף אַ צווייטן צוג, וואָס גייט אויך, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ביידע צוגן שטייען. ווער גיט דען אַ פּרוי אַ גט? איר מאַן, אויב ער וואָלט זיך באַוועגט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, וואָלט ער דעמאָלט באַמערקט, אַז זיין פּרוי באַוועגט זיך אויך, נאָר אַזוי ווי זיי ביידע באַוועגן זיך אין איין ריכטונג, דאַכט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויס דעם מאַן, אַז קיין פּרוי באַוועגט זיך נישט . . .

בן־ציון האָט באַמערקט ווי דער דייטש צופּט זיך ביי דער גאָמבע און זיין פּנים שמייכלט ביטערע. באַלד האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זיך אָנגערופן מיט אַ הייזעריג קול:

— וואָס דרייט איר אַ קאָפּ וועגן מאַן און פרוי אין איין ריכטונג? און איך זאָג, אַז עס זיינען גאָר ניטאָ קיין אומשולדיגע פּרויען. איינע קויפט מען פאַר צוויי רובל, און די אַנדערע, די בעסערע, די שענערע, די אינגערע — פאַר צוויי טויזנט. ס׳איז ניטאָ קיין פּרוי, וואָס האָט ניט קיין פּרייזן . . .

בן־ציון האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן, איז אַ ביסל נייגעריג געוואָרן אויף דעם פּאַרשוין.

— איר האָט ניט ליב קיין פּרויען?

— זינט איך בין צום פאַרשטאַנד געקומען.

— איז פאַרוואָס לויפט איר נאָך זיי?

— אַז זיי לאָזן זיך קויפן. דאָס טאַקע זאָג איך דאָך . . .

בן־ציון האָט זיך איבערגעוואָרפן אויפ׳ן ביינקל, געמאַכט אַ באַוועגונג, זיך אויפצושטעלן און געבליבן זיצן. דער דייטש האָט נאָך געוואָלט רעדן האָט אים בן־ציון ביזלעך איבערגעשלאָגן.

— איר זענט ניט בלויז אַ געמיינער שווינדלער, נאָר סתם אַן אויסגע־לאַסענער נפש . . . פע, מער רעד איך מיט אייך ניט . . . אַן אויסגעלאַ־סענער — האָט ער פאַרענדיגט מיט כעס און זיך אויפגעהויבן פון טיש. פאַר׳ן אַרויסגיין האָט ער נאָך באַוויזן צו זען ווי דער דייטש הויבט אויף זיין טונקל בערדל מיט די עטלעכע גרויע הערעלעך ביי דער אונטערשטער ליפּ און געהערט ווי ער רעדט צום מעקלער:

— אַ צדיק׳ל, דער בוכהאַלטערל . . . מיינט אַז איך ווייס ניט, האָב אים אַליין געזען שפּאַצירן מיט דעם פאַרוואַלטער׳ס טאָכטער . . . אַן איידעלע דאַמע . . .

פון דעם מעקלער האָט בן־ציון ניט געקענט אויסגעפינען מיט וואָס דער קעניגסבערגער סוחר, דער דייטש, פאַרנעמט זיך. עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און ער האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן.

אין אָריאָל זיינען פאַרגעקומען אָפטע שריפות. הייזער, קראָמען, און פאַבריקן פלעגן אוועקגיין מיט׳ן פייער.

ס׳איז געווען דעמאָלט דער סוף פון חודש נאָיאַבער, דאָס אויסגע־לעבטע יאָר האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די פעלדער און די גאַסן מיט לעצטע פאַרזשאווערטע בלעטער, בייזע רעגנס און קאַלטע ווינטן. אין באַלעבאַטישע הייזער פון אַריאַל האָט דער אידישער לוח דעם חודש גערופן „תשרי" און דאָס יאָר — תרל"ה, דערמאָנט מיט שמאָלע לוח־בלעטלעך, אַז אַמאָל און מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז אין דעם חודש אין ווילנע נפטר געוואָרן דער גאון . . . און אין קליוואַנסקי׳ס הויז האָט די טאָכטער רעבעקאַ נביאות געזאָגט, אַז דאָס יאָר, באַלד, באַלד . . . וועט דאָס פאָלק זיך אויפשטעלן געגן צאַר . . .

אין אַ סוף נאָיאַבער־טאָג האָט אין שטאָט געברענט אַ צוקער־פאַבריק. געברענט שטיל, אָן טומל, געוויקלט קנוילן רויך צום האַרבסטיגן הימל, פאַרשפּרייט איבער אַ סך גאַסן אַרום אַ זיסן, קלעפּיגן טעם פון איבערגע־ברענטן צוקער.

די צוקער־פאַבריק — האָט מען זיך געסוד׳עט — האָבן די רוסישע באַלעבאַטים אַליין אויסגעבויט, אַליין זי אונטערגעצונדן.

באַקאַלעיטשיקעס האָבן דורך נאַכט געשלעפּט צוגעברענטע זעק צוקער און געשריען אין נאַכט־חושך: מען דאַרף ראַטעווען וואָס מען קען...

שפּעט ביינאַכט איז בן ציון געזעסן מיט פיאָדאָר פעדאָסאָוו׳ן און אויסגעגאָסן פאַר אים זיין האַרץ:

— איך קען געפינען אַ זכות אויף אַ מערדער, וואָס הרג׳עט אַ מענטשן אויס כעס, שנאה אָדער ליבע, נאָר דער, וואָס צינדט אונטער אַ הויז און שטעלט אין געפאַר מענטשן, פרויען און קינדער, דאָס איז אַזאַ פאַרברעכער, פאַר וועלכן עס איז גאָר קיין נאָמען ניטאָ.

דער רוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווי מיינט איר, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש, — האָט בן ציון געפרעגט, — ווער איז שולדיג אין די אָפטע שריפות?

— וואָס, איר ווייסט ניט? די סוחרים און די געלטניקעס אַליין.

— אידן אויך?

— אידן, ניט־אידן. ווער עס איז אין האַנדל־קלאַס, פאַרשטייסט?

איצט האָט בן ציון געשאָקלט מיטן קאָפּ: — איך פאַרשטיי, וואָס איז דאָ נישטאָ צו פאַרשטיין?...

ווען דער קעניגסבערגער סוחר איז אַריין האָט בן ציון זיך גענומען שרייבן אַ ליד, דאָס ליד וועגן אונטערצינדער.

אַ ליבע און אַ ליד

גאָר גיך האָט בן ציון זיך גאַנץ באַקוועם דערפילט מיט רעבעקאַ קליוואַנסקי, פלעגט ער איר אָפטמאָל שמייכלענדיג אָנרופן: „רעבעקאַ כאַנאַנאָווסקאַ" און רייצן איר אָנגענעמען כאַרכל, ווי זי פלעגט דווקא מיט אַ פול מויל אַרויסזאָגן אַ „רייש" און אַ „לאַמעד". און רעבעקאַ, וואָס פלעגט די ערשטע טעג, קענטיג, אָפּוואַרטן זיין קומען — אַ צוגעגרייטע, איז אויך געווען אַנדערש. פריער פלעגט זי זיך אוועקזעצן אין דער זייט אויף אַ נידעריגן ווייכן און קיילעכדיגן שטולכל, אָן הענטלעך און אָן

ווענטלעך, צונויפלייגן א האנט אויף א האנט, און מיטן ערנסטן פנים היטן זיינס אן אויסגעגליטשטן טראפ ביים לייענען.

— זייט מיר מוחל, וואס איך גיי ארום פאר אייך אזוי היימיש...

— און דאס ווארט „מוחל״ איז ארויסגעקומען אזוי חנ׳עוודיג פון איר מויל, און זי האט זיך גע׳חנ׳דלט אזוי צוגעלאזט, — מיר דארפן דאך „לייענען...״

און געלייענט האבן זיי לאנג. ער האט אנגעהויבן שרייבן לידער אין דייטש און לייענען פאר איר האסטיג אויפן קול. אמאל פלעגט ער איבעררייסן און האסטיג געקוקט אויף רעבעקא׳ן, וואס איז געזעסן מאדנע פארטראכט.

— לייענט, לייענט, — האט זי געזאגט, — איר לייענט זייער גוט... אייער קול... ביי אייך איז אן אנגענעם קול, מעלאדיש.

און זי פלעגט זיך דערנעענטערן צו אים, פלעגט זיך אויסציען אין דער הייך, איבער זיין אקסל, אריינצוקוקן עפעס אין בוך אריין, און פלעגט אים געבן א ברי די פלייצע אדער צעהיצט זיינס א קני מיט איר פוס, אז אים פלעגט פארכאפן דעם אטעם.

— בראניסלאוו, איר האט זיך אנגעמאטערט, רוט זיך אפ, — פלעגט זי זאגן געלאסן, — איך וועל ברענגען טיי, קאפע, וואס ווילט איר?

— ניין, א דאנק, ניט איצט...

אין א ווײלע ארום זאגט זי צו אים, און אירע חנ׳עוודיגע, ראזעווע מיידלשע ליפן, און די אויגן בלויע, גלעטן אים, מער ווי מיט ווערטער:

— וואס קומט ארויס, בראניסלאוו, אז מיר לייענען? וועלן מיר איבערלייענען נאך א צענדליג ביכער... און „דארטן״ וואקסן דורות און וויסן, עלטערן זיך פויערים... און דאס פאלק איז אונז נויטיג.

שעה׳ן לאנג האבן זיי נאכדעם גערעדט וועגן דעם, וואס זיי האבן ביידע צוזאמען געלייענט, און וואס זי האט פאר זיך געלייענט. זי האט געהערט מיט פארנעם, מיט אויגן, וואס שטראלן.

אמאל האט זי אים געזאגט:

— בראניסלאוו, איך האב א פלאן: אפשר זאלט איר עפעס אנ־שרייבן? מ׳דארף באהערשן די פעדער... פרובירט שרייבן... איך האב א פלאן — איר זאלט אנשרייבן...

— איך האב מיין טעמע... — האט ער איר איבערגעשלאגן.

— די טעמע?

— ליבע, טרוים, בענקשאפט. — און דאס לשון האט אים מיטאמאל אפגענומען...

אין עטלעכע טעג ארום האט ער איר געבראכט א דיקן קליינעם העפט, געדיכט אויסגעשריבן. רוסישע לידער איבערגעשריבן מיט אידישע בוכשטאבן און עטלעכע אייגענע ליבע־לידער אין דייטש, געווידמעט איר, רעבעקא׳ן.

— זיינען עס אייערע לידער? — פרעגט זי.

— די ליבע־לידער זיינען מיינע, — זאגט ער, און זיין הארץ קלאפט ווילד. — און אויך אין העברעאיש איין ליד, וואס איך רעכן שיקן אין א העברעאישער צייטונג.

— לייענט עס מיר.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן אים. איר פּנים האָט געשמייכלט צופרידן און אירע שטראַליגע אויגן האָבן געשיינט מיט פרייד.

„איש כי יצית לפנים, אש בבית
או הפך ברם וגן לשמיר ושית
הלא שלם ישלם זה מבעיר הבערה;
ועתה יקומו חדשים לבקרים
מציתי בתיהם וגם בתים זרים.
ושלם ישלמו למבעיר הבערה".

(אַמאָל, אַז איינער האָט אונטערגעצונדן אַ הויז, האָט ער דערפאַר געדאַרפט באַצאָלן; איצט קריגט דער אונטערצינדער נאָך צוגעצאָלט...)

— שיין, שיין, — האָט זי געפּאַטשט מיט די הענט, נאָכדעם ווי ער האָט עס איר פאַרטייטשט, און געשמייכלט מיט איר אָנגענעם קול. — עס איז סאַטיריש ווי נעקראַסאָוו...

— נעקראַסאָוו'ן האָב איך זייער ליב...

— בלויז נעקראַסאָוו'ן? — און זי נעמט אים אַרום מיט ביידע הענט.

און אַז זי נעמט אוועק אירע הענט הויבט ער זיך אויף און געזעגנט זיך מיט איר אויף גיך.

פאַרן אוועקגיין קוקט זי אים נאָך מיט דורכדרינגענדיגע אויגן, אַביסל פאַרשלייערט. זי פאַרשטייט, אַז ער לעבט עפּעס איבער און זייענדיג בטבע נעלאַסן, לייגט ער אָפּ זיינע איבערלעבענישן אויף אַ צווייטן מאָל...

:: :: ::

ביי די קליוואַנסקים אין הויז איז אַלץ געגאַנגען כּאָדראָם. אין דערפרי האָט דאָרט די פּאָליציי געמאַכט אַן „אָביסקע"; זיי האָבן קיין זאַך ניט געפונען, חוץ דעם העפטל לידער. זיי האָבן עס איבערגעלאָזט. אַ גליק, וואָס צווישן זיי האָט זיך ניט געפונען קיין איד, ווייל ער וואָלט דאָרט געפונען נאָטיצן, איבערגעשריבן פון טשערנישעווסקי'ס בוך „וואָס זאָל מען טאָן?"

די מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו רעדן צו דער טאָכטער, אַז זי האָט געוואוסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיגן.

— דערפאַר פאָרט ער דאָך צוריק אַהיים, — האָט רעבעקאַ געווישט די טרערנדיגע אויגן.

בן ציון איז אָנגעקומען זיך געזעגענען. ער האָט דערשלאָגן צונויפ־גענומען זיינע פּאַפּירן, וואָס מיטצונעמען און וואָס איבערצולאָזן, און געשוויגן. רעבעקאַ האָט אים געהאָלפן. ביי איר איז אַלץ געפאַלן פון די הענט.

די פרוי קליוואַנסקי האָט אוועקגערופן דעם מאַן אין אַ זייט, אים עפּעס איינגערוימט, און צוריק אים אָפּגעשיקט צו בן ציונ'ען. רעבעקאַ האָט געכאַפּט אַ שאַל אויף די אַקסלען און אַלע דריי, דער פּאַרוואַלטער, די טאָכטער און בן ציון — זיינען אַרויס אין דער האַרבסטיגער נאַכט.

די נאַכט איז דווקא געווען אַ לויטערע. אָן אַ שיר שטערן האָבן געטליעט אין דער טיפער הייך.

ביים שטאָטישן אַפּיקורס

כמעט יעדן פרייטאָג צו נאַכט קומען זיך צונויף די משכילים ביי סענדער פּאַרט אין הויז, וואָס ביי דער ווילי. סענדער פּאַרט פאַררויכערט זיין ערשטן שבת׳דיגן ציגאַר און זעצט זיך ביים טיש וואַרטן אויף די געסט.

ער איז אַ מיטלוואוקסיגער מיט אַ שפּיציג בערדל, לאַנגזאַמע תנועות און רעדט שטענדיג געלאַסן. זיינע גרויסע און לויטערע אויגן, כאָטש פאַר־צויגן מיט אַ לייכטער מאַטקייט, האָבן וואַרעמע בליקן.

סענדער פּאַרט איז באַקאַנט ווי דער קאָוונער אַפּיקורס. ער האָט עפנטלעך מחלל שבת געווען, פלעגט שבת אַרומשפּאַצירן איבער די קאָוונער גאַסן מיט אַ שטעקן און קיינער האָט אים אַ וואָרט ניט געזאָגט. בן ציון פלעגט זיך טאַקע וואונדערן, פאַרוואָס די פרומאַקעס לאָזן אים צורו... נאָך פאַר זיין אָפּפאָרן קיין אַריאַל פלעגט זיך בן ציון טרעפן מיט אים.

גלייך נאָך זיין צוריקקער, דאָרט וואו עס הויבט זיך אָן די בריק קיין סלאָבאָדקע, האָט בן ציון דערזען זיין פיגור זיך צייכענען אין דער פאַרשנייטער נאַכט.

— קוקסט, קוקסט זיך אַזוי איין, דערקענסט מיך ניט, — האָט בן ציון דערהערט סענדער׳ס באַקאַנטע בייזלעך־געמאַכטע שטים.

— פאַרוואָס, איך האָב אייך יאָ דערקענט.

— דאַכט זיך, לויטן שטעקן קאָן מען מיך דערקענען.

בן ציון האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי סענדער האָט אַמאָל אַליין דערציילט וועגן זיין סוקוואַטן שטעקן. אַ סלאָבאָדקער פּרוש האָט אים געטראָפן ג׳ין שבת מיטן שטעקן און אים געפרעגט:

— סטייטש, שבת?

— שוטה, איך טראָג דעם שטעקן, ווייל איך האָב מורא פאַר גאָט, — האָט סענדער געזאָגט.

— וואָס? — האָט דער פּרוש אויסגעשטעלט זיינע קעלבערנע אויגן.

— לעקיש, וואָס פאַרשטייסטו ניט? — האָט סענדער ווייכער געמאַכט זיינע געדיכטע ברעמען. — אַז איך קריג זיך מיט דיין גאָט... אַ קשיה אויף אַ מעשה. דאַרף איך אַ שטעקן...

זיי זיינען געווען ניט ווייט פון דער סלאָבאָדקער ישיבה. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט לאָמפּן, וואָס זיינען געווען איינגעוויקלט אין בלאַסע צעשוואומענע רעדלעך שיין.

— דו ווייסט, נעכטן זיינען ביי מיר געווען מאַפּקע (אברהם מאַפּו) און סענדערקע דער אַפּטייקער. אַ שאָד, דו האָסט דאָרט אויסגעפעלט. מיר האָבן זיך געוועט ווער עס וועט זאָגן דעם גרעסטן ליגן... — האָבן דעם אַלטנ׳ס אויגן געשמייכלט.

— און ווער האָט געוואונען?

— וואַרט, וואַרט, כאַפּ ניט... הער צום ערשטן די מעשה. מאַפּו האָט זיך אָנגערופן: משיח וועט קומען!

שאַפּיראָ: — מען וועט אויפשטיין תחית המתים!

— שאַט! רעדט ניט, גאָט הערט! — האָב איך געזאָגט.

דער אַלטער האָט געוואַרט בן ציון זאָל אויסשיסן אַ געלעכטער.

אָבער האָט זיך ניט דערוואַרט. איז ער געוואָרן ערנסטער און אים אַ טאָרע געטאָן מיטן שטעקן, ווען זיי זיינען ביידע געבליבן שטיין ביים בריקל.

— איך וויל מיט דיר טאָקע רעדן, ביסט אַ יונגערמאַן אַ משכּיל, אַ צירונג פון אונזער חברה, איז ווי פּאַסט עס פאַר דיר, זאָלסט טאָג און נאַכט אַרומלויפן צווישן די חייט'ניקעס און שוסטער. זיסל נאָוואַכאָוויץ'עס זון...

— ווייל איך בין צילה'ס אַן איינִיקל, — האָט בן ציון געענטפערט מיט אַ שפּילעוודיק פייערל אין די אויגן, — און מיך ציט צו די באַל־מעלאָכעס, — מער ווי צו אייערע משכּילים. נעמט, למשל, דעם רעדאַקטאָר פון „השחר", סמאָלענסקי'ן, וואָס שפּייט אויס מעשׂות יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און מיינט, אַז די גאַנצע חכמה שטעקט אין זיין אָפּלאַכן פון די חסידים...

— דו שטיפער דו! — האָט דער אַלטער געזאָגט. — ביזט דאָך אַן עזות'ניק, ווי מיין זון, יענער איז אויך אַ ניהיליסט. איך זאָל געוועןן ווּיסן...

— סיי ווי, משורר איינער, — איז דער אַלטער ווייכער געוואָרן, — קום אַריבער צו מיר. מיר'ן פּראַוועןן אַ צווייענדיגע שׂמחה: לכּבוד דיין אָפּדרוקן אַ שיר אין „המגיד", און לכּבוד אַ געהויבענעם גאַסט...

— ווער איז דער גאַסט?

— איך וועל דיר ניט זאָגן. מוזט קומען, דו משורר, דו עזות'ניק... קען איך דען דיך ניט ליב האָבן?

— גוט, איך וועל קומען צוליבן גאַסט, — האָט בן ציון דערפילט אַ שטאָלץ און געוואַרט ביז דעם אַלטנ'ס פיגור וועט פאַרשווימען אין טויער. זיי האָבן זיך שוין געפונען לעבן זיין הויז, דערנאָך וועט ער זיך אויסדרייען. אָבער סענדער איז געבליבן שטיין.

— ניין, ניין, איך וועל וואַרטן ביז דו וועסט פריער אַוועקגיין. איך וויל דיך נאָכשפּירן, אַ קשיה אויף אַ מעשׂה, קענסט מיר נאָך אַוועק צוריק אין קלויז...

בן ציון האָט זיך מער ניט פאַרהאַלטן.

. . . שפּעטער זיינען שוין ביים טיש געזעסן הינטער'ן שווערן בליי־לאָמפּ די משׂכּיל'ישע יונגעלייט, טייל אָן היטלען, טייל אין די קאַפּעליושן. דער צימער איז ביסלעכווייז אָנגעפילט געוואָרן מיט ציגאַרן־רויך און מיט'ן ריח פון ספרים און איידעלע בשׂמים.

חנה־לאה, סענדער'ס ווייב, דערלאַנגט טיי מיט קיכעלעך און עס העלפט איר־צו איר זון, אַ בחור וואָס גרייט זיך אַריינגיין אין קאָוונער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, אַ בלאָנדער מיט בליציגע אויגן. זי, חנה־לאה, איז פאַרגלויבט אין איר מאַן, כאָטש ער גלויבט אין גאָרניט. זי איז דווקא פרום, און דער גרעסטער חטא אין אירע אויגן איז וואָס זי האָט אַמאָל אויסגעהערט אברהם מאַפּו'ן, ווען ער האָט פאַר איר פאָרגעלייענט אַ שטעלע פון זיין ראָמאַן „אהבת ציון". זי האָט ניט פאַרשטאַנען קיין העברעאיש האָט מאַפּו איר איבערגעזעצט אויף אידיש, וואָס דער העלד אמנון האָט געזאָגט און וואָס די העלדין תרצה האָט געענטפערט וואָס עזריקם — אַן אַנדער העלד, — האָט געראָטן און וואָס די פאַרליבטע תמר האָט געטאָן . . . סענדער פאָרט האָט זיך געוויצלט, אַז מאַפּו נויטיגט זיך אין אַ „פּובליקום", וואָס זאָל אים אויסהערן און זיין ווייב איז מאַפּו'ס „פּובליקום" . . .

סענדער פארט האט שוין געהאלטן ביים ענדיגן זיינע שבחים וועגן גאסט, וואס דארף באלד אריינקומען.

— ווען ער איז אנגעקומען קיין קאוונע, איז ער פארפארן אין דער ארעמסטער אכסניה אויף יאנאווער גאס. נאך ליכט־בענטשן, ער גייט ניט דאווענען. די אורחים און דער בעל־אכסניה קומען צוריק פון שול. מען עסט אפ, מען לייגט זיך שלאפן. ער, דער גאסט, זיצט ביי א ספר. מיטאמאל ווערט א מהומה. דער גאסט טראגט ארויס פון איין צימער אין דעם אנדערן א ברענענדיג ליכט.

— גאט איז מיט אייך! — שרייט ער אויס — ר' איד וואס טראגט איר עפעס א ליכט אום שבת?

— איך דארף, — ענטפערט ער און גייט ווייטער רואיג.

— מסתמא האט מען אים דארטן געהאלטן פאר פשוט משוגע — פארענטפערט דוד מארקוסזאן, א וואויל־קענעוודיגער משכיל, וואס שיקט קארעספאנדענצן אין „המליץ", א ניט וואלט זיין לעבן געווען אין געפאר.

— איז וואס פאר א נייעסן דערציילט איר? — האט זיך אנגערופן נחום אגוז, א יונגערמאן מיט א שווארץ בערדל און געקרויזטע האר — אז נאך אין ווילקאמיר האט מען זיך ביי אים געבעטן, ער זאל צוליב־טאן דער „וועלט" און גיין דאווענען.

— עס איז ניטא צו וועמען, — האט ער געענטפערט.

עס האט זיך געעפנט די טיר און עס איז אריינגעקומען דער גאסט. ניט קיין הויכער, שמאלע אקסלען, די אויגן א ביסל איינגעזונקען און די האר — רויטלעך און אינגאנצן האט ער אויסגעזען ווי א קליינשטעטל־דיגער מלמד.

אלע האבן זיך געהויבן פון די ערטער, זיך באגריסט.

— הער ליליענבלום, הער נאוואכאוויץ! — האט דער באלעבאס זיי ביידן פארגעשטעלט.

בן ציון האט דערזען ווי ליליענבלום האט א ציטער געטאן. האט ער איבערגעפרעגט — נאוואכאוויץ און געמורמלט „באזונדערס אנגענעם". דער נאמען איז מיר באזונדערס טייער . . .

די זיצנדיגע האבן זיך איבערגעקוקט.

ביסלעכווייז איז דער שמועס געווארן ערנסטער.

מאיר ראסיינער, א שווארצער יונגערמאן, וואס האט געמאכט אן איינדרוק פון א געלאסענעם און קאלטן, האט איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון א דייטשן בוך וועגן אפשטאם פון „גאטהייט" . . . א ריזיגער וואלד אין אור־אלט. א רעווען, א וואויען . . . חיות און חיות . . . און צופוסנס פון א מעכטיגן שטאם — א קליינע גרופקע אומבאהאלפענע מענטשלעך. ניט קיין מענטשן, נאך אויף'ן וועג צו פארוואנדלען זיך אין מענטשן. אומבאהאלפענע, פינצטערע, אבערגלויבערישע . . . און דא — א שלאקס רעגן . . . א דונער א בליץ . . . די מענטשן זיינען פארניכטעט . . . זיי קניען . . . זיי פאלן צו דער ערד: א, שרעקלעכער גאט!

. . . אין מצרים, אידן קנעטן ליים, ציגל. נסים . . . אבער וואס נסים, ווער נסים . . . אינקוויזיציע. דארוויניזם . . . אוים מיט . . . וויסנשאפט . . . השכלה, די טאכטער פון הימל . . .

די זיצנדיגע האבן געשוויגן. ביי טייל זיינען די בליקן אפט געווען פרעגנדיגע. א פאר האבן זיך שטיל געשושקעט. איינציגע זיינען פשוט

געוועז שלעפעריג, זיי האָבן געקוקט אויפ'ן זייגער, ניט געוואָלט שטערן...

— גוט — האָט פּלוצלונג געלאָזן און מיט אַן איידעלער שטימע — ארייַנגעוואָרפן בן־ציון — זייער גוט, וואָס מיר דערוויסן זיך. אַז אויך אַ דייטשער שרייבער מאַכט אַ תל פון דער גאָט־אידייע. כאָטש מיר ווייסן עס שוין, דאַכט זיך, פון פריער. מיר וואָלטן אָבער מער אויפגעטאָן ווען מיר דערוויסן זיך, וואָס עס טוען די אַרבעטער אין דייטשלאַנד, למשל, ווי אויך ביי אונז אין לאַנד גופא. די פּויערים, די באַלמעלאָכעס...

מאיר ראַסיינער האָט געפּינטלט מיט די אויגן. דאַכט זיך ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. און האָט באַלד צוגעגעבן... ווענן די זאַכן ווייסט ער ניט.

— וואָס טויגן אונז חקירה'ס, — האָט סענדער פאַרט זיך אַ הויב געטאָן — אפשר וואָלסטו אונז בעסער פאָרגעלייענט אַ שיר, בן־ציון ?

— אדרבה, אדרבה! — האָט ליליענבלום געזאָגט --- פון גאָט הויבט אַן שלעפערן — און האָט גוטמוטיג געשמייכלט.

בן־ציון האָט אַרויסגעצויגן אַ בייגעלע פּאַפּיר פון ראָק און האָט אָנגעהויבן:

„האדם לעמל, לעבודה יולד,
אפס לא הכל יעבדו, יעמולו,
ומפרי ידיהם לא רבים יאכלו,
הנה כי כן הוא, בני עמי, עלי חלד".

(דער מענטש איז באַשאַפן פאַר פּראַצע, פאַר מי, נאָר ניט אַלע האָרעווען און ווייניג עסן די פּרוכט פון זייערע הענט, אַזוי גייט עס, די קינדער פון מיין פאָלק אויף דער וועלט).

— איז, מאי קאָ משמע לן, וואָס־זשע לאָזט עס מיך צוהערן? — האָט מיכל גאָרדאָן, אַ קורצוואוקסיגער יונגערמאַן מיט לויפנדיגע אויגן — געפרעגט:

— דער פּריץ רייסט און דער פאַבריקאַנט רייסט... אַלע שניידן די הויט פון דעם וואָס אַרבעט.

— און איצט וועט אונז מיכל עפּעס פאָרלייענען — האָט סענדער אַ זאָג געטאָן באַפעלעריש, כדי ניט דערלאָזן קיין וויכוחים.

ניט מיינס, נאָר מיין ברודער'ס — האָט מיכל געענטפערט באַשיידן.

— מיר ווייסן, אַז יהודה־ליב גאָרדאָן איז דער אַרי, דער לייב פון פּאָעזיע.

ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ טרויעריגער שטימע:

„זיי געזונט, מיין טייער קינד,
איך וועל דיר מער ניט זען,
גיי וואוהין דיך טראָגט דער ווינט,
וואָס גאָט וויל, זאָל געשען...

דערדינען קאָנסטו זיך אין לעבן ניט,
מעגסט זיין דער גרעסטער כוואַט,
דו ביסט געבאָרן אַ איד,
דו ביסט און בלייבסט סאָלדאַט.

דאָס זאָל דיך אָבער מיין קינד ניט אַרן,
דין דעם קייסער טריי,
אין אַלע סכנות, אין אַלע געפֿאַרן
זיי מוטיג און ערלעך דערביי".

— וואָס ער האָט זיך שוין דערדינט צו אַן אויסצייכענונג אין פּעטער־בורג, דער גאַרדאַן, — האָט בן־ציון זיך אָנגערופֿן צו ליליענבלום'ען ? און זיך אויסגעדרייט מיט'ן רוקן צו מיכל'ען.

די זיצנדיגע האָבן זיך געהויבן פֿון די ערטער. מען איז זיך צעגאַנגען.

בן ציון און ליליענבלום זיינען אַוועק די ערשטע. אויף דער נאַכטיגער גאַס האָט דער ווינט געשאַרט דעם שניי צו די שטאַרקע מויערן.

צוויי חברים — פֿאַרליבט

פֿון די אונטערשטע גאַסן, וואָס פֿירן צום אַלעקסאַנדער באַרג האָבן זיי ביידע שפּאַצירט — דער עלטערער משה־ליב און דער אינגערער בן־ציון. כאָטש זיי האָבן זיך געטראָפֿן צום צווייטן מאָל האָבן זיי זיך שוין געהאַלטן ווי אַלטע באַקאַנטע. פֿון „נאַפּאָלעאָנ'ס ביידל" האָבן זיי פֿאַרקערעוועט אין אַ שטעג, באַוואַקסן מיט הויכע ביימער.

די זון האָט געגרוט שבת'דיג, כאָטש עס איז געווען קאַלט. בן־ציון — אינגער, אין אַ שעפּסן פּעלצל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון אַריאַל. דער צווייטער משה־ליב — עלטער און דינער אין אַ ווינטער־מאַנטל, מיט אַ בערדל.

— משה־ליב — פֿרעגט בן־ציון שטיפֿעריש, — איך האָב געלייענט אייער „חטאת נעורים", מיר איז עס זייער געפֿעלן. איר וועט זיין אַ פּיסאַרעוו ?

— מ'דאַרף אַ פּיסאַרעוו. ער איז לעבעדיג, שטיפֿעריש . . .

— און טשערנישעווסקי געפֿעלט אייך ניט ?

— אמת, ער איז טיפֿער. אָבער מען קען ניט אויסקלייבן.

— דער ווילן איז דער מענטש . . . וואָס מ'וויל, קען מען זיין . . .

— דער מענטש איז דער ווילן — וואָס מען איז, וויל מען . . .

משה־ליב האָט אָפּגעזיפֿצט. ער האָט געקוקט אויף בן־ציונ'ען ווי ער וואָלט געזוכט אים מער דערקענען.

— זאָגט משה־ליב, פֿאַרוואָס האָט איר מיר געזאָגט, ביי סענדער'ן אין הויז, אַז אייער נאָמען איז פֿאַר אייך באַזונדערס אָנגענעם . . .

— נאָוואַכאָוויץ — קוקט אויף אים משה־ליב מיט קאַלעמוטנע אויגן

— אייער נאָמען איז ווי אירער. איר האָט דאָך געלייענט מיין בוך . . . — ער האָט פֿאַרענדיגט מיט אַ זיפֿץ.

בן־ציון האָט זיך דערמאָנט, אַז אויפֿ'ן צווייטן בלאַט פֿון „חטאת נעורים" געפֿינט זיך די ווידמונג צו דער יונגפֿרוי פּ. נ. (איניציאַלן פֿון פֿייגע נאָוואַכאָוויץ).

אַ ווינטל האָט אומבאַמערקט אַ שלייף געטאָן די קרוינען פֿון די ביימער, און דערמאָנט אין ווינטערדיגער שטילקייט, וואָס רוט אויף די בערג.

משה־לייב האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער הויך, וואָס האָט געצויגן מיט אַ ווינטיגן אָטעם. פון אַ בוים איז אַראָפּ־געפאַלן אַ פאַרשפּעטיגט געל בלעטל אוןביידע האָבן זיך געוואונדערט פונוואַנען דאָס האַרבסטיגע בלעטל האָט זיך גענומען ווינטער. משה־לייב האָט עס אויפגעהויבן, צוגעטראָגן צו די צײן, אָפּגעשײלט דערפון די אָדערן און עס אַוועקגעוואָרפן.

— איר ווייסט, משה־לייב, פאַרוואָס זאָלט איר מיר ניט דערציילן עפּעס וועגן דער פרײלין, וואָס טראָגט מײן נאָמען? איר זענט אַזאַ פאַר־שלאָסענער... — האָט זיך בן ציון אָנגערופן.

— איך וועל זײן מיט אײך אויפריכטיג. פון דער ליבע האָב איך זיך שוין באַפרײט — האָט משה־לייב אָנגעהויבן מיט אַ דינן קול און בן ציון האָט עס דערהערט ווי אַ פאַרבענקט און פאַרקלעמט קול, — אַ חלום איז געווען, און אַ חלום איז פאַרביי... נאָר אַז איך האָב דערהערט איר נאָמען האָט פאַר די אויגן ווידער אויפגעשוועבט איר געשטאַלט...

— פון אײער שווײגן זע איך אָבער, אַז אײער האַרץ איז נאָך אַלץ אַ שלאַכטפעלד, וואו עס ראַנגלען זיך . . . זײט מיר מוחל פאַר דער אָפּנהאַרציגקייט.

— אדרבה, אדרבה! — האָט משה־לייב געפּרואווט שמייכלען, — אײער אָפּנהאַרציגקייט געפעלט מיר. איך האָב אײך נאָר דערציילט אַ חלום... אײן זאַך קענט איר זײן זיכער, פאַרן יצר־הרע היט איך זיך... אַז מען קען ניט אַריבער גייט מען...

ער האָט אַ ווײלע געקוקט ווײט, פאַרטראַכט. זײנע אויגן האָבן טריב אין ערגעץ געבלאָנדזשעט.

בן ציון האָט אָנגעשפּאַרט אַן עלנבויגן אויף אַ דיקן בוים און אָנ־געהויבן רעדן...

— איך וועל טאַקע זײן מיט אײך אָפּנהאַרציג, ברודער, גם אני... מיר האָט זיך גע'חלום'ט דער זעלבער חלום. איז יענער חלום פאַרביי, נו... אַ נײער חלום... אײנע דאָ... רופט, איך טרעף זיך מיט איר... די אַנדערע דאָרט — ווײט, רופט שטום. און איך בין פאַרפרעמדט און פאַרקלעמט... אָבער...

— אָבער וואָס? — וויל משה־לייב פרעגן, אָבער ער פרעגט גאָר־ניט. ער קוקט אויף די גראָדע ביימער. אַזעלכע ריזיג־גראָדע, שווערע און צעוואָקסענע.

— איר רעדט גאָר וועגן אַ יצר־הרע און איך טראַכט פון עפּעס אַנדערש, — רעדט שוין בן ציון מיט זײנע פײערדיגע אויגן אונטער די ברעמען. — אײנער איז קײנער! אין דער גרויסער און ברויזנדיגער וועלט מיטן שטאַרקן און ברויזנדיגן לעבן, אין דער רוישיגער מלחמה אַרום, ווער קען טראַכטן וועגן פּריוואַטע חלומות. ניין, ניט דער יצר־הרע מיטן יצר־טוב ראַנגלען זיך צווישן אַנאַנדער, נאָר יחידות מענטשן, חברה'ס, שיכטן... זיי שטייען אין געראַנגל אײנע קעגן די אַנדערע, קעמפן פאַר מאַכט. דער רבי מיט זײנע חסידים — אַ חברה באַזונדער, רבנים מיט מגידים — אַ צעך, קלײנע באַלעבאַטים — אַ שיכט, דאַרף מען עס מיטאַמאָל אָפּשאַפן...

— דאָס איז דערווײל אויך אַ חלום... — האָט משה־לייב פאַרשאַטנט געזאָגט.

בן ציון האָט זיך אומגעקוקט אויף דיביימער, אַזעלכע שווערע מיט וואָרצלען, וואָס מען האָט זיי דאָ געלאָזן אין מיטן בארג פאַרקרעמפּט אין דער ערד... — פון חלומות וועגן הונדערט יאָר שפּעטער וועט קיין וואָר ניט ווערן אפילו אין הונדערט יאָר ארום! פרייהייט דאַרף מען פלאַנצן, די ערד אָפריער צעגראָבן און צעאַקערן... צולייגן אַ האַנט...

— ער האָט אויפגעהערט רעדן. אין שווייגן האָבן זיי אָנגעהויבן שטעלן טריט. זיי זיינען ווידער אַרויסגעקומען אויפן לעצטן שיפּוע פון בארג לעבן בריק. זיי האָבן זיך געזעגנט. אָפּגעמאַכט זיך טרעפן מאָרגן.

משה־לייב האָט נאָך אַ פּאָר טריט זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַלע פריערדיגע וועגן פאַרלאָרן.

אין יענער צייט האָט זיך צו בן ציונ׳ען שטאַרק דערנעענטערט די גימנאַזיסטקע ראָזע קאַבאַק. אַ געשטאַלטיג איידל מיידל, אויסגעצערטלט. אָנגעטאָן פאַרמעגלעך. זי האָט געהאַט גרוי־בלויע אויגן, וואָס טונקלען, ווען זי קוקט זיך צו, און לאַנגע ברעמען. אַ לויטערער שטערן, און קאַשטאַנען־האָר דינע, ליגן גלאַטיג אויפן קאָפּ און אָנגעפלאָכטן באַרגיג אַהינטער, איבערן ווייסן קיילעכדיגן האַלז. די ליפּן עקשנות׳דיג שטריכירט, מיט העזה אין די ווינקלען.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַן אסיפה, וואָס בן־ציון מיט מאַר־קוסזאָנ׳ען האָבן פאַררופן וועגן גרינדן אַ האַנטוועריקער־שול פאַר יוגנט. זי, שמאי דעם רייכן שניט־קרעמער׳ס טאָכטער, איז דאָרט געווען.

נאָך דער פאַרזאַמלונג איז ראָזע צו אים צוגעגאַנגען:

— אייער האַנט, נאָוואָכאָוויץ.

ביי בן ציונ׳ען איז דער קנייטש צווישן די ברעמען געוואָרן לענגער און טיפער. ער איז געווען פאַרקלערט. עפּעס האָט ער נאָך אינזינען געהאַט צו זאָגן און ס׳האָט אים, אפּנים, פאַרדראָסן, וואָס ער האָט עס ניט געזאָגט.

די גימנאַזיסטקע האָט איבערגע׳חזר׳ט:

— אייער האַנט.

בן ציון האָט געגעבן די האַנט.

זי האָט געזאָגט: — איך לאַד אייך צו אונז. מיין פאָטער וועט גרייט זיין העלפן אין דער זאַך.

אויף מאָרגן האָט זי אים אָפּגעוואַרט אין די אונטערשטע צימערן און האָט אים גלייך אַריינגעפירט אין גאַסט־צימער און דאָרט באַקאַנט מיט די עלטערן.

צום ערשטן האָט ער זיך אַביסל צעטומלט פון דעם רייך־אויסגע־פּוצטן צימער, פון דער שטאָלצער גביר׳ישער מוטער, און ער האָט געזוכט וואָס גיכער אַוועק. ווען ער איז אַוועק האָט דער באַלעבאָס געהאַלטן אין איין רעדן צו דער ווייב וועגן דעם גאַסט, אַ קאָרעספּאָנדענט אין „המגיד", אָנגעטאָן וועלטלעך, רעדט היינטמאָדיש, שרייבט שירים, קען גוט תנ"ך, נייער ווין אין אַלטער פאַס, איי, ס׳איז אַן ענין, אַזאַ יונגערמאַן...

אָבער די מוטער האָט זיך אָנגעכמורעט.

— ער איז ניט ראָזע׳ס גלייכן.

— מענטשן, מאַמאַ, זיינען אַלע גלייך... און ווער עס מיינט, אַז ניט גלייך, באַווייזט נאָר יענער, אַז ער איז אַליין אַ קרומער... ווי אַ

צייכן, אַז דער מאַמע׳ס רייד זיינען איר דערווידער איז ראָזע אַרויס פון צימער...

אויף מאָרגן האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן. זי האָט אים אַ זאָג געטאָן: איך וויל זיך לערנען העברעאיש... איר קענט דאָך גוט העברעאיש. וועל איך ביי אייך לערנען העברעאיש... ווען וועלן מיר אָנהויבן?

— איך בין אַ בוכהאַלטער, ניט קיין לערער — וואַרפט ער אומצופרידן... — איך קען אייך צושטעלן אַ לערער... און צו וואָס דאַרפט איר העברעאיש?...

— איר ווילט מיך אָפריידן. עס וועט אייך ניט געלינגען. און די מאַמאַ און דער פּאַפּאַ, איך האָב שוין מיט זיי גערעדט, — האָט זי אויפגעהויבן די בלויע אויגן.

ער האָט געשוויגן.

— איי זענט איר אַ שטאָלצער! — רעדט זי אַרויס פּאַרטראַכט און גלייך צעלאַכט זי זיך: — כאַ־כאַ, אַז איך וויל גאָרניט לערנען קיין העברעאיש. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן צי איר וועט נאָך קומען צו מיר... צו אונז אין הויז, מיין איך.

האָט ער געקוקט אויף איר פּנים, וואָס האָט געשמייכלט צופרידן, אירע שטראַליגע אויגן פול מיט פרייד און לוסטיגער העזה, און פאַרוואונדערט געצויגן מיט די אַקסלען.

— ראָזע, וואָס פאַר אַן אָנשטעל מאַכט איר איצט?

זי רייסט אים איבער מיט ציטערנדיגע ליפּן:

— איר מיינט... איר מיינט אפשר...

אין אַ ווילע אַרום זאָגט ער צו איר פאַראיבלדיג:

— איר זענט אַ גימנאַזיסטקע. איך מיין אַ שטיפערדיגע.

— איר מיינט אַ לייכטזיניגע... — לאַכט זי אויפן קול.

— אַ שטיפערקע, ווי אַלע רייכע מיידלעך...

— אויב אַזוי... — אירע ברעמען לאָזן זיך אַראָפּ ברוגז׳דיג איבער אירע פאַרשלייערטע אויגן, — איר וואַרפט מיר אויף די רייכקייט... וועל איך אייך מאָרגן ווייזן, אַז מיר וועלן שוין פאָרן אויפטאָן פאַר דער האַנטווערקער־שולע... איר וועט זען, מאָרגן רוף איך פאַר טיי... איר וועט זיין, איר מוזט קומען.

בן ציון האָט אַלץ אָפּגעצויגן, געוואָלט אָנטרעפן ראָזע׳ן ערגעץ אין גאַס: ער האָט ניט ליב געהאַט צו גיין צו איר אַהיים. האָט זי זיך אים אָבער ניט באַגעגנט אַ פאַר טעג נאָכאַנאַנד, איז ער אַוועק צו איר אַהיים.

דאָס מיידל, וואָס האָט אים די טיר געעפנט, האָט אים עפּעס פאַרטראַכט אַ זאָג געטאָן: „באַלד״, און אָנשטאָט אים דורכצולאָזן איז זי אַוועקגעלאָפן פאַראויס.

אין לאַנגן קאָרידאָר איז אים אַנטקעגנגעקומען ראָזע. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: „איך בין געקומען...״ און געוואָלט זיך דאָ פאַרהאַלטן, נאָר ראָזע האָט אים אַ דריק געטאָן די האַנט און מיטגעצויגן פאַראויס:

— יאָ, היינט וועלן מיר עס מאַכן, די שולע.

אין עס־צימער איז געווען ליכטיג, יום־טוב׳דיג ליכטיג. אַרום געגרייטן טיש — געסט. זי האָט באַקאַנט געמאַכט: מאַדאַם לוריע, סאַראַ דאַוויד־דאָוונאַ, סלאַוואַ איסאַקאָוונאַ, הער לוריע, הער גאָרדאָן. הער פיינבערג.

בן ציון וויל מער ניט הערן און גערענקען: א גימנאזיסט און א מאדאם און א הער... אן עסק אים צו גערענקען...

ער האט זיך געזעצט אנטקעגן דעם סטודענט לעווין און זי לעבן אים. און ערשט ווען מען האט פארגעלייגט כיבוד האט זי אים אנגעקוקט און באטראכט. זיין הילוך — אנשטענדיג, זיין אויסזען — ווירדיג און יונג, שיין און שטאלץ. זי איז געווען צופרידן, צופרידן אפילו דערפון, וואס ער איז געזעסן א ביסל פרעמד.

האט זי זיך לוסטיג צעשמייכלט. אויפגעלייגט און לעבעדיג געצויגן דעם געשפרעך, וואס האט זיך אפגעשטעלט — וועגן ענגלישן פארלאמענט, גלאדסטאן.

בן ציון האט כמעט ניט געהערט. ער האט אנגעשפארט איין עלנבויגן אויף א ברעג טיש און אין ארעם פון דער צווייטער אריינגענומען א ווינקל פון שטול און פרעמד באטראכט די סטעליע, דעם רוים פון צימער און — די געסט. דער סטודענט, אן אויסגעצויגן פארשמעלערט פנימ'ל, דאס היבשע בערדל פארקייליעכדיגט. הער לוריע, גאלדענע ברילן פארשטעלן טיפע אויגן, צוויי גאלדענע ציינער, און אנטקעגן ציט זיך א האנט פון א מאדאם מיט צוויי גאלדענע רינגען אויף די פינגער, ציט זיך צו א וואזע.

— אין א לאנד, וואו ס'איז דא א פארלאמענט... אין ענגלאנד — רעדט דער סטודענט —

— א פארלאמענט!... —ווארפט זיך אפ דער באלעבאס, שמאי, אויפן שטול. ער הויבט אויף דעם קאפ, שטעקט ארויס זיין טונקלקאנטיגע בארד... ראזע האט זייטיג באטראכט בן ציונ'ען, געזען ווי זיינע שווארצע אויגן שוועבן ארום מיט בליקן, ווי שארפן, און דער שטערן געקנייטשט, און דאס פנים שטרענג און עס דאכט זיך, אז ער וועט זיך באלד אויפהויבן, נעמען זיך רייסן.

ראזע האט זיך אויפגעשטעלט און מיט א קלארן קלינגענדיגן קול אנגעהויבן:

— אט וואס, מיינע דאמען און הערן, מיר ריידן וועגן דער נויטיגקייט פון א האנטווערקער שולע... איך האב שוין גערעדט מיטן הער פיינבערג. איך וויל, אז איר זאלט אויך עפעס טאן אין דעם... איר טארט ניט שטיין פונדערווייטן.

שמאי האט זיך צוריק אנגעבויגן איבערן טיש, איז דאס קייטל פון זיין גילדערנעם זייגער אוועק אונטערן טישטעך און די טונקעלע בארד איז אראפגעהאנגען ווי א קויטיגער פארטעך... פיינבערג האט די טיפע אויגן ארויסגערוקט נעענטער צו די ווייטע גלעזלעך פון די גאלדענע ברילן און האט מיט גלאנציגן בליק דערלאנגט ביז צו ראזע'ן.

— ראזא סאמוילאוונא! פאר אייך און צוליב אייך... פאר אייך, אזוי ווי איך שעץ אייך, וועל איך אפילו ווערן א גבאי אין א תלמוד־תורה, אין זעמסטווע אפילו וואלט איך געגאנגען...

— אין זעמסטווע פארשטיי איך, — זאגט בן ציון פלוצים.

— פארוואס פארשטייט איר?

— ווייל דארט זיצט מען מיט פריצים, — האט בן ציון אפגעווארפן פון די ליפן. ער האט ניט באמערקט, ווי אלע האבן זיך אומגעקוקט אויף אים.

— און מיט פּויערים זיצט מען דאָרט ניט?

— נו, אפשר ווילט איר גיין אין זעמסטווע צוליב די פּויערים, נאָר צוליב די פּויערים? — האָט בן־ציון הארט א פרעג געטאָן. און אויף אים געלאָזט הענגען זיינע ברענענדיגע אויגן, ווי לאַמטערנעס וואָס בלענדן...

— איר מיינט, אַז איך... — האָט זיך פיינבערג גראַנגלט. — איך האַלט דווקא פאַר'ן פאָלק... כ'האַלט, אז פאר די אומוויסנדע פּויערים דאַרף מען עפענען שולן...

— און פאַר אָרעמע אידישע קינדער? — האָט ראָזע איבערגעריסן.

בן־ציון האָט זיך אויפגעשטעלט, א שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יוצא־וועגן, זייטיג דערלאַנגט די באַלעבאַטים די האַנט, און איז ארוים פון זאַל.

ראָזע האָט א ציטער געטאָן.

אין א היפשער ווייל ארום האָט זי אין א לאַנגן אָטעם פול לופט אריינגעצויגן, זיך אנטשולדיגט און זיך שנעל געלאָזט איבער די טרעפּלעך אָנצויאָגן אים און באַגלייטן.

ראָזע האָט זיך ניט איינגעהאַלטן:

— בן־ציון, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב אייך ליב — וויל איך מיין פאַרדראָס אויספּלאַצן: איר מיינט אפשר, אַז פאַר אָרעמקייט אַליין קומט שוין א מעדאַל...

— עס קומט! — האָט ער געזאָגט שאַרף — פאַר אָרעמקייט קומט, און איר האָט נאָך ניט אָנגעהויבן צו סילוקן.

— אָבער פאַרוואָס האָט איר זיך אויפגעהויבן פון שטול?

— ווייל אייערע פּוכיגע שטולעכלעך זיינען מיט קבצנ'ישע הענט און מיט אָרעמען שוויים געמאַכט און אָנגעשטאָפּט... און זיי האָבן ניט אויף וואָס זייער מידן קאָפּ צו לייגן דאָרטן.

און ער האָט האַסטיג גענומען גיין, ווי געאיילט גיכער צום „דאָרטן".

בן־ציון, איך האָב א פּלאַן: פאָרט מיט מיר קיין שווייץ שטודירן... מיר'ן ביידע פאָרן...

נו, איצט דאַרף איך גיין... אַן אַנדערש מאָל וועלן מיר רעדן...

:: :: ::

משה־לייב ליליענבלום האָט פאַרלאָזן קאָוונע און איז אוועק קיין אָדעס. נאָך צען טעג באַקומט בן־ציון פון זיין עלטערן חבר א בריוו.

„...מיין באַגעגעניש מיט דיר וועט בלייבן פאַרקירצט אין מיין האַרץ און נשמה. ביסט א דיכטער, און ביי דיר אין האַרץ איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלע דערהויבענע זאַכן און אינטימקייטן. דיין קריטיק אויף מיין „חטאת נעורים" נעם איך אָן ווי רייד פון א ליבהאָבער. כאָטש איך האַלט, אַז דו האָסט א טעות, ווען דו מיינסט, אַז איך וויל דערקלערן די וועלט פאַר ווערטלאָז און הפקר. איך בין בלויז געגן דעם, וואָס אינגלעך וואַרפן זיך אריין אין קאַמף פאַר אידייען, וואָס זיי האָבן ניט גענוג דערלערנט... דיך, מיין איך ניט.

— אויף דיין פראַגע פאַרוואָס איך האָב אין מיין בוך אַזויפיל גערעדט וועגן ליבע און ניט דערקלערט, „וואָס איז אַזוינס ליבע". מיר איז וויכטיגער צו מאָלן דעם גייסטיגן מצב אין וועלכן די ליבע ברענגט אריין דעם מענטשן,

זיינע ליבע־ליידן, ווי איר עצם, וואָס געהערט צו די סודות פון דער נאַטור...
„וואָס איז שייך דיינע אייגענע נשמה־ווייטאָגן. ווייס איך דאָך, אַז חוץ ליבע זיינען ביי דיר אינעווייניג פאַרבאָרגן נאָך הייליגקייטן פון טובת־הכלל, וואָס דו האַלטסט וויכטיגער. דעריבער איז מיין עצה, זאָלסט רעדן קלאָרע דיבורים מיט דער וואָס דיין זעל באַגערט. איז זי איינשטימיג מיט דיינע אידעאַלן? — אויב יאָ — וועלן פאַרשווינדן דיינע ווייטאָגן, און אויב ניט — זע זי מער ניט, און שרייב איר ניט, פאַרשפּרייט דיינע זיפצן אויפ׳ן ווינט, און זאָלן די כוואַליעס פון טייך־ניעמאַן פאַרטראָגן דעם אומעט פון דיין הארצן. דאָס איז מיין עצה, די עצה פון דיין טייערן ווייטן, אָבער נאָענטן פריינט,

משה־לייב פון קיידאַן".

דער „גנב"

גאָלדע, בן־ציונ׳ס מוטער, איז שוין עטלעכע מאָל אריינגעקומען צו די יונגעלייט, וואָס זיינען געזעסן מיט איר זון און האָט זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן גיין צום טיש.

— בן־ציון — בעט זי זיך ביי אים — זאָג דיינע חברים זיי זאָלן ניט פאַרשעמען מיין אָרעמע געקעכץ.

— א דאַנק, א דאַנק — ווען מיר זיינען הונגעריג, וואָלטן מיר אייך געבעטן.

— אמת? — קוקט זי אויף בן־ציונ׳ען.

— אמת — שטעלט ער זיך אויף און נעמט זי אונטער׳ן אָרעם. דער־מיט ווייזט ער איר, אז זי קאָן שוין גיין . . .

ווען גאָלדע איז שוין אין צווייטן צימער, הויבט מאַרקוסזאָן אָן צו דערציילן אויפס׳ניי די מעשה מיט דעם פּויער ביים מאַריאַמפּאָלער פּריץ, וואָס מען האָט פאַרשמיסן פאַר גנב׳ענען א ביסל ווייץ.

שפּעטער, אז די חברים צעגייען זיך בלייבט בן־ציון זיצן ביים העלן לאָמפּ, איבער א שיר, וואָס ער האָט פאַרטראַכט אָנצושרייבן, ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעריבן די אויגן, ווייל דאָס העלע ליכט האָט זייער שאַרף געפּלאַקערט. ער האָט אַרויסגעדרייט און אריינגעדרייט דעם קנויט אין לאָמפּ, דער טיש האָט זיך א וואַקל געטאָן, ס׳האָט זיך איבערגעקערט דער טינטער און א ביסל פאַרגאָסן די ערשטע שורות. ער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, געבליבן זיצן פאַרטראַכט און ווידער איבערגעלעבט די מעשה.

אין א קליינער פּויערשער הייזקע פון דאָרף מאַרוויאַנקי ביים מאַריאַמ־פּאָל, צווישן וועגט, אויסגעשמירטע מיט געלן ליים, האָט געלעבט דעם פּריצ׳ס שטאָלן־וועכטער אַנטאַן ווויטעס מיט זיין אַלטער מאַמע יאַדוויגא. זיין ווייב קריסטאַנע, און זייערע דריי קינדער. ער איז געווען דער אָרעמסטער צווישן די פּויערים ארום מאַיאַנטעק. קיין אייגן שטיקל פעלד ניט געהאַט און שטענדיג געוועז פאַרדונגען אויף אַרבעט ביים פּריץ.

קריסטאַנאַ האָט געוואוסט, אז יעדע נאַכט דאַרף זי אים אַריינטראָגן אין שטאַל א טעלער אַלטע קאַלטע שליים־זופּ מיט א שטיק שוואַרץ ברויט.

דאָס אייגנס, וואָס אַנטאָנ׳ען איז פאַרבליבן פון זיין פאַרמעגן, איז געווען אַן איינציגע שאָף. ער האָט געוואוסט, אַז צוויי מאָל אין יאָר דאַרף ער שערן די שאָף און די וואָל פאַרקויפן צו די וועבער פון שירווינט, אָדער עס אויסבייטן פאַר אַ קלייד פאַר קריסטאַנ׳ען און זעק פאַר די זין. דאָס שעפעלע האָט ער געהאַלטן אין פאָדערשטוב פון זיין הייזקע צוליב דער קעלט.

מיט אַ פּאָר טעג פריער, אין אַ פאַרנאַכט, האָט זיך אַריינגעשטעלט דער אויפזעער פון פּריצ׳ס מאַיאָנטעק און אים גענומען אויף אַ פאַרהער וועגן אַ חוב. ער האָט פריער גוט אַרומגעקוקט דאָס אָרעם הייזל, געשמעקט און גענישטערט און צום סוף זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער שאָף. זי באַטראַכט מיט אומצופרידנקייט, אַרומגעטאַפּט און געפרעגט אַנטאָנ׳ען:

— ווען צאָלסטו דעם חוב?

אַנטאָן איז געזעסן אויף אַן איבערגעקערטן קלאָץ, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ בענקל און געריידט מיט אַ געוואָרגן קול:

— ניטאָ, ניטאָ קיין גראָשן. ווען איך קריג אַ שטיקל פעלד צו באַאַרבעטן . . .

— זאָג, דום־קאָפּ, ווען צאָלסטו . . .

אַנטאָן האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. אויסגעשפּיגן און זיך אויפגעהויבן, געוויזן, אַז ער האָט ניט וואָס צו זאָגן. דער אויפזעער האָט שוין דערווייל לאַנגזאַם געצויגן דורך דער טיר דאָס שעפעלע און אַרויסגעזייט אַ פּאָר ווערטער, ווי אַ קבלה, אַז ער האָט דאָס שעפעלע ווירקלעך צוגענומען...

אַנטאָן האָט נאָך באַוויזן צו וואַרפן אַ בליק אויף די טרויעריגע שאָפענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויפ׳ן באַלעבאָס און אויסגעמעקט אַ יענעוועלטיגן אומעט.

ווען דער אויפזעער מיט׳ן שעפעלע זיינען ניט געוואָרן, האָט אַנטאָן נאָכאַמאָל אויסגעשפּיגן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אוועק אין שטאָל צו דער אַרבעט.

יענע נאַכט איז אַנטאָנ׳ס עלטסטער זון, פּעטער, געשטאָרבן. אויף דער וואַנט האָט זיך באַלוכטן אַ בילד פון אַן איקאָנע מיט אַ קינד אויף די הענט, ביי וועמען דאָס פּנים איז אויפגעגאַנגען אין אַ שטראַליק ליכט. אויף אַ געשטעל, ביי דער לינקער זייט וואַנט איז געזעסן די אַלטע יאַדוויגאַ, זי האָט געשעפּטשעט אַ תפילה און האָט געהאַלטן די ביינערדיקע פינגער צונויפגעפלאָכטן אויף איר שוים. ביים פענצטער איז געשטאַנען קריסטאַנאַ. איר פּנים בלאַסער ווי די לבנה. די אַלטע האָט געזאָגט:

— וואָלסט צוגעגאַנגען צום פּאָטערל, טאָכטער, אים דערציילט.

— ניין, צו אַנטאָנ׳ען אין שטאָל וועל איך גיין, איך בין הילפלאָז, — האָט קריסטאַנאַ געבליפּעט.

גרוי און פראָסטיק איז געשטאַנען דער באַגינענדיגער דרויסן. רעכטס און לינקס האָבן זיך אַרויסגעשיילט די קליינע איינגעהויקערטע הייזלעך, איינגעהילט אין נעפּלדיגער וואַטע.

קריסטאַנאַ האָט זיך אָוועקגעקערט פון שטייניגן וועג, אָנגעקלאַפּט אין טויער. אַנטאָן האָט געעפנט. ס׳האָט אויף איר אַ שלאָג געטאָן מיט וואַרעמע מיסט־ריחות.

— וואָס אַזוי פרי? קריסטאַנאַ, זיך פאַרבענקט?

— פּעטער, פּעטער איז געשטאָרבן — האָט זי געיאָמערט.

אַנטאָנ׳ס הענט, ווי שטאָלענע צוואַנגען, האָבן זי אַרומגענומען און אַזוי זיינען ביידע אַרויס פון שטאַל.

אינדערפרי האָט זיך אין די פיר שטיקלעך שויבן אַריינגערוקט אַ שטיק קאַלטע בלאַסע זון. קריסטאַנאַ האָט געקניט פאַר׳ן זון, וואָס איז געלעגן אַ וואַקסענער, אין פינצטערע פלעקן, ווי אַ גערשטן־זאַנג, וואָס פוילט ביים וואָרצל.

זיי ניט בייז, פעטער, ניט איינמאָל האָט דיך דיין פאָטער געשלאָגן. אָבער, ער האָט דיך ליב געהאַט, און אַז איך האָב דיר ניט געגעבן קיין ברויט, קאַרטאָפל, איז דאָס ווייל ס׳איז נישט געווען גענוג פאַר דער אַלטער, אָבער האָסט ניט געדאַרפט שטאַרבן. — —

אַז מען האָט דעם צוועלף־יאָריגן פעטער אַרויסגעטראָגן אויפ׳ן צווינטער, האָט אַ דינער און שטעכיגער רעגן מיט לאַנגע דורכזעעוודיגע פעדים געשטעפט די קאַלטע פאַרטריקנטע ערד.

שפעט אין אָוונט איז אַנטאָנ׳ען נמאס געוואָרן דאָס כליפען פון דער וויב און דאָס וואָרטשען פון דער אַלטער. ער האָט גענומען אַ זאַק און איז אַוועק מיט׳ן שליאַך צום גלח׳ס גאָרטן. אין זיין געדאַנק האָט זיך עפּעס געוועבט, דער רעגן האָט אויפגעהערט. עס האָט געשמעקט מיט שפעט־ווינטער. די שטיבלעך זיינען געשלאָפן. די לבנה איז געהאָנגען צווישן צעריסענעם בלאַס־בלויען געוואַנט.

אַנטאָן איז געגאַנגען און זיך געבראָכן דעם קאָפּ:

— וואוהין זאָל ער גיין? דאָס שפּעלע האָט מען ביי אים צוגענומען, לייען געלט, אָדער אַ ביסל קאַרטאָפל, איז ניטאָ ביי וועמען. ביי די אָרעמע פויערים האָט דער אויפזעער פאַרשלעפט די מוידן, און יעדן זונטאָג אויף דער נאַכט ווינקט מען אויפ׳ן אויפזעערס שטוב, און מען הערט דאָס געלעכטער וואָס טראָגט זיך פון דאָרט, וואו דער פריץ אַליין, יאַגאָלע מיט זיינע דינער, מאַכן זיך לוסטיג מיט די מוידן . . . מילא, מילא, בעסער זאָל ער צונעמען די שאָף, איידער קריסטאַנ׳ען — האָט אַנטאָן געטראַכט — אָבער וואו נעמט מען ברויט פאַר די זין . . . פאַר דער אַלטער. פון אַזאַ דערנערונג וועלן די קינדער און די אַלטע לאַנג ניט ציען . . .

אַנטאָן האָט געוואוסט, אַז שולדיג אין זיינע צרות איז דער אויפזעער, און דער גלח איז אין דערמיט.

אַנטאָן איז שוין געווען לעבן מאַריאַמפּאָלער שלאָס. דער מאַיאָנטעק איז שוין געשלאָפן. מען האָט קוים געזען געגן שטערן־שיין די גרינע דעכער פון די שטיבער און די ליידיגע און שטילע גערטנער; פון די שטאַלן איז אויפגעגאַנגען אַ שאַרפער ריח.

ער האָט זיך געדרייט אַרום דעם קלויסטער און איז שטיין געבליבן ביים געפאַרבטן פאַרקן פון גלח׳ס גאָרטן. ער האָט אַריינגעקוקט אינע־וויניג, געזען ווי אין שטאַל לייכט זיך. דאָס דרייט זיך אַרום די דינסט און האָדעוועט די חזירים׳לעך. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ ליידיגן עפּלבוים אונטערן פענצטער פון הויז און געזען ווי דער גלח זיצט איבער אַ בוך ביי אַ צעשמאָלצן ליכט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יעדן זונטאָג נאָך דער דרשה גייט דער גלח צו די פויערים און רעדט צו זיי אַזוי געטלעך־מילד: „און ווי גייט עס דיר, הארציגער? ווי וואַקסט ביי דיר דאָס האָבער? נעם גיב אַ קוש דעם קרייץ, זון מיינער".

פונם גלח׳ס הויז האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער ריח פון פעטס. אין

איין פענצטער זיינען געווען אָנגעלייגט רויטע פּאָמידאָרן. די דינסט איז אָנגעקומען פון שטאָל. זי האָט צונויפגענומען איר ברייט אָנגעפּאָלדעוועט קלייד:

— גוטן אָוונט, אַנטאָן, — האָט זי געזאָגט. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און געפרעגט:

— און די שאָף מערן זיך ביים פּאָטערל?

— גיי, גיי דיר געזונט, פּויער. לאָז דיך ניט ציען צו יענעמ׳ס, וועט דיר גאָט העלפן.

אַנטאָן האָט זיך ניט וויסנדיג געמאַכט, וויטער געפרעגט:

— און קרויט האָט דעם פּאָטערל׳ס באַדינערין אַראָפּגענומען אַ סך?

זי האָט זיך אויף אים מער ניט אומגעקוקט:

— גיי, גיי! דומער קאָפּ, גיי איידער איך פאַרטרייב דיך, אָנשיקעניש, יעזוס הייליגער!

אַנטאָן האָט זיך אָפּגערוקט. ער איז צוגעגאַנגען צום פּאַרקן פונם קלויסטער, וואו עס איז געשטאַנען האַלב אויסגעבויגן די קרייציגונג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף דער הייליגקייט. באַלד האָט ער אַנידערגעקניט און האָט אָפּגעמורמלט אַ תפילה:

— דו ביסט גאָט, אַ באַשיצער פון די אָרעמע, פּאָטער פון די ליידנ־דיגע, האָסט ליב גערעכטיגקייט און גיסט יעדן זיין חלק ברויט, העלף מיין אַלטער, קריסטאַנ׳ען, מיינע קינדער, אָמן!

אָפּגעזאָגט, איז ער ארויף אויפן בערגל צו די שייערן. ער האָט זיך גערוקט ביים פּלויט, וואו פון ביידע זייטן האָבן זיך זומער געצויגן בלומען־בייטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט יאָרן צוריק, בחור׳וויז, האָט ער זיך דאָ געטראָפן מיט קריסטאַנ׳ען. ער האָט אויפגעבראָכן אַ טויער, אַריינ־געגאַנגען און איז צוגעגאַנגען צו אַ זאַסטופּ ווייץ. עס האָט אים אַרומגע־כאַפּט אַ געפיל פון פאַראַכטונג צו אַלץ, און גרייטקייט אויף אַלץ — ער האָט באַטראַכט דעם ווייץ און האָט צונויפגעפרעסט די ליפּן. ער האָט געעפנט אַן אַלטן זאַק, גענומען שיטן אין אים ווייץ, צייל־נדיג:

— פאַר מיר... פאַר דער אַלטער... פאַר קריסטאַנ׳ען... אָנגעפילט אַ האַלבן זאַק און אים צוגעבונדן האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט אין דער טונ־קעלער שטילקייט, איז געווען אויף יענער זייט פּלויט. ער איז פאַרביי דעם הייליגן ביים פּאַרקן, וואָס האָט, דאַכט זיך, איצט געשמייכלט, און האָט זיך געשאַרט מיט׳ן זאַק ווי אַ שאָטן, פאַרביי דעם שטיין־וועג. מיטאַמאָל האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן אַ טופּ פון אַ פערד. אימיצער איז אָנגעריטן. ס׳האָט אַ רויש געטאָן דער קלונג פון אַ ציימל...

אַנטאָן האָט זיך אָנגעבויגן און זיך גענומען רוקן אין אַ זייט, אוועק־קריכן פון וועג. ווי נאָר ער האָט פאַרקירעוועט אין אַ זייטיגער אַליי, האָט ער זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיטן מענטשן אויפן פערד, דעם אויפזעער. הינטער אים זיינען געשטאַנען נאָך צוויי.

— וואָס טוסטו דאָ! ? — האָט דער אויפ׳ן פערד געפרעגט.

אַנטאָן האָט ניט געענטפערט. געוואָלט אַנטרעטן.

— שטיי, דו! — האָט דעם רייטער׳ס קול אָפּגעקלונגען מיט אַ נאַכטיש ווידער־קול — וואָס טראָגסטו?

— ווייץ, אַ האַלבער זאַק. פאַר . . .

— פונוואַנען!

אנטאָנ׳ס מויל האָט זיך אויסגעקרימט. ער האָט באַלד געכאַפּט אַ שטויס אין דער ריפּ. ער האָט גענומען שטאַמלען:

— אַז דאָס שעפּעלע, האָסטו מיר צוגענומען. דער יונג איז מיר געשטאָרבן.

— וואו האָסטו גענומען דאָס ווייץ, פרעג איך.

אנטאָן האָט זיך אַ רוק געטאָן אין אַ זייט. דער אויפזעער האָט געשריגן:

— שטיי! האַלט אים! אַהער!

עמיצער, אַ גרויסער און אַ שווערער, האָט זיך אַרויפגעוואַלגערט אויף אים פון הינטן, אנטאָן האָט אַראָפּגעלאָזן דעם זאַק, אַ פּרואוו געטאָן באַפרייען די האַנט, אָבער אַ שטאַרקער קלאַפּ איבער׳ן קאָפּ האָט אים האַלב פאַרטויבט.

דער אויפזעער האָט אַרויפגעלייגט דעם זאַק אויפ׳ן פערד און גענומען שלעפּן דעם צונויפגעקאָרטשעטן אנטאָן. דערביי האָט ער געבורטשעט עפּעס קללה׳דיגס מיט פעטע שמאַלציגע ליפּן.

— שנעלער, דומער קאָפּ. מיאוס׳ער פּראַש! שטיינער דיר אין בויך. פאַר גניבה וועט מען דיך פאַרשיקן הינטער די אוראַלער בערג, אין די סיבירער וויסטעניִשן.

אנטאָן האָט געשפּאַנט נאָכ׳ן רייטער. ס׳איז אים שוין געווען אַלץ־איינס, וואוהין מען פירט אים. ביים האַלב־אויסגעבויגענעם געקרייציגטן האָט ער אַ ווילע פאַרלאַנגזאַמט די טריט און געקוקט אויף אים מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. מען האָט אים אַריינגעשלעפּט אין גלח׳ס הויף.

דער גלח וואַסילי לודמיקוס איז אַרוים אין הויף אַ פאַרשלאָפענער און גע׳מוסר׳ט אנטאָנ׳ען: — אַזוי אַזוי, זינדיגסט מיין זון, שלעכט, באַשטראָפן, באַשטראָפן. אַ לערע פאַר אַנדערע וואָס ציען זיך נאָך יענעמס... נאָכדעם האָט מען אים געשלאָגן און אפילו אַז ער איז שוין געלעגן אין חלשות, האָט ער נאָך געפילט ווי עס שיטן זיך אויף אים נייע קלעפּ. —

די טעג זיינען געגאַנגען. אנטאָנ׳ס שטיבל אויפ׳ן עק דאָרף איז פאַרמאַכט. פאַר דער טיר וואַלגערט זיך אַן אָפּגעזעגטער קלאָץ. קריסטאַנאַ שטייט אין אַ צעריסענער שאַל און צעגראָבט די קליינע בייטן. זי וועט פאַרזייען ציבעלעס.

— ווען וועט ער זיך שוין אומקערן? וויפיל חדשים וועלן זיי אים דאָרטן האַלטן.

ווען דער לעצטער קלאַנג פון קלויסטער־גלאָק האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט זיך דער פּריצ׳ישער זון קאַזימיר פאַלטוראַקאַס, דערנענטערט צו אנטאָנ׳ס שטיבל און זיך אָפּגעשטעלט. זיינע אויגן האָבן צום ערשטן מאָל אַ כאַפּ געטאָן דאָס נאַקעטע אונטער קריסטאַנע׳ס האַלז.

זי האָט זיך פאַרנייגט פאַר׳ן אַדעליגן.

— אנטאָן איז ניטאָ? — האָט ער געמאַכט אַן אומשולדיגע מינע.

— ניין, שוין לאַנג — האָט זי פאַרבראָכן די הענט — אָ, האַרעלע!

— ער וועט אַזוי גיך ניט קומען. דיך פאַרלאָזן, האַ? דער פאָטער׳ל האָט שוין באַוואָרנט, ער זאָל זיך אַזוי גיך ניט צוריקקערן.

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט. ניט ווויסנדיג צוליב וואָס. אפשר בעטן? ער האָט אויפגעכאַפּט אירע הענט.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, קריסטאַנאַ?
— אַרבעט, אַרבעט, האַרעלע!
— אָ, איך פאַרשטיי, נאַריש קעלבל.
— הער זיך איין, — האָט ער אַ שיק געטאָן צו איר אַ הייסן בליק. אימיצער איז דאָ ביי דיר אין שטוב.
זי האָט אויפגעכאַפּט זיין בליק:
— די קינדער, די אַלטע.
קריסטאַנאַ'ס פּנים האָט זיך געררויטלט. אירע ליפּן האָבן געציטערט.
— הייליגער יעזוס, פאַרוואָס האָט מען אים אַוועקגעשלעפּט. וואו וועל איך נעמען אַרבעט?
— אַרבעט? — גוט, מיר וועלן זען — האָט קאַזימיר גראָב געשמייכלט
— איך זאָג דיר צו. אָבער וואוהין גייען מיר.
קריסטאַנאַ האָט אויפגעעפנט דאָס מויל און ניט פאַרשטאַנען, — יאָ פאַרשטאַנען, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.
— איך וויים וואוהין, — האָט ער געשמייכלט — היינט ביינאַכט אין חרוב'ן שירווינטער קאַשציאָל — וועסט קומען?
— איך וועל קומען.
דער פּריץ האָט זיך צו איר נעענטער צוגעבויגן:
— איך וועל זען זאָלסט האָבן אַ ביסל ווייץ. זען מען זאָל דיר געבן אַרבעט אין מאַיאַנטעק, גוט באַצאָלן . . . אָבער זאָלסט קומען, אַז ס'וועט פינצטער ווערן . . .
שפּעטער אין חרוב'ן קאַשציאָל, ווען קאַזימיר האָט זיין פעטן פּנים צו קריסטאַנאַ'ן אויפ'ן בוזים געוואָרפן און אַרויסגעכראָפּעט פון זיך אַ לייב־מידקייט, אַ קערפּער־זאַטקייט, האָט זי געשעפּטשעט און אין דער שטיל גערופן די נעמען פון אַלע הייליגע . . . די נאַכט האָט זיך שוין דעמאָלט אַריינגעכאַפּט אין דאָרף, ווי אַ גנב וועלכער האָט מורא פאַר טאָגליכט, און מיטאַמאָל האָט זיי דער חושך באַדעקט. — — — — — — — — — — — —
— —

דער ווייזער האָט שוין באַלד זיך צוגערוקט צו פינף. דורך די שפּאַרונעס פון די לאָדן האָט דורכגעדרונגען אַ שמאָל־בלוי פּאַסיקל. בן־ציון האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ, גענומען די פעדער און געשריבן זיין פיר און צוואַנציג סטראָפיק ליד „דער גנב".
„ניט פון געבוירן ווערט מען אַ גנב, ניט פון מוטער־לייב קומט ער אַרויס". — — —
אין דורכלויכט פון די לאָדנס האָבן זיך געטונקלט שטיקער הימל, אָנגעגאָסענע מיט פאַרטאָגיגער שיין.

ד ר י ט ע ר ט י י ל

„עס רירט זיך"...

דער אויפרוף

צוויי פיגורן זיינען איבערגעבויגן איבער א געוויינלעכן טישל אין א חדר פון אן אלעקסאטער וואוינונג. אויפ'ן טישל איז געשטאנען א ליכטן. ס'האט פון דעם געקאפעט דער חלב, וואס קלייבט זיך צונויף ביים קנויט און שטיקט דאס פייער. אלעמאל האט איינער פון די צוויי אויסגע־שטרעקט א האנט און געלאזט אפטריפן דעם חלב. ווען די האנט רירט זיך צו צום ריטשקעלע, וואו דער חלב, ווערט ליכטיג אינ'ם נידעריגן שטיבל.

איינער פון די צוויי זאגט:

— אגוז, איך נעם זיך ארויס די אויגן.

— נעם נאך ניט, נאוואכאוויץ, מיר דארפן האבן דיינע אויגן.

שוין א פאר טעג, אז אגוז מיט בן־צביונ'ען וואוינען אין א זומער־שטיבל אויפ'ן אלעקסאטער בארג און לייענען צוזאמען א קול־קורא (אויפרוף), וואס א געוויסער העברעאישער שרייבער, אהרן ליבערמאן, האט אפגעדרוקט אין דעם רוסישן זשורנאל „ופעריאד" (פארווערטס). זיי האבן ערגעץ באקומען א קאפיע פון העברעאישן אריגינאל וואס הויבט זיך אן מיט דער ווענדונג: „אל שלומי בחורי ישראל" (צו דער אינטעליגענטער אידי־שער יוגנט) און איז אונטערגעשריבן „מאת המתנדבים בעם לבית ישראל" (פון די איבערגעגעבענע צום פאלק אינ'ם אידישן פאלק).

בן־ציון ערגערט זיך שטארק, ווען ער זעט, ווי די ליכט גייט אויס:

— ווען מיר באוויזן נאכאמאל איבערלייענען!

— לאמיר לייענען:

„אינטעליגענטע אידישע יוגנט! דורשטיג נאך ערלעכער און אלגע־מיין־נוצלעכער טעטיגקייט, גרייטסטו זיך אריינטרעטן אין לעבן, און אלס מיטל צו דערפילן דיינע פארלאנגען האסטו אויסגעקליבן די אלמעכטיגע וויסנשאפט. דו רעכנסט, אז מיט דער בילדונג וועסטו אויסהיילן דאס פאלק פון אלע זיינע וואונדן, וואס עסן אים אויף, און וועסט אים ארויספירן אויפ'ן וועג פון פראגרעס, אלגעמיין־מענטשלעכער אנטוויקלונג און וואוילטאג.

„אבער אומזיסט! ביי דער איצטיגער געזעלשאפטלעכער ארדנונג איז מעגלעך נאר איין פראגרעס, דאס איז דער פראגרעס פון די פאלקס־אומגליקן, ביי די איצטיגע צווישנמענטשלעכע באציאונגען איז מעגלעך נאר איין קאריערע — דאס איז די קאריערע פון דעם פאלקס־עקספלואטאטאר".

אגוז האלט אין איין רויכערן. ער דערזעט בן־ציונ'ס קליינע וואנצעלעך, אויף וועלכע ס'איז פארגליווערט געבליבן א שטיקל חלב, צעשמייכלט ער זיך:

— איך וויל אוועק אין פאלק. הערסט, בן־ציון, מיר'ן אויפהויבן א וועלט פאר אונזער אידייע.

די ליכט קנאקן, שמעלצן זיך. בן־ציון ענטפערט ניט. ער לייענט:

„און דאס פאלק הויבט אן שוין אומעטום צו פארשטיין, אויך דאס אידישע

פאָלק. מיט א צאָרנדיגן בליק און מיט האַס און שנאה זאָגט ער דער אינטעליגענץ פון צבוע׳קעס און ספעקולאַנטן, וואָס האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין האַלז און נאַקן:

„איר זענט דורכאויס שולדיג געגן אונז! די השכלה און בילדונג, מיט וועלכער איר שטאָלצירט אַזוי, האָט איר דערוואָרבן דורך אונזער האָרעוואַניע, דורך אונזער פיין און ליידן . . .

. . . דיך אָבער, יוגנט, ביי וועמען עס איז פארבליבן די ערלעכקייט פון שטרעבן; דיך, וואָס באַגערסט דעם אמת׳ן נוצן פון פאָלק; דיך יונגע אינטעליגענץ, וועמען די איצטיגע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג און די פארקריפּלטע ציוויליזאַציע האָט נאָך ניט באַוויזן צו פארדאַרבן — דיך רופן מיר אין אונזערע רייען, אין די רייען פאַר דעם גליק פון די פאָלקס־מאַסן, פאַר דעם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט".

בן־ציון איז געזעסן פארוויקלט אין קאַרגן שיין פון חלב׳נעם ליכטל פארקלערט. ער גרייט זיך באַלד אַריבער די גרענעץ, קיין קעניגסבערג, קיין דייטשלאַנד, און אין זיין מוח צייכנט זיך שוין די גרענעץ־ליניע. זיין חבר איז אין א גוטער שטימונג. ער גרייט זיך „גיין אין פאָלק" און ער, בן־ציון, וואָס וועט ער טאָן אין קעניגסבערג?

— וואָס וועסטו טאָן אין קעניגסבערג? — קלאַפּט אים אגוז איבער׳ דער פּלייצע.

אגוז פארמאַכט די טיר, פארשטעלט די פענצטער מיט די לאָדן, וואָס זיינען צונויפגעקלאַפּט מיט ברעטלעך.

— ס׳וועט זיין היים — האָט בן־ציון צוריק אויפגעעפנט די טיר — וואָס האָבן מיר מורא, ס׳איז דאָ אָן איינזאַם שטיבעלע אויפ׳ן באַרג, קיין לעבעדיגער נפש, אַט זע — א הימל פון תכלת, פון טונקעלן תכלת. אַט זע!

ער רעדט אַריין אין אגוז׳ן:

— אַז באַנעמסט ניט, אַז מיר מוזן צום אַלעם ערשטן צווישן אידן עפּעס אויפטאָן. ס׳איז ניט נאָר פינצטער דאָרטן ביי זיי אין דאָרף, נאָר אויך ביי אונז. מיר האָבן ניט אונזער לאַסאַל, ווי די אומות העולם.

אגוז הויבט זיך אויף און גייט צו פּאַמעלעך, פארמאַכט די טיר, אָפּשטויסנדיג בן־ציונ׳ען פון דער שוועל.

— זאָל זיין אָפן, לאָמיר זען דעם הימל, א בוים — בעט בן־ציון.

— פּאָעזיע — שפּעטער — האָט צווישן די ציין אגוז אַרויסגעזיפּצט — שפּעטער.

— אויף וועלכער שפּראַך רעכנסטו ריידן מיט די אידן? — פרעגט ער בן־ציונ׳ען. — זשאַרגאָן צי העברעאיש?

אַ שמועס אין דער נאַכט: די אַרבעטער־פראַגע

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ שטילע סוף־זומערדיגע נאַכט. קיין סך מענטשן איז ניט געווען צו זען. זיי האָבן ביידע געשפּאַנט. די שטערן האָבן געפינקלט איבער זייערע קעפּ, שטיל, ווי אַנטשוויגן פון דער גרויסער שטילקייט.

— איר זעט די דאָזיגע שטערן אין הימל? זיי דערמאָנען אייך אין עפּעס?

— אין קאַנט׳ס וואָרט מיינט איר, — האָט בן־ציון געענטפערט.

— דער אויסגעשטערנטער הימל איבערן קאָפּ און דער געוויסן...

— ניין, ניט דאָס, — האָט זיך ראַבינאָוויטש אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. אַזוי ווי די שטערן זיינען אייביק, אַזוי איז אייביק דער געזעץ פון פאָר־שריט, פון אַנטוויקלונג.

— ובכן? — האָט בן־ציון געשטעלט אַ טראַט און געפרעגט?

ראַבינאָוויטש איז נאָך אַלץ געשטאַנען, דורכגענומען בן־ציונ׳ען מיט די אויגן פון אונטן אַרויפצו.

— מיר דאַרפן דערקלערן די באַלמעלאָכעס דעם דאָזיגן געזעץ פון אַנטוויקלונג. מיר דאַרפן זיי דערציילן וועגן די שטרייקן פון די אַרבעטער אין אַנדערע לענדער. תורה אַליין איז ניט גענוג. אָן מעשים טובים איז קיין תורה ניטאָ.

— וואָס פאַר אַ מעשים? — איז בן־ציון אַרייַנגעפאַלן אין זיינע רייד.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין און זיינען צוגעקומען צו אַ פּאַרקן ביים ברעג־אַנשיט פון טייך פּרעגל. ראַבינאָוויטש האָט מיט ביידע הענט אָנגע־נומען די וואַנט און אָנגעהויבן שטיל און געלאַסן:

— איר פרעגט וואָס דאַרף מען טאָן מיט די פּועלים? מיט די מענטשן פון האָרעוואַניע. מען דאַרף זיי פרעגן וואָס עס מיינט שכירות, וואָס באַקומט דער אַרבעטער פאַר זיין טאָג אַרבעט?

בן־ציונ׳ס אויגן האָבן זיך צעבליצט. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

— וואָס באַקומט ער, דער פּועל, פאַר זיין אַרבעט? — האָט ראַבינאָ־וויטש אַראָפּגענומען די ברילן און זיי געווישט — אַ מעסטעלע „מן", ווי אין מדבר, אַ מעסטעלע אויף אַ טאָג ברויט די נשמה צו דערהאַלטן צו דער מאָרגנדיגער אַרבעט... דער אַרבעטער אַרבעט אויס זיין טאָג חיונה מיט אַ צוגאָב... דער צוגאָב איז אָפט מער ווי דאָס עצם חיונה, וואָס דער באַלעבאָס, דער קאַפּיטאַליסט, מעסט אָפּ פאַרן אַרבעטער. וואו קומט עס אַהין דער צוגאָב? — האָט ראַבינאָוויטש געפרעגט מיט אַ גמרא־ניגון — איז דער ענטפער: דאָס „מערווערט" — אַ טייל פאַרשווינדט אין אַ פּעטל פּעטס... און אַ טייל ווערט אויפגעשלאָגן אַלס קאַפּיטאַל, אַלס לעבעדיגער, באַוועג־לעכער קאַפּיטאַל, וואָס דרייט זיך ווייטער אין געשעפט — אַלס מיטל פון ווייטערדיגער עקספּלואַטאַציע...

ראַבינאָוויטש האָט זיך שוין לאַנג אָפּגערוקט פון דעם ווענטל, האָט די לינקע האַנט פאַרשטעקט אין קעשענע און מיט דער רעכטער אָנגענומען בן־ציונ׳ען ביים לאַץ.

— דעם אַרבעטערס ישיבה איז דער עיקר דער וואַרשטאַט, די פאַבריק, און אַרבעטער טוען אַמאָל אַ טופּע מיטן פוס: גענוג! זיי לייגן צונויף די הענט: זאָלן די מאַשינעס זיך דרייען אַליין אָן די אַרבעטער... אָבער ניין! אָן אַרבעטער־הענט וועט זיך ניט דרייען — האָט ער אָפּגעלאָזן בן־ציונ׳ס לאַץ — ניט דרייען, ניט וועבן, ניט שפּינען... שטייענדיג צוזאַמען ביים ווערקשטעל, און אין קאַמף, איינער פאַר אַלעמען און אַלע פאַר איינעם... שמידט זיך אויס די קייט פון אחדות. מען באַקומט חשק צום געראַנגל...

דער סאָציאַליזם איז דער יורש פון דער אינדוסטריע — ראַבינאָוויטש האָט ווידער אויסגעטאָן די ברילן, און זיינע אויגן האָבן געפינקלט, — איר פאַרשטייט, איר פאַרשטייט מיך, נאָוואַכאָוויץ.

— יאָ, אַלץ פאַרשטאַנען, ווען די אַרבעטער זאָלן פאַרשטיין?

— אָ, פאַרשטאַנד, איין קלייניגקייט, דאָס איז דאָך אונזער אויפגאַבע. מיר דאַרפן שרייבן, אויפקלערן. אינטעליגענטן און אַרבעטער, פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע.

—און איך זאָג אייך, אַז ביי אַ ביסל אָנשטרענגונג קאָנען מיר געפינען אַ וועג ווי אַרויסצוגעבן אַ שריפט, זאָל דערווייל אפילו זיין אין דער העברעאישער שפּראַך... מיר איבערזעצן.

— איך האָב אַ פאָרשלאָג — האָט ראַבינאָוויטש פאַרענדיגט. — לאָמיר אַריבערגיין צו ראַדקינסאָנ'ען, דעם רעדאַקטאָר פון „הקול". ער זוכט מיטאַרבעטער פאַר זיין בלאַט. ער פּלאַנעוועט אַ חודש־שריפט. נאָך איבערמאָרגן ווען מיר אַריבערגיין צו אים, זענט איר מסכים? — האָט ער פאַרענדיגט און אַ טרייסל געטאָן זיין בלאָנדן קאָפּ האָר.

— מסכים, אוודאי, — האָט בן־ציון געענטפערט מיט אינערלעכער פרייד און פון זיין מויל איז געגאַנגען זיין אָטעם, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ דינע פאַרע אין דער בלויקייט פון דער נאַכט.

און אַז זיי האָבן זיך געזעגנט האָט בן־ציון זיך געפילט מאָדנע אָנגעלאָדן און האָט אויסגעמיטן אַריינצוקומען אַהיים אַזויפיל באַלאָדן, אַז ס'זאָל אים ניט צושטיקן אין דער היימישער ענגשאַפט... איז ער אַ צעררודערטער לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן אין דער נאַכט אין דער שטיל. ער האָט ווידער און ווידער דערמאָנט געדאַנקען, דוכט זיך באַקאַנטע, וואָס זיינען אָבער איצט פון ראַבינאָוויטש'ן אויסגעדריקט געוואָרן אַזוי שאַרף, אַז עס האָט אין די אויגן געבלאַנקט. מענטשן און זאַכן האָבן אַן אַנדער אויסזען באַקומען, אויסגעבלויזטע, הויל און באַקעט. פאַרוויקלטע און פאַרשטעלטע ווערן דורכזיכטיג.

דער שפּעט־זומערדיגער נאַכטיגער טונקל האָט זיך גיך צעשטרייט. עס איז געוואָרן דורכזיכטיגער און העלער אַרום. ס'איז אָנגעקומען דער באַגינען צוגלייך מיט בן־ציונ'ען. ער — אין זיין קוואַרטיר, און דער באַגינען — אין פענצטער, האָט ער זיך געלייגט אויף דער קאַנאַפּע און זיך אָנגעקוקט מיטן באַגינען און די מחשבות ביי אים זיינען געוואָרן אַזעלכע העלע און לייכטע, זיינען געשוועבט צום באַלויכטענעם פענצטער און זיך פאַרטראָגן ווייט, ווייט.

— צו די רוסן קומט מען מיט דער שיינער לויטערער קולטור־שפּראַך פון פּושקינ'ען, פּיסאַרעוו'ן און נעקראַסאָוו'ן, צו די דייטשן מיט דער געפּליגלטער שפּראַך פון בערנע און לעסינג, ווען מיר צו אונזער פאָלק גיין מיט דער שפּראַך פון עמוס און מיכה פון מורשת.

— מיין מאַמע קען ניט קיין תנ"ך! — האָט אַגוז'ס קול, פול מיט חוזק געטראָפן בן־ציונ'ען.

— אייערע מאַמעס וועלן זאָגן תחינות און צאנה־וראנה לייענען. אידישע יונגעליים אין די ישיבות לעבצן נאָך אונזער וואָרט.

דער פּראָפעסער פון דעם רוף, ליבערמאַן, האַלט אויך אַזוי.

— ליבערמאַן אַליין איז אַ געוועזענער ראַווינטשיק, פון אים ברענג מיר קיין ראַיות ניט, — האָט אַגוז אָוועקגעוואָרפן זיין פּאַפּיראָס.

— אידישע אינטעליגענץ גייט פריער צו די איינענע וואָרצלען. אַניט

זיינען מיר ניט ווערט אונזער גרויסע אַרבעט — האָט זיך בן־ציון ניט באַרואיגט.

— נו און לאסאַל, און מאַרקס?

בן־ציון האָט זיך פאַרהוסט. מיטאמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן און ווידער אויפגעריסן די טיר.

די ליכט האָבן זיך ווי צוגעזעצט אין די קליינע לייכטערלעך אויפ׳ן טישל. אַרום אין דער טונקלקייט האָבן ביידע יונגעלייט אויסגעזען ווי צוויי טרוימער פון אַנדערע וועלטן.

פון דער טיר איז געגאַנגען אַן אויפדערנאַכטיגע פרישקייט. דורך דער אָפענער טיר האָט מען געזען שוואַרצע בוימער מיט צעפּלאָנטערטע קרוינען, וואָס גייען אַוועק צו די שווייגנדיגע שטערן. ס׳האָט געשמעקט מיט ווייטקייט, מיט גרענעצן.

בן ציון איז אַרויס אין דרויסן, געבראַכט נייע צוויי ליכטלעך, זיי אָנגעצונדן. זיך איבערגעבויגן איבער דעם אויפרוף און אים איבער־געשריבן.

נאָכדעם איז ער ווידער אַרויס אין דרויסן. דער אַלעקסאַנדער באַרג איז געלעגן שטום און אָפּגעזונדערט. ער האָט גוט באַטראַכט דאָס שטיבל און ס׳איז אים געקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז גאָר אין גיכן וועט אים אויסקומען צו פאַרלאָזן די היימישע האָריזאָנטן ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, אויף אייביג, אפשר.

אין דער שטאָט פון „ריינעם פאַרנונפט"

— אפילו אין קעניגסבערג, קען מען ניט לעבן בלויז מיט די שטערן און מיט׳ן ריינעם פאַרנונפט — האָט בן־ציון געטראַכט יענעם ראש־השנה פאַרנאַכט. ער האָט באַשלאָסן צוצוגיין אין רעפאָרמירטן טעמפּל, זען די „קאָמעדיע" און הערן דעם „קאָמענדיאַנט", ראַבינער באַמבערגער׳ן, און נאָכדעם גיין אין קאַנצעל׳ס רעסטאָראַן אָפּעסן אַ ראש־השנה׳דיגע וועטשערע . . .

דער רעפאָרמירטער אידישער טעמפּל איז געשטאַנען אויף דער קאַנט־שטראַסע, אַ ביסל פויל און פאַרשלאָפן. אויף די באַגילדעטע טירן פונ׳ם קליינינקן טעמפּל איז געווען אויסגעשניטן אַ לייב, וואָס איז געלעגן אונטערגעבויגן די פיס. אַ גאַנצע וואָך איז גאָט׳ס הויז געווען פאַרשפּאַרט און נאָר שבת איז ער אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ פּאָר צענדליג סוחרים, מעקלער און סטודענטן פון אוניווערזיטעט.

לכבוד יום־טוב האָבן איצט אַלע לאָמטערנעס ביים טויער געברענט פון פאַרנאַכט אָן און אַלע אינעווייניג האָבן ביי דער פייערלעכער גאָטעס־דינסט געבלעטערט מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט די דייטשע מחזורים׳לעך.

בן־ציון איז געשטאַנען די גאַנצע צייט בעת׳ן „פּרעדיגן" פונ׳ם ראַבינער, זיינע ברעמען אַראָפּגעלאָזט, נאָר פון צייט צו צייט האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויפ׳ן קליינעם ראַבינער, וואָס איז איינצייטיג געווען דער

חזן, און דער כאָר האָט שטיל אונטערגעפּרעפּלט, בעת ער האָט פאַרענדיגט זיין דרשה.

באַלד האָט זיך דאָס „גאָטעסדינסט" געענדיגט. די דאַווענענדיגע האָבן זיך פּייערלעך באַגריסט מיט'ן דייטשן „גוטן יום־טוב" און שטיל געשאַרט צו די טירן, וואו דער ראַבינער איז שוין געשטאַנען און זיי שמייכלענדיג געדריקט די הענט. בן־ציון האָט געקוקט אין די זייטן. אומדערוואַרט איז דער ראַבינער צוגעגאַנגען צו אים, און עטוואָס זיך אונטערהויבנדיג, אים ווי אונטערגעטראָגן.

— אַ גוטן יאָר, מיין הער! וואָלן זיי ביטע, אַריינגיין מיט מיר אין מיין שטודיום.

בן ציון איז אים שווייגנדיג נאָכגעגאַנגען, נייגעריג געווען ווער נאָך געפינט זיך דאָרט אין „שטודיום".

— הער ליכטקאָפּ, — האָט דער קליינער און יונגער ראַבינער אַ זאָג געטאָן צו אַ מיטליעריגער שוואַרצער פּערזאָן, מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ, מיט קינסטלעכער העפלעכקייט, — זייט באַקאַנט מיט אַ גאַסט אַאוס קאָוונע, אַ בוכהאַלטער אין פיינבערג'ס קאָרעספּאָנדענץ־ביוראָ, דערצו אַ שרייבער אין „המגיד". הער נאָווכאָוויץ! — הער ליכטקאָפּ!

— אַך זאָ! זייער אָנגענעם!

זיינען זיי שוין איצט געזעסן זאַלבעדריט: דער ראַבינער, לעבן וועלכן עס איז אויף אַ ספּעציעלן שטול געלעגן דער סאַמעטנער צילינדער, בן ציון און ליכטקאָפּ. דער ראַבינער האָט באַלד אָנגעהויבן לויבן זיין למדנות, ווי אַ געניטער סוחר, צוגעקלאַפּט מיט די פינגער איבערן שפּיץ טיש און באַדייטונגספול דערציילט:

— איך האַלט שוין ביים פאַרענדיגן דאָס ווערק מיינס: „דער גייסט פון דער אידישער גאָטעסדינסט". ראַבינער דאָקטאָר שינדלער פון ברעסלאַו האָט עס באַוויליגט.

— אַך זאָ, זאָ, — האָט ליכטקאָפּ ווי אויפגעוואַכט פון עפּעס אַ שלאָף, מיטגעשטימט, שטייף זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם רוקן פון שטול אַזוי, אַז דער הויכער שטול האָט אַ קרעכץ געטאָן. בן ציון האָט געקוקט אויפן קליינעם און יונגן ראַבינער, וואָס איז געווען פאַרכלינעט פון אייגענער באַרימעריי:

— צוויי יאָר וואַר איך, אַלס פרייער צוהערער אין ברעסלאַוער סעמינאַר, אין טעאָלאָגישן אוניווערסיטעט, און נאָכהער...

— יאָוואָל, נאָכהער? — האָט ליכטקאָפּ איבערגעפרעגט גוטמוטיג.

— נאָכהער ביים פּראָפעסאָר עלענבויגן אין בערלין שטודירט פילאָ־סאָפיע דעם רעליגיאָנען.

— אַך זאָ, פּראָפעסאָר עלענבויגן, דיזער געלערנטער, — האָט ליכטקאָפּ זיך אָנגערופן.

בן ציון האָט זיך קוים דערוואַרט דער ראַבינער זאָל ענדיגן, זיך אויפ־געשטעלט און געזאָגט:

— איך מוז גיין!

— ביטע, ביטע און פאַרגעסט ניט מאָרגן, — האָט אים דער ראַבינער געעפנט די טיר.

אין פרוי קאַנצל'ס רעסטאָראַן זיינען די טישן געווען באַדעקט מיט גרינע טישטעכער, וואָס זיינען נידעריגער אַראָפּגעהאַנגען ביז צו דער ערד. אויף די טישן האָבן קרישטאָלענע גלעזלעך אַרומגעבלאָנקעט, ווי אויף אַ שפּאַציר־גאַנג. צווישן די טישן האָבן אויך אַרומגעבלאָנקעט די באַלעבאָסטע

און איר טאָכטער, באהאנגען אין צירונג, און איבערגעשטעלט די גלעזלעך פון איין אָרט אויפן צווייטן.

פרוי קאַנצל האָט העפלעך באַגריסט אַלע געסט און יעדן איינעם אָנגעוויזן אויף זיין פּלאַץ. באַלד האָבן די מוטער און טאָכטער אָנגעהויבן דערלאַנגען די מאכלים. די מענטשן ביי די טישלעך האָבן מיט ווייסע סערוועטקעס געווישט דעם שוויים פון די פּנים׳ער און גערופן די טאָכטער, וואָס האָט צוגעטראָגן די געקעכצן.

— פריילין, אין מיר האָסטו פאַרגעסן?

— לאָטכען, עס דאַרשט מיך.

שווייגנדיג איז די שמייכלענדיגע לאָטכען אומגעלאָפן, צוגענומען דעם ליידיגן און אוועקגעשטעלט אַ פולן פלאַש. זי האָט עס געטאָן מיט אַ פליים.

— נו, הער קייזערמאַן — האָט, טרינקנדיג טיי, געפרעגט איינער אַן אָרעמער סטודענט, וואָס איז געווען אין אַ צעקנייטשטן זויבער רעקל, — וואָס זאָגן זי צום היינטיגן פּרעדיגט פון ראַבינער? — ער האָט אַריבער־געקוקט צו בן־ציון׳ס טישל.

בן־ציון האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער, אויפגעהויבן די אויגן און געזען ווי קייזערמאַן, אַ געקנייטשטער מיט גרויע באַקנבאַרדן, מיט אַן אויסזען פון אַ פורמאַן, — טוט אוים זיין יום־טוב׳דיגן צילענדער און רעדט אַרוים מיט אַ גראָבלעכער חשיבות.

— העכסט באַלערנד, גלענצנד. — ער האָט אָפּגעהוסט מיט אַ שלאָבעריגן הוסט און פאַרגעזעצט: — דיזער ראַבינער איז איין ווירדיגער פאַרשטייער פון רעליגיע און פאַרנונפט...

בן־ציון האָט געוואָרפן אַ קאַלטן שטעכיגן בליק אויף קייזערמאַנ׳ען און שפּאָטיג אַ זאָג געטאָן:

— וואָס פאַר רעליגיע און וואָס פאַר אַ פאַרנונפט? ער איז אַ פּוסטער באַרימער, אייער פּאַסטוך, איך גיב אייך אַ גראָשן פאַר זיין פרומ־קייט און זיין לוטעראַנישער גאָטעסדינסט...

קייזערמאַן האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן אין די באַקן־באָרדן, וואָס מען האָט ניט פאַרשטאַנען. פון אַ צווייט טישל האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלאָנדער יונגערמאַן פון וואַסערדיגע אויגן און גלאַט־געקעמטע האָר, וואָס האָבן געגלאַנצט. ער איז געגאַנגען אויף בן־ציונ׳ען.

— ענטשולדיגן זי, הער!? — האָט ער זיך דערנעענטערט צו בן־ציונ׳ען — זינד זי אוים רוסלאַנד?

בן־ציון האָט אים ניט געענטפערט. האָט ער תיכף צוגעגעבן מיט אַ הארט קול — אין רוסלאַנד זיינען אַלע אונזערע גלאובענס־ברידער אַזעלכע טעמפּעראַמענטפולע.

— איך בין ניט אייער גלאובענס־ברודער, איך בין אַ ליטווישער איד
— האָט זיך אַ פייערל באוויזן אין בן־ציונ׳ס פלאַמיגע און שוואַרצע אויגן.

— די רוסלענדער יודן זינד אַטעאיסטן און ניהיליסטן, היער אבער שטימט דאָס ניט, היער איז פריזן. עס פאָדערט זיך אַכטונג פאַר רעליגיאָן.

— ער האָט דערזען ווי בן־ציונ׳ס אויגן שפּריטן שוואַרצע פלאַמען, איז ער מיט אַ שווערן טראָט אוועקגעטראָטן און נאָך באוויזן צו זאָגן:

— הער קייזערמאַן, מאַנכע פון די רוסישע יודן דאַרף מען נאָך סיביריען אוועקשיקן, נאָך סיביריען...

— איידער איר וועט מיך שיקן קיין סיביר, אייזל פון מאַזאישן גלאָובען, — האָט אים בן־ציון געשיקט אַ שוואַרץ־פלאַמיגן בליק — וועט איר זיך נאָך טויפן אין לוטעראַנישן וואַסער...

אַ מיטלוואוקסיגער יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציג, מיט שפּאַקולן אין גאָלדענע ראַמען, אַן איידל פּנים מיט בלאָנדע האָר און אַ בלאָנד בערדעלע, האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין בן־ציון׳ען. ער האָט קלוג געשמייכלט און עס איז קאָנטיק געווען, אַז אים טוט שטאַרק הנאה פון בן־צביון׳ס ענטפער. בן־ציון האָט געזען ווי דער בלאָנדער אַפּלאָדירט מיט זיינע אויגן זיינע רייד געגן „היפּאָקריט" און זיין טעמפּל.

דער בלאָנדער האָט ניט אויסגעהאַלטן, האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין טישל, און איז צוגעגאַנגען צו בן־ציון׳ען. זיך אַליין פאָרגעשטעלט.

— אליהו וואָלף ראַבינאָוויטש, אַ סטודענט אויפן פאַקולטעט, מעג איך אייך באַגריסן?

— בן־ציון נאָוואַכאָוויץ — האָט ער אים ווירדיג געענטפערט און אָנגעוויזן אויף דעם ליידיגן אָרט ביים טישל.

לאָטכען האָט זיי ביידן צוגעטראָגן צוויי הייסע גלעזער טיי. ראַבינאָוויטש האָט אַ זופּ געטאָן און געפרעגט זיין נייעם באַקאַנטן.

— הער נאָוואָכאָוויץ, איר האָט געשריבן אין „המגיד"?

— יאָ, געשריבן.

– מיר זיינען זייער געפעלן אייערע שירים, איך אַליין שרייב פון צייט צו צייט אין „הקול". איבעריגנס זע איך פון אייער שריבן, אַז מיר זיינען חברים אין געדאַנק. מעג איך אייך ווייזן מיינע אָנגעשריבענע זאַך וועגן „דער ארבעטער פראַגע"?

ביי בן־ציון׳ען האָבן זיך די באַקן אָנגעצונדן. ער האָט אַביסל פאַר־חידוש׳ט געקוקט אויפן בלאָנדן יונגערמאַן, וואָס האָט זיך צערעדט וועגן לאַסאַל׳ן, וועגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועגן פאַרשטאָר־בענעם יאַקאָבי און וועגן דער פּאַריזער קאָמונע. ער האָט ווי אַרומגענומען דעם יונגן ראַבינאָוויץ און אים דערוואַרעמט מיט זיין אָטעם.

נאָך אַ שעה פון שמועסן האָט זיך ראַבינאָוויטש דער ערשטער אויפ־געהויבן. — קומט, קומט, האָט ער געזאָגט — וועלן מיר אַביסל שפּאַצירן.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, זיך געזעגנט מיט לאָטכען און זיך געלאָזט אין נאַכטיגן דרויסן. אַרויסגייענדיג האָט נאָך בן־ציון געהערט ווי דער קייזערמאַן רעדט צו פרוי קאַנצל:

— גנעדיגע פראַו, איך זאָג אינען, די רוסישע יודן זינד אַלע גאָט־לעסטערער, וועל איך אינען זאַגן...

אין קרייז

טריבע טעג. אַ געדיכטער נעפּל, ווי אַ ־רי בערדיגער וואָלקן, הענגט פון איינדערפרי אָן איבער קעניגסבערג. פון טאָג צו טאָג וויקלט זיך די שטאָט אַלץ מער אין נעפּל־שלייער. די לופט איז אַזוי געדיכט, כאָטש נעם און האַק זי מיט אַ האַק. פאַרנאַכט, אַז בן־ציון נאָוואָכאָוויץ פאַרטיגט זיך אָפּ מיט זיין בוכהאַלטעריע־אַרבעט אין פיינבערג׳ס קאַנטאָר און גייט אַוועק צו זיך אויף דער קוואַרטיר, זעט ער גאָרניט, ווי אַ שלייער פון

טונקל־גרויען זייד פאַרדעקט דעם נעפל, די קאַטעדרע, דאָס שמאָלע געסל האופען־שטראַסע.

אין איין פאַרנאַכט, ווען בן־ציון איז אַרייַנגעקומען צו זיין פריינט ראַבינאָוויטש האָט ער דאָרט געטראָפן אַ גאַסט.

— זייט באַקאַנט, — האָט זיי ראַבינאָוויטש פאָרגעשטעלט, — הורוויטש!

הורוויטש, אַ בלאָנדער מיט אַ שיין שוואַרץ בערדל, בלויע אויגן און אַ לענגלעכע נאָז, האָט גערעדט מיט אַ טיף־רוסישן אַקצענט און זיין גאַנצער גאַנג איז געווען „אַריסטאָקראַטיש".

:: :: ::

טאָג נאָך טאָג ציט זיך אַ דיסקוסיע צווישן די צוויי: ראַבינאָוויטש און הורוויטש. בן־ציון דערוואַרט קוים די רגע, ווען ער קאָן אַוועקגיין פון זיין צימער און קומען צו ראַביגאָוויטש'ן, וואָס זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ פאַרבאָרגענע היכל, וואו נביאים האָבן זיך באַזעצט, צירקלען אַ צירקל, קרייזן געדאַנקען. עס טרעפט, אַז ביידע איינגעשפּאַרטע וואַרפן בליקן אויף אים און מאָנען:

— וואָס זאָגסטו? אויף וועמענס זייט ביסטו?

אָבער בן־ציון רעדט ניט. ער איז יוצא מיט דעם, וואָס ער איז מסכים אין דער מחשבה. ניט אפילו קיין שאָקל מיטן קאָפּ, אָבער זיין פּנים שיינט אויף. מען זעט בחוש ווי אים איז גוט — גוט, וואָס ביי אים אין מוח ווערן קלאָר אַ סך זאַכן.

ווען די צוויי דעבאַטירנדיגע רייסן איבער די דעבאַטע פילט בן־ציון ווי זייטן און שפּיצן פון געדאַנקען, פון פראַגן, ווערן אַלץ מער אָפּגע־שליפן, און דאָס צאַפּלדיג האַרץ שטעלט זיך אָפּ ווי אַ זייגער אויף דער וואַנט, וואָס הערט אויף מיטאַמאָל צו קלאַפּן און אַמאָל, פאַרקערט, הייבט דאָס האַרץ אָן פלוצלינג שלאָגן רעש'יג און גיך, ווי אַ כוואַליע וואָלט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן און פאַלט באַרג־אַראָפּ איבער שטיינער...

יעדן צווייטן טאָג קומען זיי זיך צונויף אין קליינעם אָנגערויכערטן צימער, און באַלד צעוויקלט זיך דער וויכוח, אַן אָפענער, אַן ערנסטער.

— פילאָסאָפיע איז רייגער פאַרנונפט, שטרעבט צו דערגיין די ווירקלעכע וואַרהייט... די וויסנשאַפט פאַרשט דעם אָביעקטיוון אמת...

— זעלבסט־נאַרעריי... פילאָסאָפן טראָגן שפּאַקולן און געלערנטע — שפּאַקטיוועס, און די גלעזלעך אין ביידע זיינען פון קלאַסן־מאַסשטאַב און קלאַסן־קאָליר...

—איר, ראַבינאָוויטש, זאָלט עס באַנוצן... די דענקענדיגע פּערזאָן, די אינטעליגענץ, געהערט דער מענטשהייט אינגאַנצן, ווייל זי איז אויסער קלאַסן, איבער קלאַסן...

— האָט איר שוין אַמאָל געזען, אַז אַן אייזערנער דאַך זאָל ליגן פינף הונדערט מייל איבער דער געביידע, אַז אַ בריק זאָל הענגען איבער די זיילן? אויף וואָס וועט עס זיך האַלטן? ניין, אַ בריק הענגט ניט אין דער לופטן, אויך אַן אידייע מוז זיין אויף עפּעס אָנגעבויט, דאַרף עפּעס פאַרדעקן, מוז זיך אויף עפּעס שטיצן.

דאָ הייבט מען אָן שפּאַצירן איבערן צימער. ראַבינאָוויטש — דיקער,

ברייטער. די אויגן מילד פֿאַרטראַכט, אַנגעשטרענגט הינטער די גלעזלעך פֿון פּענסנע אויף דער גראָדער נאָז. הורוויטש — דינער, לופּטיגער, אָנגעטאָן אין אַ טונקל העמדל מיט אויסגעהאַפּטענע ברעגן. דאָס פּנים לענגלעך, פֿאַראיידלט מיט אַ ווייכן אויסדרוק אויף די פֿולע ליפּן, שוועבט ער איבערן צימער נאָך ראַבינאָוויטש'ן... אָבער ראַבינאָוויטש טוט זיך אַ קער־אום ענערגיש, ווי אויפֿגעוואַכט, און מיט זיין באַהאַרצטער שטים, וואָס פֿאַרמאָגט ברייטע, אונטערשטע טענער, הייבט ער אָן:

— קלאַסן־מאַסשטאַב, דאָס איז וויכטיג.

— אַ ביישפּיל איז ניט די זאַך אַליין, — נעמט הורוויטש אָן אַ הויפּן באָרד, — אַ ביישפּיל שפּיגלט אָפּ די זאַך, אָבער שטעלט ניט פֿאָר דעם עצם זאַך. די אידייע דערהויבט זיך איבער אייגענע אינטערעסן, די אידייע וועט באַפֿרייען דעם אַרבעטער.

— קענען אייערע אינטערעסן ? אַ ליגן. און וואָס איז די איצטיגע אַרבעטער־לאַגע ? ביט די זעלבע ווי אַמאָליגע קנעכטשאַפֿט ? האָט איר געלייענט פֿרידריך ענגעלס' בוך „די לאַגע פֿון אַרבעטער - קלאַס אין ענגלאַנד" ?

— שפּאַנט מען, שפּאַנט מען אין צימער און מען דרייט זיך אין אַ צירקל.

— דער גייסט, אין דער געשטאַלט פֿון דער פֿאָרגעשריטענער אינ־טעליגענץ, טראָגט דער מענטשהייט די אויסלייזונג. די ווינסשאַפֿט אַנט־דעקט נייע אוצרות פֿון דער נאַטור, ברענגט נייע דערפֿינדונגען. די מאַטע־ריעלע קולטור שטייגט מיטן פּראָגרעס פֿון גייסט.

— גייסטיגער פּראָגרעס איז ניט קיין טרייסט. טרייסטן אַ שקלאַף אַנשטאָט צו דערוועקן אין אים אַ ווילן פֿאַר אַן אויפֿטשאַנד, מיינט בלויז העלפֿן זיין האַר, מיינט אים נאָך מער צו פֿאַרשקלאַפֿן.

— ראַבינאָוויטש, איר ווילט צו די אַלטע מלחמות צווישן די פֿעלקער צוגעבן נייע פֿאַרביטערטע קריגן אין פֿאָלק, צווישן די באַזונדערע טיילן פֿון פֿאָלק ?...

— און איצט, האָלט איר איז יאָ דאָ פֿרידן ? אַן אייגנטימער פֿון אַ פֿאַבריק און זיין אַרבעטער ; איינער ציט פּראָפֿיטן און דער אַנדערער שקלאַפֿט — דאָס מיינט פֿרידן ; און אַז דער אַרבעטער זאָל זיך שטעלן קעגן זיין באַדריקער — דאָס איז שוין ברודער־קריג, האַ ? זיי זיינען, הייסט עס, ליבלעכע ברידער, די רויבער מיט די באַרויבטע, די אונטער־דריקער מיט די אונטערדריקטע.

דער וויכוח הערט אויף. פֿאַרוועבט אין מחשבות זיצט בן־ציון, האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און קלערט־איבער די געדאַנקען, וואָס קרייזן איינער איבערן אַנדערן, אַ קרייז נאָך אַ קרייז.

דער „זאַמלבוך פון די קלוגע"

אין ערשטן גרויסן צימער פון מאַדאַם קאַגנצעל'ס רעסטאָראַן איז געווען רויִק און טומלדיק. די ברייטלעכע באַלעבאָסטע האָט מיט ביידע הענט דעם קאָפּטל געצויגן איבער אירע פולע בריסט אויף און אָפּ, און גע'טענה'ט און געבעטן אין קאַפּריז:

— רויכערט ניט אַזויפיל, כ'בעט אײַנען!

איר אַנטקעגן האָט די חנ'דלענדיגע לאַכבען קאָקעטיש געקנייטשט אייגעלעך און אויך צוגעזונגען.

דער רעדאַקטאָר פון „הקול", ראַדקינסאָן, האָט דריבנע געשמייכעלט. אַ גרויסער, אַ פאַרעלטערטער און פוילער, איז ער פעסט אויפן שטול געזעסן און האָט פאַר זיך געשמייכלט פון די בטלנים, וואָס ווילן די וועלט אויסבעסערן, אַז אים גייט עס בסך־הכל גאָרניט אָן.

ער האָט זיך צוגעהערט צו די אַמפּערייען, וואָס האָבן זיך געשטיקט פון ווערטער און פון רויך.

ווען ראַדקינסאָן האָט זיך געווענדעט צום קרייזל פון די ניהיליסטן, ראַבינאָוויטש, בן־ציון, הורוויטש, שטיין און אַנדערע, און זיי פאַרגע־לייגט אַרויס זיין פּלאַן. אַרויסצוגעבן אַ העברעאישן זשורנאַל ווי דער „האמת" אין ווין, וואָס די צענזור האָט פאַרמאַכט, האָבן זיי אים גלייך געפרעגט, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער דער זשורנאַל וועט טראָגן.

— וואָס פאַר אַ טענדענץ וועט אייער זשורנאַל האָבן? — האָט ראַבינאָוויטש געפרעגט.

— טענדענץ? — האָט ראַדקינסאָן אַ בלאָז געטאָן רויך פון זיין ציגאַר, — גאָר קיין טענדענץ ניט.

חברה יונגוואַרג האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רעדאַקטאָר הגדול פאַר־שטייט במחילה, ניט, וואָס דאָס וואָרט טענדענץ מיינט.

— אַ ריכטונג, מיינען מיר, וואָס וועט זיין די פּאָליטיק פון דעם זשורנאַל?

— אַ, אַזוי גאָר, מיין צייטונג שרייבט קעגן ניהיליזם.

— אויב אַזוי איז לאָ מיט אַ אלף, — האָט זיך בן־ציון אויפגע־שטעלט, און זיינע אויגן האָבן געליכטיגט מיט צו־להכעיס'דיגע פלעמלעך.

— איר האָט אָנגעקלאַפּט אין דער ניט־ריכטיגער טיר, הער ראַדקנסאָן.

ראַדקינסאָנ'ס קיילעכדיג קורץ־געשוירן בערדל, וואָס האָט באַרעמלט זיין ענערגיש פּנים, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. אין מח איז אים ענג געוואָרן. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט.

— וואָס טוט מען מיט דער חברה לצים? גאַנץ פיינע יונגעלייט־לעך, זיי טראַכטן ניט אין מטבעות, גאָר טענדענצן גיט זיי... וואו זאָל ער נעמען טענדענצן?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַצירן אין צימער און שפּאַלטן די געדיכטע בלויע וואָלקנס רויך. געקאַלופּעט דעם שטערן און זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט:

— הייסט עס, יונגעלייט, קעגן ניהיליזם ווילט איר ניט שרייבן, הא?

— אַ, ניין, — ענטפערן עטלעכע מיטאַמאָל.

— ניין? — האָט ער איבערגעפּרעגט, זיך ווידער פאַרטראַכט און גלייך אַ זאָג געטאָן:

— גוט, שרייבט זשע פאַרן ניהיליזם...

און דער משא־מתן איז גלייך געשלאָסן געוואָרן.

בן־ציון נאָוואַכאָוויץ האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּסעוודאָנים, אַ פּען־נאָמען, און אויפן פאָרשלאָג פון ראַבינאָוויטש'ן אָנגענומען צו ווערן רעדאַקטאָר.

איצט איז מען געזעסן און געטראַכט וועגן אַ נאָמען.

— אינטעליגענטישע שטיק, דער באַלעבאָס און דער באַלמעלאָכע, האָט ראַדקינסאָן געקרימט זיינע דינע ליפּן, אָבער וואָס גייט עס אים אָן? דער בוכהאַלטער אין פיינבערג'ס רייכער אונטערנעמונג וויל שרייבן קעגן די רייכע, זאָל ער... אַבי ער שרייבט גוט, האָט אַ גלאַטע פּעדער... דאָס איז דער עיקר. — העלפט צוטראַכטן אַ נאָמען, — זאָגט ראַדקינסאָן.

מ'האָט געשוויגן.

— איך האָב אַ פּראָיעקט: „אסיפת חכמים״ (פאַרזאַמלונג פון די קלוגע).

— פע! — האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן, — עס שמעקט מיט ישיבה און קלויז.

בן־ציון האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט, אַז אים וואָלט געפעלן דער נאָמען, ווייל ער שטרייכט אונטער אומשולדיגקייט און ס'וועט זיין גוט פאַר דעם אויג פון צענזור. פאַרשטייט זיך, אַז דער זשורנאַל דאַרף זיין אויף העברעאיש, אַניט וועט ער האָבן ווייניג לייענער.

ראַדקינסאָן האָט אָפּגעצויגן די קנייטשלעך אויפן סערדעט און מיט זיין האַרטער און שטעכיגער שטים גענעבן צו וויסן:

— איר קענט שרייבן קעגן חסידים, קעגן גוטע־אידן, אָבער מיט מלכות זייט געוואָרנט...

מען האָט זיך אַ לאַנגע צייט געאַמפּערט ביז מען האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דער זשורנאַל וועט דערשיינען אין אַ חודש אַרום. דער גאַנצער ריווח געהערט צום פאַרלעגער, צו ראַדקינסאָנ'ען...

:: :: ::

עס לערנט בן־נץ זיין אייגענע משנה לאמר, אַזוי צו זאָגן: „שנים אוחזין, צוויי מענטשן רייסן זיך אַרום אַ קלייד; איינער זאָגט: זי איז אינגאַנצן מיינע; דער אַנדערער זאָגט: זי איז אינגאַנצן מיינע. זאָגן די חכמים: זאָלן זיי זיך צעטיילן.

אין דער משנה, רבותי, רעדט מען וועגן אַ געפונענעם קלייד. אין לעבן אָבער זעען מיר אַן אַנדער סאָרט ספסוך: צוויי מענטשן האַלטן אַ קלייד. איינער טענה'ט, אַז זי איז אינגאַנצן זיינע; דער אַנדערער טענה'ט דאָס זעלבע. איינער זאָגט: דאָס קלייד איז מיינע, ווייל איך האָב פאַר דעם וועבער און דעם שניידער (פונם קלייד) געטאָן אַן אַנדער אַרבעט, איך האָב פאַר אים גענייט שיך, דערפאַר וואָס ער האָט געמאַכט דעם בגד. דער אַנדערער זאָגט אָבער: דאָס קלייד איז מיינס, ווייל איך האָב אין מיין האַנט די פּרוכט פון דער אַרבעט, דאָס איז דאָס געלט, און דער־

פאַר קאָן איך טראָגן דאָס קליידֿ — הגם איך האָב ניט אַליין גענייט אַ מלבוש, און ניט געטאָן קיין זאַך פאַר דעם וועבער אָדער דעם שניידער. איז די קשיא: ווי פּסקנ'ט מען דאָ? תּיקו — בלייבט אַ קשיא".

כמאַרעס

בן־ציונ'ס צימער אויף בראַדבענקען־שטראַסע איז פול מיט ביכער און בראָשורן. אומעטום אָנגעוואַלגערט און אָנגעשאָטן. מער „טריפ'ע" ווי כשר'ע. נעמט מען אַמאָל מיט אַהיים אין דער נאַכט ביי אַ הימל אָן אויסגעשטערנטן, אַ זאַמלבוך, אַן אַלטע „רהיינישע ציימונג" נומער 20. טראָגט מען ביכער פון ביידע זייטן „פאַרשטעלט" מיט ניט־געבונדענע העפטן. אָט־דער שער־בלאַט „אַריינפיר צו פּאָליטישער עקאָנאָמיע" — גלאַנצן אותיות אפילו אין דער פינצטער, און :וופּעריאַד", דאָס איז ניט פאַר אַ פרעמד אויג, און „לייפּציגער פרעסע", „בערלינער פרייע פרעסע", „פאָרווערטס", ברעסלאַוער „וואָרהייט" — צעשפּרינגט דאָס האַרץ פאַר פרייד, וואָס קיינעם פאַלט ניט איין, אַז ער טראָגט זיך דאָ אין דער נאַכט, ביים אויסגעשטערנטן הימל...

בן־ציון דערוואַרט קוים די ווייליע שפּעט נאָכמיטאָג, ווען ער קען זיך באַפרייען פון דער אַרבעט, אַוועקגיין אין רעדאַקציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קעניגסבערגער „פרייע פרעסע". דאָ האָט ער זיך באַקענט מיטן רעדאַקטאָר ווילהעלם יוסט. אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט אַ קרענקלעך בלייכן פּנים און אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די יסורים און ליידן פון אַ וועלט, און מיט זיין געהילפס־רעדאַקטאָר וואָלטער שענשטעדט, מיט אַ געלבלעך פּנים און שטילע אויגן, אַ זון פון אַ שלעזישן וועבער — ביידע קינדער פון הונגער און נויט.

אָפט קומט בן־ציון אין רעדאַקציע אויף דער נאַכט, ווען די רע־דאַקטאָרן וואַרטן שוין אויף דער פריש ־ אָפּגעדרוקטער ציימונג. יוסט בלייבט דעמאָלט זיצן אַ מידער. זיינע אויגן פינקלען פון אויפגערעגטער דערוואַרטונג. לעבן אים זיצט וואָלטער און שווייגט. עס רעדן נאָר זיינע פינגער. וואונדערלעכע פינגער, דאַרע, באַוועגלעכע און שטאַרק אומ־רואיגע. זיצט ער ביים ווינקל טיש, די אויגן האַלב פאַרמאַכט, און די אומרואיגע פינגער זיינע לויפן איבערן טוכענעם אויבערפלאַך פון טיש.

זיין עובֿדה, וואָלטער'ס, איז זעצן בלייענע אותיות און נאָכדעם זיי, די בלייענע שורות, שפּאַנען און בינדן אין אייזערנע רעמלעך. די רעמלעך אויסשטעלן אין שערענגעס. אַלעמאָל, ווען יוסט מיט בן־ציונ'ען, וועמען ער רופט דעם העברעער־סאָציאַליסט־פּאָעט, רעדן, ווערן אומרואיג ביים שלע־זישן זעצער די דאַרע פינגער, זוכן אין דער אַרומיגקייט בלייענע אותיות, און די דינע נאָזלעכער בענקען שטאַרק נאָכן גערוך פון פרישער פאַרב.

יוליוס איז דווקא אַ באַרעדעוודיגער. לאַנג און אָן אַ סוף קען ער קייען דעם קלאַסנקאַמף און דעם סאָציאַליזם. נאָר היינט איז געווען אַנדערש. ער האָט געשוויגן און לסוף זיך אָנגערופן אין דער שטילקייט:

— איך האָב ידיעות, אַז ביסמאַרק קלייבט זיך אַרויסלייגן אַ פאַרבאָט אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

און ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען גלויבט אים ניט, האָט ער צוגעגעבן:

— אַזוי לאָזט וויסן דער „אַלטער" געהיים.

ער מיינט ווילהעלם ליבקנעכט'ן, וועמען ער קען פּערזענלעך גוט.

אין איין אָוונט, ווען די גאַסיקע פענצטער האָב שוין געקוקט מיט טיפער נאַכט, איז בן־ציון אוועק אין רעדאַקציע. ער האָט דאָרט אָנגע־טראָפן צווי הויכע יונגעלייט, אומבאַקאַנטע. יוסט האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר זיי און זיי אַ וואונק געטאָן, אַז מיט אים קאָן מען רעדן פריי. זיי האָבן זיך איינגעקוקט אין זיינע פלאַמיקע אויגן און אים באַגריסט.

יוסט האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ העפטל פון „אסיפת חכמים" און מיט אַן אויפגעלויכטן פּנים עס דערלאַנגט איינעם פון די יונגעלייט. יענער האָט זיך צוגערוקט נאָענט צום פייער פון לאָמפּ אויפן טיש און אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, — כאַפּט זיך יוסט, — דאָס איז דאָך געשריבן אויף אַלט־העברעאיש...

— די סאַמע קאָנספּיראַטיווע שפּראַך, — שמייכלט דער יונגערמאַן יוסט קוקט פונדאַסניי אויף בן־ציונ'ען און זאָגט אַרויס ווייכער ווי שטענדיק:

— אונזער פריינט האָט אַ נויגונג צו פילאָסאָפיע און איז אַ דיכטער.

— ס'איז ניט קיין פעלער, דווקא אַ טוגנט, — קוועלט אָן עפּעס דער יונגערמאַן — מיין ניט, אַז אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף זיין טרוקן ווי אַ בלאַט אין הארבסט, אַ סאָציאַליסט איז אַ מין חיה אויף איין ביין... סאָצי־אַליסטן זיינען פּאָעטישע נאַטורן, וואָרים אונזער לערע איז דאָס זאַנפטסטע, דאָס אָנגעזעטיגסטע, דאָס קאָנדענסירטסטע פונם לעבן... באַטראַכט נאָר לאַסאַל'ן אין זיין גאַנץ לעבן, און מאַרקס'ן — אין די ווערק „קאַפּיטאַל" איז פול פּאָעזיע, גאַנצע שטיקער זיינען לידער אין פּראָזע, ליריק — פון וויי און צאָרן. „עס בלאָנקעט אַ געשפּענסט איבער אייראָפּע", ווי זאָגט איר, נאָוואַכאָוויץ, קלינגט עס ניט ווי אַ פּסוק פון די נביאים?

— ענלעך צו אַ פּסוק פון ישעיהו... — מאַכט בן־ציון שטיל.

— ריכטיק, ריכטיק! און מען דאַרף עס אָבער ניט באַטראַכטן פון דער ווייטנס, אין יאָרן אַרום, נאָר מ'דאַרף אין דעם אָנטיילנעמען שוין איצט, זיין אינמיטן די געשעענישן, גליען אין די פלאַקערן... אונזער אידייע — ניט נאָר וואָס זי וועט פאַרטרייבן די פרעמדע, פיינטלעכע גייסטער, נאָר זי לייטערט אויס די טרעגער אירע אַליין —— פון נישטיקע געוואוינ־הייטן, פון אַלטן שימל...

בן־ציון האָט אָנגעקוואָלן פון דעם ברען, וואָס דער נייער באַקאַנטער האָט אויף אים אָנגעווייט. האָט זיך שוין דער צווייטער אוועקגעדרייט אין אַ ווינקל, האָט זיך אָנגעבויגן אויף זיין וואַליזע און אַרויסגעצויגן אַ בראָשור און זי צוטראָגן צו בן־ציונ'ען.

— נעמט דאָס מיט, וועט איר זיך באַקענען מיט איניקע אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע פראַגן... כמאַרעס רוקן זיך אָן אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע...

— ער טוט זיך אַ כאַפּ — אָבער זייט פאָרזיכטיק, באַהאַלט עס גוט ווייל ווי מיר הערן, וועט מען לויטן נייעם ביסמאַרק־געזעץ באַקומען ביז דריי יאָר פאַר פאַרשפּרייטן אַזאַ ליטעראַטור, און פאַר אייך קען עס מיינען ניט

נאָר זיצן, נאָר אויך גיין אין סיביר... זיצן אין דער היגער טורמע און גיין איבערן טראַקט פון אייער הײמלאַנד קיין סיביר...

— איר וועט דאָך קומען מאָרגן, וועלן מיר ווייטער שפּרעכן... — האָט דער יונגערמאַן אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו בן־ציון'ען.

בן־ציון האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, טרויעריג פאַרבענקט געקוקט ווי דער הימל כמארעט זיך, האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אוועק.

ס'האָט גענומען רעגענען. ניט געאיילט, געלאָזן און נאָכאַנאַנד, געוויט מיט קעלט און געשפּריץ מיט וואַסער־טראָפּנס. נאָר גיין אין דער אייגענער רעדאַקציע פון „הקול" דאַרף מען — ס'איז די שעה צו גיין אין דרוק־קעריי. אויף דער גאַס איז ליידיגלעך, איינציגווייז און צעשפּרייט לויפן דורך איילנדיגע מענטשן, ניט אומגעקוקט. בן־ציון קויפט אַ ציטונג און לייענט:

„מאָנטאָג, דעם 21טן אָקטאָבער, איז ביסמאַרק'ס אויסנאַמס־געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן אַריין אין קראַפט. מען ריכט זיך צו פאַרמאַכן זייער היגן אָרגאַן „די קעניגסבערגער פרייע פּרעסע".

בן־ציון האָט איבערגעלייענט, פאַרקנייטשט דעם בלאַט און זיך געלאָזט גיין אין דער נאַסער טונקלקייט

תפיסה

יאָר 1878.

די געשעענישן האָבן זיך האַסטיג אַנטוויקלט.

מאָנטאָג, דעם 21טן אָקטאָבער, איז דער סאָציאַליסטן־געזעץ אַריין אין קראַפט. דעם זעלבן טאָג איז געווען אַן אונטערזוכונג אין דער רעדאַק־ציע פון דער קעניגסבערגער „פרייע פּרעסע". די ציטונג איז פאַרמאַכט געוואָרן.

ביסמאַרק האָט פאַנאַנדערגעטריבן דעם רייכסטאַג און דערקלערט נייע וואַלן, מיט דער האָפענונג, אַז די מערהייט אין דעם נייעם רייכס־טאַג זאָל זיין אַ ביסמאַרקישע. אין לאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ווילדע העצע קעגן יעדן ראַדיקאַל און סאָציאַליסט. פאַר „מאַיעסטעט־באַליידיגונג" אַליין האָבן אין אַ חודש צייט 251 מענטשן צוזאַמען באַקומען 821 יאָר טורמע.

איר קעניגסבערג זיינען געשטאַנען נעפּלדיגע טעג. אין נעפּל זיינען דערטרונקען געוואָרן די מויערן. איבער דעם בירזש־פּלאַץ, איבערן פּרעגל, איז אומגעגאַנגען דער פייכטער טאָג און זיך אַלעמאָל אַ ריס געטאָן צו ערגעץ אַ ווייטן דורכלויף אין דער הייך.

בן־ציון איז געגאַנגען פאַרנאַכט אין דער רעדאַקציע פון „הקול". דאָרט האָט אים דער זעצער צו וויסן געגעבן, אַז דער צענזאָר פון ווילנע האָט צוגעשיקט אַ טעלעגראַמע: „אויב עס וועט דערשיינען נאָך איין אַרטיקל פון בן־נץ ווערט דער „הקול" צוגעמאַכט".

ראַדקינסאָן איז אַריינגעלאָפן אַן אויפגערעגטער אין דער דרוקעריי און ניט זעענדיג בן־ציון'ען מיט כעס געשריען צום זעצער:

— וואו איז בן־נצ'ס אַרטיקל?

— אָט איז דער זאַץ.

— אהער! גיך!

אין א מינוט ארום האָט שוין בן־ציון געזען ווי דער זאַץ צעשיט זיך אין קאַסטן.

— אַ סוף, אויס־אויס־אויס! — האָט ראַדקינסאָן געשריען, איך וועל אייך ניט לאָזן חרוב מאַכן מיין ציטונג, מיט אייערע סאָציאַליסטישע אַרטיקלען! אַ סוף!

בן־ציון האָט געוואָלט עפּעס ענפערן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און איז אַרויס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, געוויזן, אַז ער איז ניט עפּעס „אַבי ווער", אויב מ׳קען צוליב זיינע אַרטיקלען פאַרמאַכן אַ ציטונג...

נאָך שעה׳ן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין דער דרוקעריי, אין פאַרבאָרגענע זיצונגען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך פון שטאָט טרעפט זיך בן־ציון מיט יוסט׳ן אין אַ פּאַרקל הינטער קאַנט־שטראַסע, פונוואַנען מען קאָן זען דעם פּרעגל.

— וואָס וועט איצטער זיין?

יוסט נעמט אַראָפּ זיין צעקנייטש היטל, גיט אַ פיר איבער זיינע העלע קורץ־געשוירענע האָר און זאָגט:

— עס וועט זיין בעסער ווי מען מיינט. די וואָס האָבן ניט קיין מוט, וועלן אַרויסגיין פון דער באַוועגונג. זיי דאַרפן מיך ניט. די וואָס וועלן בלייבן, וועלן וויַיטער בויען.

בן ציון קוקט אויף אים. דערזעט די באַזונדערע גוטמוטיגקייט, וואָס ליגט זיך אויס אינאיינעם מיט די קנייטשן אַרום זיינע אויגן און זיין האָריק קוועלט.

זיי האָבן זיך צעשיידט.

בן ציון איז אַוועק אין צימער און אָנגעהויבן „בודק חמץ" זיין, איבער־קלייבן זיינע זאַכן. אַריבער הונדערט ביכער. פון מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל" ביז אַ קליין ביכעלע מיט אַ דייטשער איבערזעצונג פון פּיסאַרעוו׳ס „בינען". אַלץ פאַרברענען? — ניטאָ קיין האַרץ. מען דאַרף עס ערגעץ באַהאַלטן, עד יעבור זעם, ביז די צייט וועט פאַרביי. אָבער מקריב זיין אויפן מזבח דאַרף מען יאָ. צום ערשטן גייען אויפן פייער דער לייפּציגער „פאָרווערטס", די בערלינער „פרייע פרעסע", אַ יאָרגאַנג „נייע וועלט", אַלטע איינציגע נומערן פון העברעאישע ציטונגען.

בן ציון האָט געזען ווי דער פלאַם האָט געלעקט די שוואַרצע אותיות פון די ציטונגען און אַ בלויער רויך האָט זיך געהויבן פון זיי, און בשעת מעשה געפילט ווי צו נעמען אַ ביסל אַש און עס אַריינטאָן אין זיין טינט־פעסל, עס פאַרזיגלען און טראָגן אין טרויער...

:: :: ::

די דרוקעריי פון „אסיפת הכמים", קאַנצלס רעסטאָראַן, זיינען געווען אומרואיג. עפּעס האָט געשוועבט אין דער לופטן, אָבער פון אָנהויב האָט קיינער ניט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. די לעצטע וואָכן זיינען אַזוי אויך געווען אויסערגעוויינלעך רייך אין געשעענישן.

בן ציון האָט זיך געגרייט צו אַן אונטערזוכונג און געקומען איז עטוואָס שרעקלעכעס.

עס איז געווען פרייטאָג־צו־נאַכטס. דער זייגער אין האַלב־באַלויכטענעם קאַנטאָר פון פיינבערג׳ן האָט נאָר וואָס געשלאָגן 7. מען האָט זיך געגרייט

אהיימגיין. באַלד איז צוגעפאָרן אַ דראָזשקע און צוויי פּאָליציאַנטן מיט אַן אינספּעקטאָר זיינען פון איר אַרויסגעשטיגן. דער אינספּעקטאָר האָט בן־ציון'ען געפרעגט:

— נאָוואָכאָוויץ?

— יאָ!

— אויפן פאַרלאַנג פון פּראָקוראָר מוז איך אייך אַרעסטירן! — האָט דער אינספּעקטאָר אָפּגעזאָגט קורץ און שאַרף.

פאַראַן מענטשן, וואָס לעבן אויף איין מאָמענט פון געפאַר. בן ציון איז געווען אַזאַ מענטש. די ערשטע סעקונדע, דערזעענדיג די פּאָליציי־לייט, איז ער געקומען אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער באַלד האָט ער דערפילט דעם מוט, מיט וועלכע ער פלעגט צעשמעטערן זיינע געגנער און אַרויסטרעטן געגן דער פינצטערניש. ער האָט מיט האַלב־חוזק אַ קוק געטאָן אויפן אינספּעקטאָר, און איז אַריין אין דער דראָזשקע. מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו עס איז געווען מער לופט ווי ליכט. זיינע קעשענעס האָט מען גוט באַזוכט. אַלץ אַרויסגענומען, באַהאַלטן אין אַ שראַנק און פאַרשריבן. דער־נאָך האָט מען אים זייער לאַנג געפירט איבער פינצטערע דורכגענג און איבער געדרייטע טרעפּ.

— ווען וועט זיך שוין ענדיגן דער טרעפּ? — האָט בן ציון אַ פרעג געטאָן, — ער איז אַריינגעשרויפט אין הימל דער טרעפּ?

דער שטרענגער טורמע־וועכטער האָט גאָרניט געענטפערט. דער טרעפּ האָט זיך געענדיגט. איצט זיינען זיי געגאַנגען איבער אַ שמאָלן קאָרידאָר. בן ציון האָט דערהערט עמיצן זאָגן: „ווידער איין סאָציאַל!". אין דעם מאָמענט האָט זיך פאַר אים אויפגעפּראַלט אַ טירל, און ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ קליין קאַמערל מיט אַ שטרויענעם מאַטראַץ אויף דער פּאָדלאָגע. אַ קליין פענצטערל פאַרמאַכט מיט גראַטעס, האָט געקוקט אין דער נאַכט. פון פענצטער האָט אַ צי געטאָן קילקייט. עס האָט געשמעקט מיט דורכגע־לאָפענעם שפּעט־האַרבסטיגן געוויטער.

— אַן אומזיסטער האָטעל, — האָט בן ציון געזאָגט.

דער טורמע־וועכטער איז אַרויסגעגאַנגען און פאַרשלאָסן דעם קאַמער. ער האָט עטלעכע מאָל מיט אַ קלונג אַ דריי געטאָן דעם שליסל.

בן ציון האָט זיך געזעצט אויף דעם מאַטראַץ און דערפילט אונטער דעם שטרוי עפּעס אַ האַרטע זאַך. ער האָט אַריינגערוקט די האַנט אונטערן מאַטראַץ און אַרויסגענומען אַ דייטשע ביבל.

בן ציון האָט גענומען מישן די זייטלעך פון דער ביבל.

„וואויל איז צו דערשלאָגענע און גע'רודפ'טע, ווייל זיי וועלן ירשנ'ען דאָס קעניגרייך פון הימל.

„קוקט זיך צו צו די ליליעס אין פעלד... זאָרגט ניט פאַרן מאָרגן, דער מאָרגן זאָרגט פאַר זיך . . . לאָז אויף הפקר די אייגענע היים, שייד זיך אָפּ פון טאַטע־מאַמע. ווער עס פאַרלאָזט ניט דאָס אייגענע הויז און נעמט ניט דעם קרייץ, דער האָט מיך ניט די ווערט . . .

„טראָג די צווייטע באַק צום שלעגער, גיב דאָס לעצטע העמד דעם רויבער. צווינגט דיך יענער צו שפּאַנען איין מייל, גיי אים נאָך מיילן ווייט".

פּסוקים און זאָגעכצן פון דער וואַנגעליע האָבן זיך געפּלאָנטערט אין בן־ציונ'ס מוח ביז די אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן קלעפּן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפ'ן שטרוי. ער איז איינגעשלאָפן פעסט און רואיג.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ווען די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ

הויף. פון די נעכטיגע וואָלקנס איז קיין זכר ניט געבליבן. עס האָט געשיינט אַ העלער הימל אין קוואַדראַט פון פענצטער. אַ ווײַלע איז אים עפּעס לײַדיק געווען אין מוח און אויפ׳ן אָרט פון לײַדיקן איז באַלד אָנגעפלויגן אַ געדאַנק: דערלייזערישקייט און יענע־וועלטישקייט, וואָס פאַראייביקט דעם עלנט.

„און איינמאָל איז געקומען מאַריע מאַגדעלענאַ און געבראַכט אַן אַלבאַסטער־קריגל מיט טײַערן זאַלבאייל, און זי האָט אים אויסגעגאָסן אויפ׳ן קאָפּ פון יעזוס׳ן. נאָר, אַז די תלמידים האָבן געזאָגט: פאַרוואָס אַזאַ פאַרשווענדעניש? מען האָט דאָך געקענט פאַרקויפן דעם זאַלבאייל און צעטיילן דאָס געלט די אָרעמע לײַט? האָט זיי דער האַר געענטפערט: פאַרוואָס זײַנט איר מצער די דאָזיגע פרוי? אָרעמע לײַט וועט איר תמיד האָבן אַרום זיך — אָבער מיך וועט איר באַלד נישט האָבן".

הייסט עס, אַז דער געקרייציקטער האָט ניט געוואָלט לייזן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם. „אָרעמעלײַט וועט איר תמיד האָבן אַרום זיך". דער יעזוס־מיטאָס איז ניט צונויפגעפלאָכטן מיט׳ן פּשוט׳ן, פאַרשטענדלעכן און נאָענטן מענטשלעכן הונגער, נאָר מיט פאַרבאָרגענע קרעפטן פון רחמנות און פאַרגעבונג.

ניט אויף דעם וועג ליגט די מענטשלעכע דערלייזונג.

נאָר אָט האָט אַ קלונג געטאָן דער שליסל אין שלאָס. דאָס טירל האָט זיך געעפנט. דער וועכטער האָט געבראַכט ברויט און וואַסער, איבערגענוג ברויט און וואַסער.

— סוף־כל־סוף, וואָס דאַרף אַ מענטש נאָך האָבן? — האָט בן־ציון באַמערקט.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, מיט וואָס פאַר אַ לוקסוס, ביסמאַרק פּרישטיקט איצט, אָבער ער האָט ניט דערפילט קיין קנאה.

אין אַ שעה אַרום פירט מען בן־ציונ׳ען צום ערשטן פאַרהער. דער קרימינאַל־אינספּעקטאָר, הירש, איז זייער העפלעך. ער הייסט דעם פּאָליטישן אַרעסטאַנט זיך אַוועקזעצן. ער קאַלופּעט זיך אַ ווײַלע אין די פּאַפּירן און זאָגט:

— איר ווערט באַשולדיקט אין ניהיליסטישער סאָציאַליסטישער טעטיקייט און פאַרברייטונג צו מלוכה־פאַרראַט.

— דאָס איז אוממעגלעך, איר ווילט ניט זאָגן, אַז . . . — וויל בן־ציון ענטפערן.

— עס איז דאָ אַ חשד — רייסט אים הירש איבער, — אַז איר, צוזאַמען מיט דרײַ אַנדערע גענאָסן אײַערע, האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגן לעבן פון זײַנער מאַיעסטעט דעם קייזער" . . .

עס ווערט אויסגעמאַכט אַ פּראָטאָקאָל און מען פירט אים אָפּ צוריק אין זײַן קאַמער נומער 42.

אין קאַמער איז פינצטער. בן־ציון גייט אַרום אין קאַמער וואָס איז הויך און שמאָל, אַז ווען מען ציט אויס די אָרעמס קען מען דערגרייכן ביידע ווענט. אַ הונגעריקער שפּרייזט בן־ציון אַרום אַהין און צוריק, ביז ער ווערט פאַרמאַטערט. ער ציט זיך אויס און פּרוּווט ווידער אײַנשלאָפן, אָבער עס שלאָפט זיך ניט. לאַנג הערט ער נאָך שווערע שליסלען אין קאָרידאָר קלינגען. לאַנג קייקלט ער זיך אויפ׳ן מאַטראַץ פון היי, ביז ער דרימלט אײַן.

טעג זיינען געגאַנגען נאָך טעג. בן־ציון האָט דערפילט מיט שרעק, אַז זיין מוח הויבט אָן פאַרטונקלט צו ווערן. ער האָט שוין כמעט ניט געקענט טראַכטן און דאָך געטראַכט:

— וואָס האָט דערווייל פאַסירט אין בערלין, אין לייפּציג, אין האַמ־בורג, וואָס פאַרמאָגן אַ גרעסערע אַרבעטערשאַפט, ווי קעניגסבערג? איז עס מעגלעך, אַז ביסמאַרק׳ס געזעץ איז רואיג אָנגענומען געוואָרן אומעטום? איז אין ערגעץ ניט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרזוך אַרויסצוגעבן אַ געהיימע צייטונג? עס איז שרעקלעך צו האָבן אַרום זיך אַ וועלט, וואָס לעבט און באַוועגט זיך און אַליין זיין באַגראָבן אין אַ לעבעדיגן קבר.

:: :: ::

בן־ציונ׳ס שכנים זיינען צוויי נייע אַרעסטאַנטן. אַ פּאָליאַק מיט אַ נאָז ווי אַ בוריק, און אַ הויכער דייטש מיט אַ לאַנגער פעך־שוואַרצער באָרד און כיטרע אויגן. בן־ציון באַפריינדעט זיך מיט׳ן דייטש.

אין אַ פרימאָרגן קומט ער אַריין צו בן־ציונ׳ען אין קאַמער, פאַרמאַכט די טיר, קוקט זיך פאָרזיכטיג אַרום, נעמט אַרויס פון דער הינטער־קעשענע אַ פּלעשל בראָנפן און לייגט אים פאָר אַ „שלוקכע״. ער דערציילט אים, אַז זיין טאָכטער ברענגט אים יעדן טאָג עסן און טראָגט אַוועק אַלץ וואָס ער גיט איר . . . אַן אָנצוהערעניש! בן־ציון טראַכט וועגן אַ געלעגנהייט אָנצושרייבן אַ בריוו צום באַלעבאָס, וועלכער זאָל ניט געלייענט ווערן פון דער תפיסה־צענזור ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַלע אַרעסטאַנטסקע בריוו.

וואו נעמט מען אָבער פּאַפּיר? ער דערמאָנט זיך אין הייליגן עוואַנ־געליום! דעם איינבינדער׳ס אַריינגעקלעפּטער פאָדערבלאַט פעלט, אָבער עס איז דאָ אַ הינטערבלאַט. עס איז אַ געלער, אַ שמוציגער, ווי אַ האַרבסט־בלאַט אין אַ זומפּ, אָבער בעסער ווי גאָרניט . . . איצט, וואו נעמט מען אַ בליישטיפט? פאַר אַ פּאָר וואָלענע אונטער־הויזן קויפט ער אַ בליישטיפט פונ׳ם וועכטער און אַ לאַנגער העברעאישער בריוו אויף דעם הינטערבלאַט פון עוואַנגעליע גייט אַרויס, ווי נח׳ס טויב פון דער תיבה, צום קאָוונער גביר פיינבערג, אייגנטימער פון רעכן־געשעפט אין קעניגסבערג . . .

אין אַ פּאָר טעג איז ער אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף ערבות ביז אַ באַשלוס וועט אָנגענומען ווערן וועגן אַרויסשיקונג.

פיינבערג׳ס אַדוואָקאַט איז געלונגען דורך אַ דריידל צו ראַטעווען בן־ציונ׳ען פון אַרויסגעשיקט ווערן פון קעניגסבערג קיין רוסלאַנד. דער אויסרייד איז געווען, אַז לויט׳ן פרייסישן געזעץ ווערט יעדער פרעמדלענ־דער, וואָס ווערט אַרויסגעטריבן פון לאַנד, געשיקט צו דער נאָענטסטער גרענעץ, און אַזוי ווי דאָס ליטווישע שטעטל ווערזשבלאָווע, איז די נאָענטסטע גרענעץ פון קעניגסבערג, איז ווי מען וועט בן־ציונ׳ען מיט זיינע חברים אַריבערשטעלן די גרענעץ, וועט דער „רוסישער בער״ אויסשטרעקן די לאַפּע און פרייסן וועט אין דעם זיין „גאָט די נשמה שולדיג״ . . . בן־ציון האָט אָבער געדנער געוואָלט זיצן אין קעניגסבערגער טורמע ווי אַריינפאַלן אין דעם בער׳ס לאַפּע, האָט פיינבערג׳ס אַדוואָקאַט געמאַכט אַזאַ „דריידל״. דער באַלטישער ים, איז ניט רוסלאַנד׳ס און ניט פרייסנ׳ס. אָבער דער ים־ברעג איז אַ גרענעץ פאַר פרייסן, און אַזוי ווי דאָס פרייסישע שטעטל פּילאַו איז נעענטער ווי ווערזשבלאָו, דאַרף מען טאַקע לויט׳ן פרייסישן

געזעץ ארויסטרייבן די אויסלענדער דורך פילאו, דאָס מיינט, ארויפזעצן אויף אַ שיף, וואָס גייט קיין דענעמאַרק.

און אזוי האָט פּאַסירט. דעם 7טן מערץ 1878, איז בן־ציון מיט צוויי חברים „ניהיליסטן", מאַרגאַלים און הורוויץ, ארויפגעזעצט געוואָרן אויף אַ שיף, וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין קאָפּענהאַגען, דענעמאַרק, כדי פון דאָרטן דערגרייכן לאָנדאָן.

בן־ציון איז געשטאַנען אויפ׳ן דעק פון דער שיף און האָט געזען ווי די שוואַרצע ברוסט פון באַלטישן ים האָט שווער געאָטעמט, זיך געהויבן צום טונקעלן הימל.

פון דערווייטנס האָבן זיך נאָך געזען די פייערלעך פון פּרייסישן ברעג. זיי האָבן געציטערט — אַ סימן, אַז דער דאַמפּער האָט זיך שוין געוויגט איבער די כוואַליעס. ווען די פייערלעך זיינען פארשוואונדן האָט אים אַ פּיבער ארומגעכאַפּט צו זיין וואָס גיכער אין לאָנדאָן. ער האָט זיך שוין געזען אין דעם קאָמוניסטן־קלוב, אין דעם אידישן שניידער פאַראיין, וואָס הערן זיך צו זיינע ווערטער, כאַפּן־אויף דעם מיין פון זיינעם אַ זאָג, אַ גרויסער ווילן פאַר׳ן אמת פלאַקערט אין זיי.

אַ צייט איז ער אזוי געזעסן פארזונקען אין מחשבות, געזען ווי דער ים רונצלט זיך און זיינע כוואַליעס הויבן זיך צום הימל . . .

פ ע ר ט ע ר   ט י י ל

„אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער . . .״

פון „שוים פון דער אמת׳ער אמונה״ אין אַרבעטער־קוואַרטאַל

צו דער פאַרנעפּלטער שטאָט האָט געצויגן. אויף אַלע וועגן איז מען צו איר געפאָרן. אַ גרויסע, אַ נייע האָפענונג איז זי געווען. אַ שטאָט וואָס וועט נערן מיט נייע יאָרן, וועט פאַרשפּרייטן רו און זיכערקייט, איינוויגן וועט זי און רואיג לאָזן אויסלעבן די מידע ביינער פאַר יוגנטלעכער היציגקייט, צאַרישע און פּרייסישע תפיסות.

אַמאָל האָבן זיידעס, צי טאַטעס, געהאַט אַזאַ געפיל, ווען זיי זיינען געפאָרן אין ארץ־ישראל אויף אויסלעבן די לעצטע פּאָר יאָר און אויף שטאַרבן. שטאַרבן און קענען רואיג אין קבר ליגן, זיך ניט דאַרפן קייקלען דורך אַלע אונטערהיילן פון דער ערד צום הייליגן לאַנד, ווען די אויסלייז־שעה וועט קומען. דעם זעלבן געפיל האָבן איצט געהאַט אַ סך אידישע סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען פון ווילנע, פון קאָוונע און קעניגס־בערג געלאָפן אין דער שטאָט פון נעפּלען און חלומות. אָבער ניט צו שטאַרבן, נאָר צו שטרעבן און לעבן.

דער קאַלטער, אַנגעכמאַרעטער הימל האָט צעשפּרייט זיין זילבערנעם וואָלקנדיגן צודעק איבער׳ן הויכן אָפּגעהאַקטן ברעג און איבער׳ן טעמזע־טייך, וואָס האָט געטראָגן זיינע מוטנע געלבלעכע כוואַליעס אין מזרח זייט. ביי די שיף־אָפּשטעלן אויפ׳ן ברעג האָט מען אויסגעלאָדן די שיפן און די פּאַסאַזשירן האָבן אַראָפּגעשטיגן.

עס איז געווען אַן ענגלישער, פייכטער, פרומער, שבת׳דיגער זונטאָג. די גרויסע שטאָט האָט אויסגעזען אומפריינטלעך, כמעט ברוגז, און ניט איבעריגס ריין. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די מאַסע קליינע, קיילעכדיגע רויטע, ליימענע קוימענס אויף יעדער פון די אַרומיגע הייזער, און די הייזער גופא: קליינע, צוויי־דריי־גאָרנדיגע.

בן־ציון איז באַלד אוועק צום אידישן קוואַרטאַל מיט דעם איינציגן אַדרעס אין זיין האַנט פון דעם העברעאישן שרייבער און שוחט נפתלי הלוי, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „הקול״ ראַדקינסאָן האָט אים מיטגעגעבן.

אַרונטער ווייטשעפּל, דורך „מאַיל־ענד ראָוד״ איז ער לאַנגזאַם געגאַנגען צו „העקניי״־גאַס. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע אידישע רעסטאָראַנען געהערן צו איין רייכן מאַן, אַ געוויסן „קרעאַם״ און אַז די רעסטאָראַנען זיינען אידישע, ווייל אַזוי האָבן דייטלעך דערציילט די דריי אותיות „כשר״, און חוץ דעם דער אידישער נאָמען איצע — „איצע קרעאַם״.

— אָט דער איצע מוז זיין אַן עושר גדול! — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, זעענדיג זיין נאָמען מיט די גרויסע פאַרצעלייענע אותיות און די פענצטער־שויבן פון די עס־הייזער. אָבער באַלד האָט ער אויסגעפונען, אַז די אותיות לייענען זיך „אייז־קריעם״ און באַדייטן גאָר פאַרפרוירענע, זיסע סמעטענע . . .

נאָך יענעם אָוונט איז בן־ציון אריינגעפירט געוואָרן אין קלוב פון „קאָמוניסטישן ארבעטער בילדונגס־פאראיין" אין סאהא סקווער, וואָס איז מיט דרייסיג יאָר פריער געגרינדעט געוואָרן פון מארקס און ענגעלס.

אינעווייניג, אין זאַל, האָבן עטלעכע ארבעטער פלייסיג געשפילט ביליארד, אריינגעטריבן צוויי בעלער אין א ווינקעלע וואָס האָט אויסגעזען ווי א תפילין־זעקל . . . ביים „באר" האָבן זיך אָנגעשטויסן ביר־גלעזער און אין בופעט־צימער האָבן א צאָל ארבעטער געשפילט „זעקס און זעכציג" אין קאָרטן . . .

אויף מאָרגן איז בן־ציון אוועק אין אידישן „שניידער פאראיין".

דער אידישער ארבעטער, וואָס ער האָט באגעגנט אין לאָנדאָן איז ניט געווען דער מזרח־אייראָפּייאישער, היימישער געזעלן. דער אונטערשניידער ביי אַן אויבערשניידער, וועלכער טראָגט פּאָמאָניצעס, וועלגערט א בלאַט לאָקשן, פּאַסט־אויף אויף די קינדער, העלפט דער באלעבאָסטע אָפּקערן דאָס שפּינוועבס אָדער ברענגט וואַסער פון ברונעם, און ווען ער האָט שוין גאָרניט וואָס צו טאָן זעצט ער זיך אוועק און שטשאָבעט א ביסל ביז עס קומט די צייט אָפּנעמען דאָס קינד פון חדר . . .

דאָס איז געווען א מאָדערנער, א פאבריק־ארבעטער א פּולקומער לוין־שקלאַף, וואָס ארבעט צווישן צענדליגער, צווישן הונדערטער ביי שניידעריי, ביי טישלעריי, אין דעם רעגנמאַנטל־פאַך, אַלס שריפטזעצער, אַלס זייגער־ארבעטער, שוסטער און טאבאקמאַכער.

די ערשטע מיט וועמען בן־ציון האָט געשלאָסן באקאַנטשאַפט זיינען געווען די זעצער־ארבעטער פישער און קולא און די טישלער ווינער און שאול לעווין, די שניידער ראָזענטאַל און סטאָון. זיי אַלע זיינען געווען אהרן ליבערמאַנ׳ס תלמידים און האָבן געלייענט בן־ציונ׳ס לידער אין קעניגסבערגער „אסיפת חכמים".

קולא איז געווען אַן ארבעטער מיט א לונג־פעלער, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן אויף זיין פּנים דורך א פארדעכטיגער רויטקייט אויף די באַקן. ער האָט בן־ציונ׳ען געגעבן קלאָר צו פארשטיין, אז מען דאַרף צום אידישן ארבעטער ריידן אויף זיין אייגענעם לשון, ווי ליב עס זאָל אים ניט זיין די אַלטע העברעאישע שפּראַך.

בן־ציון האָט זיך די ערשטע פּאָר וואָכן געפילט שלעכט אין דער שטאָט פון נעפּלען און חלומות. קיין ארבעט האָט ער ניט געפונען פון די עטלעכע פונט, דעם לוין וואָס ער האָט באקומען פון ראדקינסאָנ׳ען פאַר עטלעכע קאָראָספּאָדענציעס, איז אים פארבליבן בלויז געציילטע פּאָר שילינג. ער האָט געזוכט א שטעלע, אַלס בוכהאַלטער אין דעם איינציגן העברעאישן בוך־געשעפט, אין א העמדער־פאבריק אָבער מען האָט אים געהייסן קומען מאָרגן, איבערמאָרגן. ער איז מיד געוואָרן נאָכצולויפן די באַלעבאַטים און האָט דערפילט דעם גאַנצן עלנט פון דער גרויס־שטאָט.

אין איין כמורנעם לאָנדאָנער טאָג האָט זיך בן־ציון געפונען אין דער ביוראָ פון מיסטער מאָנטעגראַו, וואו מען האָט געגעבן „ראַט" און „הילף" די נייע אימיגראַנטן.

מיסטער מאנטעגראַו, א ברייט געוואַקסענער מיטל־יעריגער מאַן מיט שיינע בלאָנדע האָר און א קיילעכדיג בערדל, וואָס האָט גערעדט עטלעכע לשונות, האָט זיך ברייט אריינגעזעצט אין זיין שטול, און א מורמל געטאָן אין א פּוילישן אידיש.

— אייער נאָמען?
— בן־נץ.
— מיסטער, עץ זאָגט, בן־נץ.
— יאָ, דאָס איז מיין העברעאישער פען־נאָמען.
— הייסט עס, איר זענט אַ שריפטשטעלער.
— יאָ, האָב רעדאַגירט אַ העברעאישע שריפט אין קעניגסבערג.
— זייער, זייער אינטערעסאַנט, און אַ רעדע האָט איר אַמאָל געהאַלטן?
— יאָ, אַמאָל גערעדט. בלויז אין דייטש.

מיסטער מאַנטעגראַו האָט זיס אַ שמייכל געטאָן און דער דאָזיגער שמייכל האָט באַאומרואיגט בן־ציון׳ען.

— אויב איר ווילט געהאָלפן ווערן פון דיזער ביוראָ, דאַרפט איר נוצן אייער טאַלאַנט צו רעדן צו אייערע ברידער און זיי אויפקלערן.

— וועגן וואָס רעדן?

— זאָגט אייערע ברידער, אַז ישראל האָט פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט געגעבן דער וועלט דעם אַלטן טעסטאַמענט, נאָר דערנאָך האָט ער פאַרוואָרפן די אַפּאָסטאָלן מיט שטיינער. אונזער קירך איז — אַ טאָכטער פון דער סינאַגאָגע. ס׳איז שוין צייט פאַר׳ן פאַרבלאָנדזשעטן זיך אומצוקערן אויפ׳ן מוטער־שויס! מיר באַגעגענען די זעווודיג־געוואָרענע אידן מיט צעעפנטע אָרעמס, מיר דריקן זיי צום האַרצן. אונזער הויז איז זייער הויז. די הייליגע שריפט איז שוין איבערזעצט אויף זעקס הונדערט אכט און זיבעציג שפּראַכן און מיר פאַרשפּרייטן זי אומעטום. זאָלן די אידן קומען, ווי געוואונטשענע געסט צו דער סעודה — האָט מאַנטעגראַו אָנגעהויבן רעדן שטילער, אָבער מיט דער זעלבער פייערלעכקייט, ווי ער וואָלט געלייענט אַ קאַפּיטל תהילים — איר דאַרפט אָבער מיט פאָרזיכטיגקייט געווינען זייער צוטרוי וועט איר זיי לייכט אַרויספירן צום קריסטוס יום־טוב. אונזער טעסטאַמענט איז פּשוט: הייליגע קרייציגונג. ליבע, אָפּהאַלטן זיך פון שאַרפע געטראַנקען, צניעות, זונטאָג־שטילקייט. — — —

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט אים בן־ציון איבערגעריסן:

— איך ווייס ניט ווי אַזוי אייך אָנצורופן, „ברודער” קען איך ניט ווייל מיר זיינען אפילו אויפ׳ן פּנים נישט ענלעך איינער צום אַנדערן. קאָן איך זיך באַגיין בלויז מיט „קוזין”?

— רופט מיך פּשוט „מיסטער מאַנטעגראַו”.

— איז, הערט מיך אויס, מיסטער מאַנטעגראַו, איך בין שוין אין לאָנדאָן אַ היפּשע פּאָר וואָכן און האָב נאָך קיין איינמאָל ניט געגעסן קיין מיטאָג, איז איידער איך לאַד איין מיינע אידן אויף דער גרויסער סעודה, קענט איר מיר געבן אַן עצה, ווי אַזוי מען שטילט דערווייל דעם הונגער־געברום אין די געדערים און ווי אַזוי מען שטעלט אָפּ דעם שטראָם פון וואַסער אין מויל ביים דערמאָנען דאָס בלויזע וואָרט „סעודה”?

— מיין פריינט, — האָט זיך מאָנטעגראַו אויסגעגלייכט אויף דער שטול — איר מישט צונויף הימלישע רייכטימער מיט ערדישע. איך האָב פיר הייזער און צוויי פאַבריקן, נאָר אין דער נשמה בין איך אפשר אָרעמער פון אייך, און ס׳איז געזאָגט געוואָרן: „געבענטשט זיינען די אָרעמע אין גייסט”. איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, מיין ברודער, אין גייסט, און מיין ראָט איז, איר זאָלט זיך וואָס שנעלער צואיילן צו די פאַרבלאָנדזשעטע

ברידער אייערע, און זיי זאָגן, אַז משיח איז שוין געקומען, נאָר זיי האָבן אים נישט באַמערקט.

דער איראָנישער שמייכל איז ניט אַראָפּ פון בן־ציונ׳ס ליפּן.

— הערט מיסטער מאַנטעגראַו, ענטפערט אַן צווייענדיגע אַנדייטונגען, איר וועט מיר געבן אַ פּאָר פונט צו שטילן דעם הונגער?

— בלויז אַלס אוואַנס.

— אַן אוואַנס אויף וואָס?

— איר וועט באַקומען זעכצן שילינג אַ וואָך. אָט גיב איך אייך אַ פונט אויף זיך אָנצוטאָן אָנשטענדיג.

בן־ציון האָט זיך אויפגעהויבן, גרייט אַוועקצוגיין פונדעסטוועגן האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— און וואו געפינט זיך דער שוים?

— וואָסער שוים?

— איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מ׳דאַרף זיי צוריקשלעפּן עפּעס אויף אַ שוים.

מיסטער מאַנטעגראַו האָט טרויעריג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „גייט קיין ווייטשעפּל".

— און ווער וועט באַזאָרגן די הונגעריגע פּנים׳ער און די מענטשן אין טראַנטעם מיט ברויט? און אַז זיי וועלן זיך נישט צוהערן צו אייערע פאַרשלאָגן, וואָס וועט איר טאָן, אויסלייזער? — האָט זיך אַ פייערל אָנגעצונדן אין בן־ציונ׳ס אויגן.

— איר דאַרפט ניט פאַרגעסן דעם עיקר: נישט מיט ברויט אַליין לעבט אַ מענטש. איך זע, פריינט מיינער, אַז איר זענט נאָך ווייניג צוגעגרייט צו דער הויכער מיסיע. איר דאַרפט פריער דורכלייענען עטלעכע ביכער, ווי אַזוי צו ראַטעווען נשמות. פאָלגט מיך און לייענט זיי אויפ־מערקזאַם, דערנאָך וועט איר קענען פּריידיגן, אויסטייטשנדיג די טעקסטן, וואָס זיינען געדרוקט מיט גרויסע אותיות. און איצט קאָנט איר אייך גיין, אויף מיר וואַרט אַ בינעזער, וואָס לעבצט אויפגעקלערט צו ווערן.

בן־ציון האָט אים אַרומגענומען מיט אַ פייערדיגן בליק:

— פאַרקויפטע נשמה, וואָס איר זענט! ווער צאָלט אייך? גרויס־בריטאַניע, אַ פיינע מדינה, ניט שייך צו רעדן!

בן־ציון האָט ניט פאַרענדיגט, ווייל דער ברייט־פּלייציגער מאַנטעגראַו האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים מיט קולות:

— אַרויס, מאַרש פונדאַנען! ניהיליסטישער אַגיטאַטאָר! מאַרש קיין סיביר!

:: :: ::

דער זאַל פון „שניידער־פאַראיין" איז שבת־נאַכט געווען איבערפולט. די באַגעגעניש מיט מיסטער מאַנטעגראַו האָט בן־ציונ׳ען געדינט פאַר אַ טעמע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ ווייטשעפּל.

האָפערדיג איז בן־ציון אַרויפגעקראָכן אויף דער פון ברעטער צונויפ־געקלאַפּטער טריבונע און געהאַלטן זיין ערשטע רעדע אין לאָנדאָן.

— „חברים, אַרבעטער פון פאָלק ישראל! — זייט געגריסט! איידער איך נעם אויסטייטשן די דיקע שריפט פון מאַנטעגראַו׳ס הייליגער מיסיאָן

בעט איך אייך איר זאָלט מיך פאָלגן. ווען איך וועל אייך זאָגן „ווערט בלינד" — פאַרמאַכט גלייך די אויגן, ווייל ס'האָט אייך געטראָפן אין דער נאָז דאָס מיסיאָנערישע וואָרט, און ווען איך וועל אויסרופן „ווערט זעעוודיג", איז עפנט אויף ביידע אויגן — . . . אַ געלעכטער פון די זיצנדיגע.

— „איצט, דיקע שריפט נומער איינס: „ישראל זע — משיח, וועגן וועלכן דיינע נביאים האָבן גערעדט, און אויף וועלכן דו וואַרטסט, איז שוין לאַנג געקומען". די נביאים פאַרשטייט זיך, האָבן געמאַכט קולות. ווען זיי לעבן איצט — וואָלט מען זיי זיכער איינגעזעצט אין תפיסה. וועגן וואָס האָבן זיי געשריבן די דאָזיגע משוגע'נע אַגיטאַטאָרן? זיי האָבן, אַ שטייגער, אָנגעמאַכט אַ טומל, וואָס אויף דער ערד איז עפּעס נישט אַלץ אַזוי גלאַטיג, וואָס דער שטאַרקער באַליידיגט דעם שוואַכן, וואָס דעם אמת קאָן מען באַהאַלטן אין אַ טיפער קעשענע, ווי דאָס וואָלט געווען אַ צייטונג, וואָס איניגע האָבן אַ סך און אַנדערע — גאָרניט. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געגעבן אָנצוהערן, אַז עס קאָן געשען פאַרקערט אויך. ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז משיח וועט קומען און אַ וואָלף וועט זיך פּאַשען מיט אַ לאַם. ווייזט זיך אַרויס, אַז משיח איז שוין געקומען, נאָר מיר האָבן אים ניט באַמערקט. צי זעט איר דען ניט, אַז דער יושר אויף דער ערד איז שוין פאַראַן? הונדערט פּראָצענטיגער יושר? מיסטער מאָנטעגראַו, אַ שטייגער, האָט פיר הייזער, נאָר ער דאַרף זיי נישט. ער לעבט אין די גייסטיגע וואָלקנס. וועט איר דאָך פרעגן פאַרוואָס גיט ער אייך, די אָרעמע פון ווייטשעפּל, ניט אַוועק די הייזער? דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט רחמנות אויף אייך. ווען איר וועט האָבן אַ בעט מיט אַ פּערינע, וועט איר אויך ווערן אָרעם אין גייסט, און דערווייל זענט איר פּשוט'ע אָרעמע־לייט. איר דאַרפט זיך בלויז דורכשפּאַצירן דורך דעם שיינעם לאָנדאָן און איר וועט דערזען, אַז משיח איז שוין געקומען . . .

„איר וועט מיר זאָגן, חברים, ראָטשילד פּאַשעט זיך נאָך נישט? אָבער ער איז דאָך ניט קיין שאָף. ער עסט יעדן טאָג הון. טאָמער אָבער האָט איר ניט קיין פונטן האָט איר דערפאַר אַ וועקסל אויף עולם־הבא מיט גן־עדן, דאָס איז געזאָגט אין דער שריפט, וועלכע ליגט פאַר מיר און איר קאָנט דיסקאָנטירן דעם דאָזיגן וועקסל אין דער ערשטער בעסטער באַנק.

„ווייטער, פאַרגעסט ניט, אַז איר האָט פרייהייט פון וואָרט. איר קענט זאָגן „עס ווילט זיך מיר עסן", און קיינער וועט קענען אייך ניט אָנווענדן".

ווען בן־ציון האָט פאַרענדיגט איז ער באַגלייט געוואָרן פון האַר־ציגע אַפּלאָדיסמענטן.

„אַ בעזים און אַ קער"

בן־ציון האָט געאײַלט איבער די פּאַרטומאַנעוועטע גאַסן פון לאָנדאָן. ס'איז געווען אַ ווינטערדיקער מיטוואָך. אַ כמורנער לאָנדאָנער טאָג האָט געהאַלטן אין איין צירן די גאַסן מיט שימערנדיקע שנייעלעך. אַ פּראַכטיק ווינטל האָט זיך געטראָגן פון דער טעמזע, געסמאַליעט ס'פּנים.

בן־ציון האָט געאײַלט צו זיין צימער, וואו ער האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט זיין פריינט נפתלי לוי, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ דרוק־קערײַ. זיי האָבן געדאַרפט גיין אויף דער חתונה פון זיין פריינדין רבקה דיינאָוו, די טאָכטער פון זיין טאַטנ'ס יוגנט־פריינט אין קאָוונע, דעם מגיד צבי הירש דיינאָוו, וואָס איז פאַרגעקומען אין אַ האָל.

ער האָט אַראָפּגעקוקט צום טייך, ווי אין אַ ברונעם אַריין, און אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט ער געזען ווי הענדלער און הענד־לערקעס טוליען זיך אונטער די דעכלעך פון זייערע אַלמערלעך־קעמער־לעך, וועלכע זיינען געווען צוגעקאָוועט צו די שטיינערנע ראַנדן פון טייך. דאָ האָבן זיך אויך אומגעדרייט פאַרקויפערינס פון „יענעם מין". ווי פאַרוואָגלטע פייגל האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט און זיך איינגעקוקט אין די דורכגייער. בן־ציון האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיי באַלד אַרונ־טערגעלאָזן, מורא געהאַט זיך באַגעגענען מיט זייערע אויגן . . .

ערשט איצט איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָ הערשט די אָרעמקייט ניט ווייניקער ווי אין ווייטשעפּל, און אַז פון אָט דעם דלות ביז צום קעניגלעכן סקווער איז אַ רעכטער מהלך . . .

בן־ציון האָט אויך געליטן, שטאַרק געליטן פון אַ מאָדנער „טרעפע־ניש". אין לאָנדאָן האָט ער זיך באַקענט מיט דעם איינציקן רעדאַקטאָר פון דער העברעאישער שריפט „הנשר", דעם רעווערענד יוסף כהן צדק, אַ הויך־וואוקסיקער גאַליצישער איך מיט שאַרפע שפּיציקע אויגן, מיט אַ טונקל פּנים און אַ געשוירן בערדעלע.

ווי אַ גאַליציאַנער איז ער געווען אַן עסטרייכער, ווי אַן עסטרייכער — אַ דייטש. ער איז געווען אַ מגיד אין אַ סינאַגאָגע און האָט זיך גערופן „פּרעדיגער", וואָס פלעגט ניט רעדן, נאָר „פּרעדיגן" און זיין סטיל איז געווען מער ענלעך צום טייטש פון צאנה־וראנה ווי צום דייטש פון געטע'ס „פאוסט". ער איז געווען פרום און אויפגעקלערט און דערצו אַ מורא'־דיקער בעל־גאווה. ווען בן־ציון האָט זיך אין אַ שבת מיט אים געטראָפן האָט אים דער רעווערענד גלייך געפרעגט, צי ער האָט הנאה געהאַט פון זיין דרשה, און ניט וואַרטנדיק אויף זיין ענטפער, האָט ער אַליין געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ „פּרעדיגט" פון „ערסטער גרעסע" און גלייך צוגעגעבן: דאָס איז מיין 385טע פּרעדיגט אין לאָנדאָן בפרט, און די 496טע אין ענגלאַנד בכלל . . .

בן־ציון האָט אין אים גלייך דערזען דעם היפּאָקריט און אים פיינט באַקומען בתכלית השנאה. אין „שניידער־פאַראיין" האָט בן־ציון גערעדט פאַר די אַרבעטער, אַז אַ רב דאַרף אונז זיין אַן איבעריקע זאַך, אַ אידישער פּריסטער ווי דער רעווערענד כהן צדק, אַן עקלדיקע זאַך, און אַ משומד — אַ פאַראַכטלעכע זאַך . . .

זוכנדיק אַ טעמע פאַר זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין קעניגסבערגער

„הקול" האָט בן־ציון ביטער אַטאַקירט דעם היפּאָקריטישן „יאָסעלע מגיד" פון לאָנדאָן און געמאַכט אַש פון זיינע ספרים און זיינע שרייבעכצן. דער רעוורענד איז געוואָרן אש־להבה אויף אים און אָנגעשריבן געגן אים אַ גאַנצן פּאַמפלעט „הנשר והנץ", — דער אָדלער און דער שפּאַרבער. בן־ציונ'ס קורס איז נאָך מער געשטיגן אויף דער ליטעראַרישער בערזע פון ווייטשעפּל.

נאָך דעם צוזאַמענשטויס מיט דעם רעוורענד האָט בן־ציון אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרלאָזן לאָנדאָן און זוכן זיין מזל אין פּאַריז אָבער ער האָט באַקומען אַן איינלאַדונג פון זיין פריינט הירשביין צו קומען צו דער חתונה מיט דער טאָכטער פון דיינאָוו'ן, וואו מען גרייט אַ באַזונדער טיש פאַר געהויבענע געסט. שוין וואָכן, אַז בן־ציון האָט קיין וואָרעם לעפל געקעכטס ניט געהאַט אין זיין מויל, און דאָ — אַ סעודה! אַזאַ געלעגנהייט דאַרף מען ניט דורכלאָזן . . .

ווי נאָר בן־ציון איז אַריינגעקומען אין פאָדער־צימער פון „האָל" האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז זיין שלעכטער מזל האָט אים ווידער אָפּגע־שפּילט. ער האָט פאַרשפּעטיגט די חופּה. אַ באַדינער האָט אים באַמערקט און אים געפירט צום טיש אויבנאָן. די טישן זיינען געווען מלכות'דיג געגרייט. קרוגן פינקלדיגער וויין, טעלער מיט פלייש און פיש, געבראָטנס, געבעקסן, פרוכט, קרישטאָלענע קאַנדעלאַברעס מיט אָנגעשטעקטע ליכט האָבן באַלויכטן די פּנים'ער פון די געסט.

אויבנאָן זיינען געזעסן חתן־כלה אונטער אַ זיידענער פאָן. לעבן זיי די מחותנים און די ווייטערע געסט, לויט'ן יחוס און אָנזען. בן־ציונ'ען האָט מען אַוועקגעזעצט לעבן רעוורענד. די קרישטאָלענע בעכער האָבן געשוימט מיט וויין, זיך איבערגעגאָסן. טאַצן, טעלער, האָבן געקלונגען, די קלעזמער האָבן געברומט און זינגער זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אַ געזאַנג, געמישט מיט געוויין.

און אַז בן־ציון האָט גענומען איין כוס נאָכ'ן צווייטן, האָט זיך דער וויין אין אים צעשפּילט, אים געוואָרעמט אינעווייניג און אָנגעצונדן פונקען אין זיין בליק. דאָס פּנים האָט אויפגעהעלט און זיין שטערן איז געוואָרן העכער, לויטערער. דער עלנט אין אים האָט זיך געשטילט. דער שווערער געמיט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים.

די זיצנדיגע האָבן געקוקט אויף אים מיט וואַרעמע בליקן, געזען ווי די ווינקלען פון זיין מויל קנייטשן זיך מיט אַ קינדערשן חן און די אויגן פלייצן מיט ליכט.

דער מחותן הירשביין האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— „מיר וועלן היינט אויסהערן צוויי „ספּיטשעס" צום ערשטן וועט באַגריסן אונזער רעוורענד, און נאָכדעם וועלן מיר הערן אַ וואָרט פון אַ יונגן העברעאישן משורר פון קעניגסבערג, אַ גאַסט!"

— הוראַ! הוראַ! — האָבן זיך קולות פון אַלע זייטן געטראָגן און צעשאָטן ווי גילדענע רענדלעך. דער רעוורענד האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אָפּגעווישט מיט אַ ווייס טיכל די פעטע ליפּן, צעקעמט ס'בערדל און אָנגע־הויבן רעדן.

— „רבותי — האָט ער אָנגעהויבן ניט צום ענין, — מענטשן וואָס האָבן ניט קיין מוח און קיין טאַלאַנט אַליין עפּעס צו שרייבן, כאַפּן זיך

קריטיקירן אנדערע, גרעסערע, עלטערע מענטשן מיט א נאָמען, וואָס קלינגט ווייט און ברייט".

אַלע האָבן זיך איבערגעוואונקען, פאַרשטאַנען, אַז דער רעוורענד פאַרקאַכט דאָ א קאַשע און האָט אַריינגעזאָגט דעם יונגן גאַסט.

ווען בן־ציון האָט זיך אויפגעשטעלט האָבן אַלע אָנגעשטרענגט דאָס געהער. ער האָט אָנגעהויבן שטיל.

— „פריינט, איך וויל אייך דערציילן א מעשה'לע. בעת איך בין אין דער שטיל, מיט גרויס פּאַרכט אין האַרצן, מיט דער היטל אין האַנט, דורך דער הינטער־טיר אריין אין דעם גרויסן אַלטן בנין, וואָס רופט זיך אידישע ליטעראַטור, האָב איך גענומען קלערן, וואָס מ'שטיינס געזאָגט קאָן איך מיט מיין שוואַכן טאַלאַנט דאָרט עפּעס אויפטאָן. צום געזימס אין דער הויך קאָן איך גאָרניט דערלאַנגען, איך האָב אויך ניט וואָס צו טאָן ביי די בילדער אויף די ווענט, ניט ביי דער מוזיק אינ'ם אָרקעסטער, ניט אויף דער בימה וואו מען רעדט, איך קען אפילו ניט באַצירן דעם טיש אויבנאָן. צו וואָס טויג איך? מיין בליק האָט דערשראָקן און פאַרשעמט געוואַנדערט אַרום און אַרום אין זאַל, און האָט גאָרניט געפונען.

„איך האָב זיך שוין געהאַלטן ביים אַרויס'גנב'ענען א פאַרצווייפלטער, א זיך אַליין אַרויסגעוואָרפענער פונ'ם בנין, ווען איך האָב פּלוצלונג, ביי דער טיר, אין א פאַרשטעלטן, טונקעלן ווינקעלע מיטאַמאָל דערזען א בעזים.

— „אַהאַ! איך האָב געפונען מיין פונקציע! עס לעבט דער בעזים! — האָבן איך זיך גראַטולירט.

„איך קען טאַקע ניט זינגען, ניט בויען, ניט מאָלן, ניט קלעטערן, דערפאַר קען איך אָבער קערן, קערן שמוץ, ליטעראַרישן שמוץ, שפּינוועבס, רעליגיעז ־ היפּאָקריטישן שפּינוועבס, אויסקערן אָנגעטראָגענע בלאָטע פון בעל־גאווה'שע פיס, דאָס קען איך . . . איך האָב זיך דערצו גענומען און מיט'ן בעזים אין האַנט שטיי איך און קער אַלץ וואָס איז שמוציג און עקלדיג אין דעם גרויסן אַלטן בנין און אַרום אים" . . .

בן־ציון האָט ניט פאַרענדיגט. ער האָט בלויז געזען ווי דער רעוורענד איז רויט געוואָרן און דער עולם האָט זיך פון גרויס הנאה געטוליעט צו אים, געגאַפט פון בן־ציונ'ס משל.

פאַרטאָג איז בן־ציון אוועק צו זיך. ער איז איצט געגאַנגען האַסטיג, מיט אימפּעט. די וויינען און די מאכלים האָבן געוואַרעמט. א פייכטלעכער ווינט, וועלכער האָט פון ערגעץ געבלאָזן האָט אים פאַרטראָגן צום שטיינער־נעם אָנשיט־ברעג פון דער טעמזע, וואָס האָט געצוימט דעם טייך אין זיינע ברעגעס.

און אַז בן־ציון איז געקומען אַהיים האָט ער זיך ניט אויסגעטאָן, נאָר אויסגעצויגן אין די קליידער אויף זיין אייזערנעם בעטל. די ערשטע עטלעכע מינוט האָט ער געדרימלט מיט אָפענע וויעס, ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די „מוזע" איז געקומען אויף אים און וועקט אים. ער איז אַראָפּ פון בעטל, צוגעגאַנגען צו זיין קעסטל, אַרויסגעצויגן פון דאָרט זיין נאָטיץ־ביכעלע און אָנגעהויבן צירקלען מיט דראָבנע אותיות'לעך די ערשטע שורות פון א אידיש ליד:

„איך דאַרף ניט מער קיין פריידיגער,
א בעזים און א קער!

קיין פֿריידיגער, קיין גנעדיגער, קיין ליידיג־גייער מער!

— — — — — — — — — — — — — — —

מיך שרעקט קיין שוואַרצער קיטל ניט,
קיין שוואַרצער יאָר ניט מער;
מיך שרעקט קיין קרוין, קיין טיטל ניט, —
מיין בעזים מיר אַהער!"

בן־ציון האָט פֿאַרמאַכט דאָס ביכעלע. ניט געקענט פֿאַרענדיגן דאָס אָנגעהויבענע ליד. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. געהערט ווי דער טייך רוישט מיט זיינע לויפֿנדיגע כוואַליעס, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געפֿירט זיין עקשנות'דיגן געראַנגל מיט די שטיינער, וואָס האָבן אים פֿאַרצוימט דעם וועג.

„יהי אור" — זאָל זיין ליכט!

„ אין זעכציג ראַיאָנען פֿון לאָנדאָן שטאַרבן, לויט דער סטאַטיסטיק, פֿון הונדערט טויזנט קינדער אונטער 1 יאָר — 9,000, און אין איין ראַיאָן פֿון די זעכצן, גיט מען־צו צו די 9,000 נאָך 7,074 קינדער. די פֿאַבריקן זיינען געפּאַקט מיט קינדער.

„די אַנגליקאַנישע קירך וועט גיכער מוותר זיין אויף 38 פּראָצענט פֿון אירע 39 אָנפֿאַלן אויף זייער גלויבן, ווי אויף איין טייל פֿון אירע הכנסות און רווחים.

„דער אידישער היסטאָריקער, וואָס באַשרייבט דעם חורבן ירושלים דורך טיטוס'ן, זאָגט, אַז עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס עס איז געקומען צו אַזאַ שרעקלעכער פֿאַרוויסטונג, ווייל מוטערס פֿלעגן מקריב זיין זייערע אייגענע קינדער כדי צו שטילן דעם הונגער.

„אין אַ געוויסן זין פּאַסירט עס מיט אַ מענטשן ווי מיט דער סחורה. אַזוי ווי ער קומט ניט אויף דער וועלט מיט אַ שפּיגל אין האַנט, געפֿינט דער מענטש צום ערשטן מאָל זיין שפּיגל אין אַן אַנדער מענטשן.

„משה פֿון מצרים האָט געזאָגט: 'דו זאָלסט ניט פֿאַרצוימען דאָס מויל פֿון אָקס בעת ער דרעשט'. די קריסטלעך־גערמאַנישע פֿילאַנטראָפּן אָבער פֿלעגן אַרויפֿלייגן אַ גרויסע הילצערנע ברעט אויף'ן האַלז פֿון דעם לייב־אייגענעם, וועלכן זיי האָבן באַנוצט אַלס טרייב־קראַפֿט צו מאָלן, כדי ער זאָל ניט קאָנען ברענגען קיין מעל מיט דער האַנט צום מויל.

„... אויב דער פּראָלעטאַריער גילט פֿאַר דער קלאַסישער עקאָנאָמיע נאָר ווי אַ מאַשין אויף צו פּראָדוצירן מער־ווערט — — — "

שוין די דריטע נאַכט, אַז בן־ציון זיצט איבער'ן „קאַפּיטאַל". ער לייענט פֿלייסיג, מיט אינעווייניגסטער שפּאַנונג. זיין בליק שניידט דעם וואַלד פֿון ציפֿערן, און עס דאַכט זיך אים, אַז מאַרקס גרייפֿט אָן אין געשלעג די קאַלטע מאַטעמאַטישע טאַבעלעס.

די יונגע ברונעטע לענאָראַ מאַרקס האָט אַ פֿאַרגאַפֿטע דערציילט איר פֿאָטער וועגן איר באַזוך ביי די אידישע פּראָלעטאַריער אין זייער קלוב אויף בערנער סטריט. דער אַלטער מאַרקס איז אומגעגאַנגען איבער'ן דיאַגנאָל פֿון זיין קאַבינעט, די פֿאַרב פֿון דיל איז געווען אָפּגעריבן, דאָס

גיין איז ווארשיינלעך געווען ביי דעם אלטן אן אלטער מאניר פון זיין קאבינעט־ארבעט.

דער קאבינעט האט זיך געפונען אויפ'ן אונטערשטן שטאק פון הויז אויף מיטלאנד סטריט. דאס ליכט האט זיך ארייַנגעריסן אין צימער, טראגנדיג זיך איבער די שטוב־חפצים און פארקלייבנדיג זיך אין קאמין, וואס איז אינגאנצן ארומגעכאפט געווארן מיט'ן דאזיגן אפגעשפיגלטן פייער, ווי מיט א קראמף פון אפשטארבנדיגן פלאם. פון ביידע זייטן קאמין זיינען געשטאנען ביכער שראנקען. דאס ליכט האט געלעקט זייער טונקעלן דעמבענעם אונטערשטן טייל, אויפהויבנדיג זיך צו די שויבן, הינטער וועלכע, ווי אנגעצונדענע, האבן געפינקלט די גילדערנע רוקנס פון די ביכער.

אויפ'ן טיש אבער, ביים פענצטער, האט עס גאר שטארק געפלאקערט. רירנדיג זיך פון ליכטן ווינט, האבן זיך די פאפירן ווי צונויפגעוויקלט פון האסטיגער היץ, איידער זיי וועלן אין איין אויגנבליק צעפאלן אין אש. דער צווייטער טיש, ניט קיין גרויסער, אין מיטן צימער, אנגעוואלגערט מיט ביכער מאנוסקריפטן, טאבעלעס, שוועבל־קעסטעלעך און מיט עקן ניט דערררויכערטע פאפיראסן, האט זיך אויך געפונען אין א לעבעדיגער אומאָר־דענונג, ווי די זאכן אויף אים וואלטן געהאלטן אין פראצעס פון זייער לעצטן אויספארמירן, אויף וואס ער האט זיך בלויז ביז א צייט אפגע־שטעלט אין רעכטן ברען פון האוועניש.

אויפ'ן קאמין, אויף דעם לעדערנעם דיוואן און אין פאטערשטול האבן זיך געוואלגערט פאנאנדערגעעפנטע ביכער. מארקס האט איינגעהיט זיין אלטע געוואוינהייט צו לייענען עטלעכע ביכער מיטאמאל.

— מור — האט זיך לעאנארא צוגעשארט צום אלטן, און א פייערל האט געפינקלט פון אירע אויגן. זי האט גערעדט מיט התפעלות וועגן די אידישע פראלעטאריער אין קלוב.

— זייער אינטערעסאנט, העכסט אינטערעסאנט — איז דעם אלטנ'ס שטים געווארן נאך געזעצטער. ער האט א גלעט געטאן דער טאכטער איבער'ן שטערן און זיך אנגערופן:

— זאג מיר קינד, דעם „האל או די סייענס *) באזוכסטו נאך?

— זיכער, איך וועל ניט דורכלאזן קיין איין פרעדיגט פון דעם קעניג פון די אטעאיסטן, טשארלס ברעדלאף, אגב, איז די מוטער אויך מיט מיר מיטגעגאנגען, — אבער נאכוואס פרעגסטו? — האט זי זיך להכעיס'דיג טראציג אויסגעגלייכט.

דער אלטער האט זי אנגענומען ביים ארעם. און איר געדריקט אזוי צארט, אז זי האט זיך דערפילט ווי א קליין מיידעלע.

— הער צו קינד מיינס, — האט ער גערעדט — מיין מיינונג וועגן דעם פוסטן קליינבירגערלעכן אטעאיסט איז דיר באקאנט. אבער „דיינע באגייסטערטע רייד וועגן די אידישע פראלעטאריער האבן מיך אין עפעס דערמאנט. דו און דיין מוטער ווילן זיך שטארקן דעם גייסט, אדער, ווי זאל איך עס באצייכענען, אייערע מעטאפיזישע באדערפעניש, איז נאכ־וואס דארפט איר זיך צוהערן צו די פלאכע געדאנקען פון מיסטער ברעדלאף, א גרעסערע באפרידיגונג וועט איר געפינען ביי די אידישע נביאים, די פאראויסגייער פון די היינטיגע פראלעטאריער".

---

*) וויסנשאפט־זאל. זאמלארט פון די אטעאיסטן.

ער האָט מיט זיין שווערער שטים אונטערגעשטראָכן די לעצטע ווערטער, צוגעבנדיג זיי אַ וויכטיגן באַדייט.

ער האָט גענומען אַ מאַנוסקריפּט אין האַנט. זיין פעסטע פולע פיגור איז געווען גרינג באַוועגלעך. לעאָנאַראַ׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז אַ פייער האָט אים דורכגעברענט פון אינעווייניג און צולעצט אַרויסגעשמאַליעט מיט אַש די וואָנצעס, די באָארד און די צעשויבערטע גריווע אויפ׳ן קאָפּ.

די טאָכטער האָט גוטמוטיג באַטראַכט דעם פאָטער און באַשלאָסן קומענדיגן זונטאָג, אָנשטאָט אין „האָל אָוו סייענס״ גיין הערן אַ לעקציע פון אידישן רעדאַקטאָר פון קעניגסבערג, וועמענס נאָמען זי האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען.

:: :: ::

דאָס בשותפות׳דיגע צימערל פון די אַרבעטער וואָלף העס און שלמה הילעלסאָן אויף „קאָמווידשל ראָוד״ איז געווען אָנגעוויבערט. שוין אַ פּאָר שבתים, אַז בן־ציון קומט אַהער אויף אַ באַזוך צו זיינע איינגערע חברים. דער עלטערער העס, אַ סטאָליער מיט אַ קיילעכדיג בלאָנד בערדעלע, דער שניידער, און דער צווייטער אַ ראַזירטער מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר זיצן און הערן זיך צו צו בן ציונ׳ס רייד. אין דער האַלב־טונקלקייט זעען די צוויי יונגע לייט אויס ווי שילער, און דער דריטער, בן ציון, ווי אַ קלוגער לערער, וואָס גיט עצות.

ער רעדט לאַנג, בן ציון, וועגן די פירער פון רוסישן סאָציאַליזם, וועגן לאַווראָוו׳ן, וועגן אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועגן טרויעריגן היינט און דער האָפענונג אויפן ליכטיגן מאָרגן. די צוויי הערן זיך צו מיט קלאָפּנדיגע הערצער און מיט בלישטשענדיגע אויגן. העסן דאַכט זיך, אַז די צייט איז פאַרגליווערט געוואָרן, ווי אין פּסוק שטייט, „לא יום ולא לילה״ — ניטאָ קיין טאָג, ניטאָ קיין נאַכט.

שלמה הילעלסאָנ׳ס פּנים שמייכלט. זיינע בלייכע באַקן פלאַמען אויף און קוועלן אינגליש געגן דער בלאַסער ליכט־שיין.

העס מאַכט צורעכט דעם שוואַרץ־זיידענעם שלייף, טוט אַ וויש אָפּ די בלאָנדע וואָנסעלעך.

— און מיט דער בראָשור וואָס איז געוואָרן? ווען וועלן מיר זי האָבן? בן ציון לאָזט ניט אַרויס דעם ציגאַר פון מויל.

— איך וועל נאָך מאָרגן פאַרענדיגן די אַרבעט. איך האָב שוין אַ נאָמען פאַר איר: „יהי אור״ — ליכט זאָל זיין אין אונזער טונקעלן לעבן!

— גוט, חבר, מיר וועלן געבן וועכנטלעך אַ העלפט פון אונזערע שכירות פאַר דרוק־הוצאות.

— איך בין אויך גרייט צוטראָגן מיין טייל, — ענטפערט בן ציון — מיר דאַרפן אויך גרינדן אַ וואָכנשריפט פאַר אונזער געדאַנק. מיר וועלן אויפהויבן אַ וועלט פאַר אונזער אידייע!

אין צימער ווערט פינצטערלעך, אָבער די דריי איז ליכטיג פון די אייגענע רייד.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט בן ציון געשריבן. פאַרנאַכט איז ער מיד געוואָרן, באַטראַכט די פאַרשריבענע בויגנס און געלייענט אַ שורה נאָך אַ שורה:

„יהי אור", איינע אונטערהאַלטונג איבער די פאַרקערטע וועלט מיט זיין פריינט היימאַן פון מאָריס ווינטשעווסקי (מאָריס, א פאַמיליע־נאָמען צווישן די אַרבעטער אין לאָנדאָן, ווינטש — א שרויף אין רוסיש — א געצייג מיט וועלכן די אַרבעטער באַנוצן זיך און דער נוויטיגער „סקי" צום סוף).

„אני מאמין — איך גלויב באמונה שלימה, אז ווער עס געניסט פון צווייטנס פּראַצע, ניט טוענדיג גאָרניט פאַר יענעם — איז א פּשוט'ער רויבער.

„אני מאמין — איך גלויב באמונה שלימה, אז נאָך א ווײַלע און מענטשן וועלן זיך איינע די אַנדערע איינשלינגען לעבעדיגערהייט, אויב ס'וועט ניט אויפלייכטן פאַר זיי א נײַ ליכט און אויב די אַרבעטער וועלן זיך ניט אויפהויבן אַלע ווי איינער אַרונטערצוװאַרפן פון זיך דעם יאָך פון געלט און אונטערטעניגן די, וואָס געוועלטיגן הײַנט איבער זיי".

בן ציון האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך געוואָלט דערמאָנען א ציטאַט פון לאַסאַל'ס ווערק, וואָס זאָל אים צוניץ קומען און ניט געקאָנט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט א מידקייט, אַז עס האָט אים געצויגן צום בעטל.

אין האַלב־דרימל האָט ער דערהערט א שטים:

— נאָוואָכאָוויץ, דאָס בין איך, לאַסאַל!

— לאַסאַל? ביסט דאָך, דאַכט זיך, שוין לאַנג טויט?

— האָסט פאַרגעסן, וואָס איך זאָג אין מיין דראַמע „פאָן זיקינגען", אַז קעמפער שטאַרבן ניט.

— אָה!

— איז טאַקע אמת, אַז מאַרקס האָט וועגן מיר געשריבן, אַז איך האָב געדינט ביסמאַרק'ן? דו וואוינסט דאָך אין לאָנדאָן?

— איך ווייס ניט, איך האָב אים ניט באַזוכט.

— און דו זיצסט איבערן „קאַפּיטאַל"?

— „דאָס קאַפּיטאַל" איז דער לייט־מאָטיוו פון אונזער גאַנצער אַרבעט. זיינע ציפערן באַלייכטן דעם וועג צו דער דערלייזונג פונם אַרבעטער־קלאַס...

בן ציון האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל, זיך אויפגעהויבן, און צו־געגאַנגען צום טישל, און זיך ווידער גענומען שרייבן די בראַשור „יהי אור!".

אויפן סקווער — וואו לידער ווערן געבוירן

אויפן קליינעם פלאַטשיגן סקווער לעבן דער בערזע, וואָס אינמיטן שטאָט, דאָרטן וואו עס שטייט די אויסגעטראָצלטע פיגור פון סער ראָלאַנד היל, וואָס האָט איינגעפירט די פּעני־סטעמפּ פאַר דער ענגלישער מדינה, האָט ער זיי באַגעגנט. דער מאַן — א טונקעלער, א מיטלוואוקסיגער מיט א פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן. דאָס מיידעלע — א יאָר זיבן, שוואַרץ ווי אָנגע־שמירט פון געדיכטע פעטער סאַזשע. אירע הענטלעך און פיסלעך און די פּאַסן נאַקעט לייב אונטערן צעפליקטן קליידל, פלעגט זי שטיין און אויסרופן איר סחורה מיט א בעטנדיג קול: „קויפט ביי מיר שוועבעלעך, צוויי קעסטלעך א פּעני. איין פּעני א פּאָר!"

דער פּעדעסטאַל איז געווען הויך, פון אַלע זייטן געשליפן, גלאַט פּאַלירט. בן ציון פלעגט אָפט דורכגיין דעם סקווער אַזוי, אַז דאָס קול איז אים שוין געווען קענטלעך. פונדערווייטנס האָט ער באַמערקט איר שמאָלן רוקן, וואָס האָט אָפּטמאָל אויפגעציטערט ווי נאָך אַ געוויין. ווען ער פלעגט איר פאַר־בייגיין פלעגט זי אַ פיר טאָן אינדערלופטן מיט פאַרטראָגענע אויגן, און אונ־טערכליפּענדיק, גענומען ווייטער ציען איר געזאַנג: „קויפט ביי מיר". — — מיט דער צייט איז איר געזאַנג געוואָרן גלייכגילטיק און מיד, און איר אויסזינגען האָט דערמאָנט אַ פלעמל, וואָס מ'האָט עס פאַרגעסן צו פאַרלעשן, און ס'איז געבליבן ברענען פון נאַכט אויף טאָג.

לעבן דער מיידעלע פלעגט שטיין דער בלינדער, אַ בלייכער, אַ ברודיגער, מיט אַ בלעכן קווערטל אין האַנט.

בן ציונ'ען האָט פאַר'חידוש'ט די געלאַסנקייט, ווי אַזוי דער בלינדער קאַסיר האָט צוגענומען די נדבה און זי אין קווערטל אריינגעטאָן.

:: :: ::

דריי שוועסטער זיינען זיי געווען. אַלע דריי האָבן געהאַט שוואַרצע האָר און זיינען ענלעך געווען איינע צו דער צווייטער, ווי דריי קעפּ פון קאָרטן־מלכות. בלויז די עלטסטע האָט געטראָגן לאַנגע אויריגגלעך און בונטע קליידער.

פאַרנאַכט, ווען בן ציון און די אַרבעטער קערן זיך אום אַ היים, זעען זיי ווי די דריי שוועסטער גייען אַרויס פון זייער אויבער־שטיבל און דאָס גאַנצע געסל קוקט זיי נאָך ביז זיי ווערן פאַרפאַלן אין איילינן שטאָט־גערויש.

אַלע דריי האָט בן ציון איינציגווייז באַגעגנט אויפן סקווער. אָבער גערעדט האָט ער, דער עיקר, מיט דער עלטסטער.

ס'איז געווען האַלבנאַכטיג פינצטער, שטיל, וואַרעמלעך, פאַרנע, אַ שוויים האָט באַשלאָגן די טראָטואַרן. לאַמטערנס זיינען געשטאַנען אין קיילעכיגע זיפּן, קיין לעבעדיגער נפש ניט אין גאַס, אויסגעלאָשן די פענסטער. בלויז די לאַמטערנס האָבן דורכגעשטאָכן דעם מילכיג בלויען נעפּל. אין שיין פון דעם לאַמטערן האָט ער דערזען די אינגסטע צווײ פון די שוועסטער, איינע האָט געהאַלטן אַ בינטל ערשטלינג־בלימעלעך אין די הענט און די אַנדערע אַ בינטל שנירלעך פון שיך. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען. זיי האָבן טרויעריג אַ שמייכל געטאָן און ער האָט אויך אַ שמייכל געטאָן מיט פייער־לעך אונטער די שטרענגע ברעמען. ביידע האָבן אים אויסגעשטרעקט די הענט מיט די בלומען און די בענדלעך.

ער האָט ביי זיך געהאַט בלויז פינף פענים, האָט ער געקויפט אַ פּאָר שיך־בענדלעך און זיך אויסגעדרייט און נאָך באַוויזן צו זען ווי די האַנט פון דער בלומען־פאַרקויפערין איז נאָך אַ ביסל געהאַנגען אין דער לופטן מיט אַ באַליידיגטן אויסזען.

אַרום האַלבע נאַכט, נאָך אַ זיצונג אין קלוב, איז בן ציון פאַרביי־געגאַנגען דעם סקווער. ער איז פּאַמעלעך, ניט געאיילט, געגאַנגען אַ היים, גערויכערט, אריינגעקוקט אין פּנים'ער. די גאַס איז געווען שוואַרצלעך־קויטיג מיט נאַסע אָפּגלאַנצן. די לופט — אָן ווינט, קילבלעך, פויל. אַ מידקייט האָט זיס געמאַרעט דעם קליי אין די ביינער, ס'האָט זיך ניט געגלוסט גיין שלאָפן אַליין.

אויפן ראָג פון סקווער, וואו ער האָט שוין נעדאַרפט פאַרקירעווען צו

זיך, איז אין שאָטן פון אַ בוים געשטאַנען די עלטסטע שוועסטער. זי האָט אַ בליץ געטאָן פון שאָטן מיט די אויגן אויף בן ציונ'ען, געגאַנגען ווייטער אַ צען טריט און נאָכאַמאָל מיט האַלב אָפּגעווענדטן פּנים אויף אים זיך אומגעקוקט.

אָט אַ . . . — האָט זי בן ציון פאַר זיך אָפּגעזידלט און דאָך, פאַר נייגער געמישט מיט רחמנות, אַוועק נאָך איר.

זי איז געגאַנגען גיך, געטראָגן דעם קערפּער גרינג, פריי, מיט הערשע־רישן רייץ. סוף סקוועט האָט זי זיך אַ נעם געטאָן אין אַ זייט. באַמערקט, אַז ער פאַרהאַלט די טריט, ווי אָן ספק, צי ער זאָל ווייטער גיין, האָט זי אויף אַ רגע אַ קער געטאָן דאָס פּנים צוריק, און דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אומגעדולד.

ווייטער אין גאַס, אין טונקל, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. בן־ציון האָט זיך דערנעענטערט און איר אַריינגעקוקט אין פּנים. קיין לעבעדיגער נפש איז דאָ אַ חוץ זיי ניט געווען. זי האָט זיך ניט גערירט, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. דאָס פּנים איר'ס האָט זיך געבליכט און ער האָט געזען די אויגן, אָפענע און צאָרנדיגע אין דער פינצטער.

— נו, וואָס טראַכסטו, זאָג? — האָט זי זיך אויסגעדרייט אויף די הויכע אָפּצאַסן און גענומען שטעלן טריט. שווייגנדיג איז איר בן־ציון נאָכגעגאַנגען, דאָס־מאָל געזען בולט איר געדיכט אָנגעפּודערט פּנים מיט די בלויע פּאַסן אונטער די אָנגעצונדענע אויגן.

בן־ציון האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ניט געוואוסט געננוי ווי עס איר צוטרעפן. אין זיין הינטערבאַוואוסטזיין האָט שוין געוירט דער געדאַנק וועגן דערהויבן די געפאַלענע, די באַליידיגטע, די געזונקענע, אָבער ווי אַזוי עס אַרויסצוברענגען פאַר'ן מיידל האָט ער דערווייל נישט געוואוסט.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגערופן מיט אַ דומפּיג קול: — זאָג, וואָס טראַכסטו?

— גאָרניט, טראַכט איך — האָט ער געענטפערט.

— איך וועל דיר זאָגן וואָס דו טראַכסט וועגן מיר — האָט זי זיך אַ צי געטאָן פאַראויס און אים באַטראַכט מיט אַ פאַראַכטנדיגן בליק.

— וואָס טראַכט איך?

— דו טראַכסט, אַז איך בין שלעכט, פאַרדאָרבן, פאַרפוילט . . .

בן־ציון האָט שוין געקוקט אויף איר מיט אַ מילדן בליק, אַז פון איר פּנים איז פאַרשוואונדן די שטרענגקייט.

— איך טראַכט — האָט ער גערעדט שטיל — אַז די געזעלשאַפט איז פאַרפוילט. אַזאַ געזעלשאַפט וואָס נעמט אַ יונג מיידל און שטויסט זי אין אָפּגרונט. דו פילסט אַרום זיך אַ פוילקייט, ווייל דו פרואווסט זיך איינוועקעמען אין דער צעפוילטער געזעלשאַפט.

זי האָט שווער באַגריפן דעם באַדייט פון זיינע ווערטער און געטראַכט, אַז ער רעדט ווי אַ פרומער גלח, ווי יענער מאָראַליסט, וועלכער האָט זי שוין אַמאָל פאַרנודיעט — אָבער זי האָט אים גאָרניט געענטפערט, בלויז פאַרריסן דעם קאָפּ צום נאַכטיגן הימל.

— ווען די געזעלשאַפט וועט אין דער צוקונפט פאַרביטן ווערן . . . — האָט בן־ציון גענומען רעדן, אָבער זי האָט אים איבערגעריסן.

— הער אויף רעדן מיט דער געזעלשאַפט און דער צוקונפט. איך לעב היינט אין לאָנדאָן, וואו אַזאַ ווי איך, ווען איך זאָל אַפילו אַרבעטן פּופצן

שעה א טאָג, קען ניט פאַרדינען אויף א פּאָר זאָקן און אן אָפּגעטראָגן קליידל, און אז איך וועל שטאַרבן פאַר הונגער, וועט מיך דיין צוקונפטיגע געזעלשאַפט ניט לעבעדיג מאַכן. די געזעלשאַפט פון דער צוקונפט! — האָט זי זיך צוגערוקט צו אים און אַרויסגעבראַכט א געקינצלט געלעכטערל: כע־כע . . . — און אָפּגעהאַקט.

— זאָג מיר וואָס איך זאָל איצט טאָן, פאַרקויפן בענדלעך פאַר שיך און בלומען . . . די צוקונפט . . . א מענטש ליידט פון א קראַנקהייט ווילסטו אים גרינגער מאַכן מיט דערציילן, אז אין הונדערט יאָר אַרום וועט מען דערפינדן א מיטל געגן דער קראַנקהייט. דו זאָרגסט זיך נאָר וועגן די צרות פון דער געזעלשאַפט אָבער מיינע ליידן גייען דיר ניט אָן, קלוגינקער!

— דיינע ליידן, שוועסטער, וועלן דאָך פאַרשווינדן מיט די ליידן פון אַלע, — אַלץ וועט זיך בייטן מיט׳ן איבערבייטן . . .

— אָ, דו האָסט שוין א פאַרטיגן מיטל — האָט זי געקוקט אויף אים מיט גרינגלעכן שפּאָט — איך בין אַזוי געלערנט און פאַרשטאַנדיג ווי דו, — דו וועסט די מענטשלעכע נאַטור אַזוי גיך ניט בייטן. און, אז א מאַן וועט ניט וועלן הייראַטן מיט דער, וועלכער ער האָט פריער געליבט, וועסטו אים שיסן? הא? און אפשר וועט ליבע פאַרשווינדן אין דיין צוקונפטיגער געזעלשאַפט און אַלע וועלן לעבן מיט ביכער ווי דו. איך קען דיך, — איך האָב אַריינגעקוקט אין דיין צימער, געזען ווי דו זיצסט א גאַנצן טאָג איבער ביכער — האָט זי פאַרענדיגט און זיך איינגעקוקט אין אים.

בן־ציון האָט געשמייכלט.

— אָ, האָסט ניט וואָס צו ענטפערן — האָט זי א ברום געטאָן.

— און אפשר ענטפער איך דיר ניט, ווייל איך וויל ניט.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וויל דיר פערזענלעך ניט ווי טאָן. דו רעדסט וועגן ליבע און איך בין זיך משער, אז דו האָסט אין זינען א באַשטימטע פּערזאָן.

— און אז א באַשטימטע פערזאָן, איז וואָס?

— צו וואָס זיך אליין אַריינדרייען אין א פּלאָנטערניש, — האָט שוין בן־ציון גערעדט פעסט מיט אַן איבערצייגעוודיגן טאָן, און א פייערל האָט זיך צעשפּילט אין זיינע אויגן — ליבע! א רייכער מאַן האָט דיר עפּעס צוגעזאָגט, אויב וועסט טאָן זיין ווילן. היינט ביסטו עס, מאָרגן — אַן אַנדערע. וואָס האָט עס צו טאָן מיט ליבע? עס איז בלויז נאָך איין דערשיינונג פון דער קראַנקער געזעלשאַפט.

— דו אַליין, אינטעליגענט, פאַרפּלאָנטערסט די זאַך — האָט זי אים אַריינגערעדט אין פּנים. איך פרעג:

— אָרעמקייט איז שלעכט, צי גוט? ענטפער!

— שלעכט, געוויס!

— גערעכט. שלעכט. אַזוי זאָגסטו, און אַלע דיינע חברים, די ראַדיקאַלן פון וואַיטשעפּל, פון האַיד פּאַרק, וואָס שלאָפן אויף גאַזעטן אָנשטאָט אויף קישנס און עסן פלוגבלעטלעך אָנשטאָט פרישטיק, און אז אָרעמקייט איז שלעכט איז וואָס? טויט איז אויך שלעכט. גיי קעמף געגן טויט. עס וועט אַלעמאָל זיין טויט און עס וועלן אַלעמאָל זיין אָרעמע . . .

— ווען די אָרעמע קלאַסן וועלן . . . —

— וואָס דרייסטו א קאָפּ מיט אָרעמע קלאַסן. דאָס זיינען לעבער אָן בייגל. קיינער וויל ניט זיין אָרעם, ניט דו, ניט איך.

כדי פטור צו ווערן פון דער אָרעמקייט דאַרף מען האָבן געלט ניט אַזוי? און וואו באַקומסטו געלט? ביי די רייכע, ניט אַזוי? אויב אַזוי וואָס דאַרף איך זיין אויף דיין זייט, איך מיין אויף דער זייט פון די אָרעמע. אָבער וואָס רעד איך מיט דיר און פּטר מיין צייט, דו ביסט ערגער ווי די רייכע, ביסט אַן אידיאָט . . .

— פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי? — האָט בן־ציון בכיוון געזאָגט נאָך מילדער.

— ווייל דו האָסט אַ קאָפּ אויף זיך און אַנשטאָט העלפן זיך אַליין, גייסטו ראַטעווען די וועלט. אַט, אידיאָטן! זיי האָבן פּרינציפּן, פּרינציפּן, כאַ־כאַ־כאַ!

— אָבער זאָל נאָר אָרעמקייט אָפּגעשאַפט ווערן, וועט ערשט פאַר דיר זיך עפענען אַ וועלט.

— ווען עס וואָלט! ווען האָט מען עס אָפּגעשאַפן? וואו? ווען?

— פאַר דעם קעמפן מיר. טאָמאַס הוד אין זיין ליד. קאַרל מאַרקס . . . לאַסאַל . . .

— הוד און ווי הייסט ער דאָרט קאַרל, וואָס זיי קאָנען מיר שוין העלפן! גיי, גיי אַוועק פון מיר. איך האָב דיך פיינט.

זי האָט זיך האַסטיג אַוועקגעדרייט. אַ דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי איז צוגעלאָפן צו אים. דער מאַן האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איר.

בן־ציון האָט געזען, ווי זי האָט פאַרקירעוועט אויף צוריק צום סקווער. געגאַנגען איינגעהויקערט דעם האַלז, און עס האָט אים זיך געדאַכט, אַז זי איז צעטומלט און פאַרשעמט, די טריט גלייכגילטיג, און זי איז אינגאַנצן מיד און ביטער עלנט.

אינדרויסן האָט געגאָסן אַ בייזאַכטיגער רעגן. דער רעגן האָט געפּליצט און געראַשט איבער די טונקעלע שויבן. בן־ציון איז אָפּגעגאַנגען פון פענצטער, ער האָט טיף געאָטעמט, זיין פּנים האָט אויסגעזען פאַרענדערט. ס'האָט געלויכטן. ער האָט גענומען די פּען אין האַנט, ער האָט זיך דערמאָנט אין די אָפּטע באַגעגענישן אויפן סקווער מיט דער מיידעלע, דעם בלינדן מאַן, די דריי שוועסטער, „די עלטסטע וואָס האַנדלט מיט זיך". ער האָט גענומען פאַרזייען שורות אותיות'לעך אויפן פּאַפּיר.

„לעבן דער בערזע, דעם טעמפּל פון שווינדל,
זע איך טאָג־טעגלעך אַן אָרעמעס קינד.
שטייענדיג רואיג און שטיל ווי אַ הינדל,
נאָענט פון אַן אַלטן מאַן, וועלכער איז בלינד;
שוועבעלעך טראָגנדיג,
שטילערהייט זאָגנדיג,
בעטנדיג: „קויפט ביי מיר מעטשעס", מיין הער!
„טו באָקסעס אַ פּעני, וואָן פּעני דהי פּעיר".

דרויסן מעג רעגענען, דונערן, בליצן,
שטעלט אויס די קליינינקע,
שוואַכינקע, שיינינקע
הענטעלע בעטנדיג, „קויפט מעטשעס, סער!"

ער האָט אָפּגעשאַרט דעם בויגן, איינגעטונקען די פּען און גענומען שרייבן אַ צווייט ליד.

„אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער קומען טעגלעך דריי שוועסטער,
די מיידלעך — זיי קען וועל־ניט־ווער.

די אינגסטע פאַרקויפט דאָרטן בלומען,
די מיטלסטע — בענדלעך פון שיך,
און שפּעט אין דער נאַכט זעט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האַנדלט מיט זיך.

די אינגערע שוועסטער באַטראַכטן
די עלטערע שוועסטער אָן האַס,
דען אַלע דריי מיידלעך פאַראַכטן
די רווישנדע שטאָט און די גאַס...״

ווען ער האָט געענדיקט שרייבן און איבערשרייבן איז שוין געווען שפּעט. דער רעגן האָט אויפגעהערט, די לבנה האָט זיך דורכגעריסן דעם נעפּל. ווי גאָלדענע אותיות זיינען די קאַלטע שטערן געשטאַנען אין הימל. בן־ציון׳ען האָט זיך געדאַכט, אַז די לבנה, די שטערן זינגען מיט אים מיט זיינע לידער.

„איך בין אַ אידישקע״

בן־ציון האָט זיך געגרייט צו האַלטן אַ רעפעראַט אין בערנער קלוב וועגן „אַנטיסעמיטיזם״. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויס געווינס, ווען מען האָט אים צו וויסן געלאָזן, אַז צום רעפעראַט וועט קומען אַ גרופּע קאָמונאַרן, מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל, און אַז דער אַלטער דייטשער אַרבעטער פרידריך לעסנער, וואָס האָט נאָך געהערט צום „קאָמוניסטן־בונד״ פון 1847 און וועמען מ׳האָט גע׳משפט צוזאַמען מיט מאַרקס׳ן אין דעם קעלנער „קאָמוניסטן־פּראָצעס״, וועט דאָרטן זיין.

פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען איז בן־ציון אריין אין קלוב, וואָס איז שוין געווען פול מיט אַ וואַרטנדיגן עולם.

דער פאָרזיצער, אַ יונגערמאַן געקליידט אין שוואַרצן, מיט אַ צע־פלאַמט פּנים און צוויי קיילעכלעך אויגן, וואָס האָבן געפינקלט, און ס׳איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט דעם גרעסטן חלק אין דעם הייטיגן צוזאַמענקומען זיך, — האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, אַ צייכן, עס זאָל שטיל ווערן, און גענומען פאָרשטעלן דעם גאַסט. בן־ציון האָט געקוקט אין פענצטער, וואו דער הימל איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרצויגן מיט נאַכט און נאָר איינציגע שטערן האָבן זיך אין דער הויך געצונדן, ווי פלוצימדיגע אויפרייסן פון קוילן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם ערשט, ווען מען האָט אים אויפגערופן צום רעדן.

ער האָט אָנגעהויבן געלאַסן. מיט קלאָרע ווערטער, אונטערשטיצט מיט ציפערן און היסטאָרישע באַווייזן, האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז

די אידן זיינען „שטיפקינדער" ניט בלויז אין די לענדער, וואו זיי ווערן פארפאלגט, נאר אויך אין ענגלאנד און פראנקרייך, וואו מען דערמאנט זעלטן, אז ער, דער איד, איז אן אייגן קינד און צייטנווייז פארגעסט ער דאס אליין.

מיר קאנען זאגן אויף זיכער — האט ער געררעדט העכער — אז עס איז אויך דא א מעגלעכקייט פאר אנטיסעמיטישע אויסברוכן אין ענגלאנד און א פאגראם אין ברוקלאין, אין די קווערגאסן פון קאמוירשל ראוד, די אידישע געגנט אין לאנדאן, קאן שרעקלעכער, בלוטיגער ווערן ווי א פאגראם אין באלטע אין רוסלאנד.

פארענדיגט האט ער מיט דעם, אז די אידן־פראגע איז פאר זיך אליין קיין פראגע ניט, זי איז א טייל פון דער אלגעמיינער מענטשלעכער פראגע און מען וועט דעם אידן אזוי לאנג האסן, ווי לאנג עס וועלן זיין ארעמע און רייכע און איין מענטש וועט הערשן איבערן אנדערן. זאל פארשווינדן די קנאה־שנאה צווישן איין נאציע און דער אנדערער און יעדער אנטי־סעמיטיזם וועט פארשווינדן. די, וואס דענקען אזוי, האבן א רעכט זיך צו רופן „אידישע סאציאליסטן".

ווען ער האט פארענדיגט זיין קורצע באלייכטונג האט דער פארזי־צער געפרעגט:

— וויל זיך עמעצער מעלדן צום ווארט? וויל עמעצער א פראגע?

די גאנצע צייט פון בן־ציונ'ס רעדן איז אנטקעגן געזעסן א נידער־ריגער, האריג־באוואקסענער מענטש מיט א בלייכלעכן לענגלעכן פנים, מיט פעך־שווארצע האר אינם שיין צוגעשפיצטן און ברייטלעכן בערדל און א ברייטן הויכן שטערן. זיינע קורצזיכטיגע אויגן, אונטער גרויע גלעזלעך, האבן מיט א גלייכגילט געקוקט אין א זייט, ווי זיי וואלטן א גאנצע וועלט וועלן דערמאנען, אז ער, קארל הירש, איינער פון די דייטשע מזרח־וואנט סאציאליסטן, איז עטלעכע יאר אפגעזעסן אין טורמע, אז ער איז געווען דער רעדאקטאר פונם זשורנאל „די לאנטערנע" און אז ער געדענקט אויף אויסנווייניג די מערסטע פון מארקס' שריפטן.

איצט האט ער זיך געמאלדן צום ווארט.

ער האט ארונטערגענומען די ברילן, געווויזן אז ער איז גרייט צו רעדן לאנג און אנגעהויבן: „מיר לעבן שוין היינט ניט אין די צייטן פון שבטים, און ניט אלץ מוז מען ארייננפאסן אין קעסטעלעך — א איד, א טערק, א רוס, אן ענגלענדער. קאנען מיר דען האלטן די אידן פאר א פאלק, אויב טעריטאריעל זיינען זיי קיין פאלק ניט? וואס, פריינט לעקטאר, איר געדענקט ניט מארקס' דעפיניציע וועגן דער 'אידן־פראגע'?".

ביי די לעצטע ווערטער האבן בן־ציונ'ס אויגן קאלט א גלאנץ געטאן.

ער האט געטראכט: א מאדנע זאך מיט דעם דייטשן אסימילירטן איד, ווען ער וויל ארגומענטירן קעגן אים, אייגנט ער זיך צו מארקס'ן, און אויף א זיצונג אין דער רעדאקציע פון „קאמענוויל", ארגאן פון דער סאציאליסטישער ליג, האט ער גענוצט אנארכיסטישע ארגומענטן קעגן מארקס'ן . . .

הירש'ס נידעריגער גוף האט זיך אלץ געריסן נעענטער צום ארט, וואו בן־ציון איז געזעסן:

— פארוואס זאלן סאציאליסטן רעדן אין אזא נאציאנאליסטישן טאן? דער לעקטאר רעדט וועגן די אידן אין די סלאווישע לענדער, און

וואָס איז מיט די מער־פאַרגעשריטענע אידן פון מערב־אייראָפּע, פון פראַנק־רייך און דייטשלאַנד? זיינען זיי ניט באַרעכטיגט צו אַסימילאַציע?

הירש׳ס אַרגומענטן זיינען געוואַקסן. פון די אידן אין רוסלאַנד איז ער אַריבער צו די אידן פון ווייטשעפּל.

אַז בן־ציון האָט זיך אויפגעשטעלט ענטפערן, איז זיין קול געווען אַ ביסל אויפגערעגט און זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן קוים באַלויכטן די דורכזיכטיגע הויט אויף זיין פּנים. ער האָט אַרומגעקרייזט דאָס טישל און אַריינגעטענה׳ט אין פאַרזאַמלטן עולם:

— וואָס שייך מאַרקס׳ צוגאַנג צו אידן, איז עס אמת, אַז ער האָט פון אידישן נאַציאָנאַליזם ווייניג וואָס געהאַלטן. דאָס איז אָבער פאַר אונז ניט וויכטיג. וואָס אונז אינטערעסירט, איז די פראַגע מכח דער שייכות פון אינטערנאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלן געדאַנק, לאָזנדיג אונזער אידישקייט אין אַ זייט. און מיר ווייסן, אַז מאַרקס האָט זיך באַצויגן זייער ערנסט און זייער סימפּאַטיש צו נאַציאָנאַלע פראַגן פון אונטערדריקטע פעלקער. אין אַ בריוו צו זיין פריינט ענגעלס, פון דעם 21טן יוני, 1866, שרייבט ער:

„די אַרבעטער־פאַרשטייער פונם יונגן פראַנקרייך האָבן אַרויס־געפּלאַצט דערמיט, אַז נאַציאָנאַליטעט און נאַציע זיינען איבערגעלעבטע פאַראורטיילן. די ענגלענדער האָבן אָבער זייער געלאַכט, ווען איך האָב מיין רעדע אויף דער גרינדונג פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אָנגעהויבן מיט דער באַמערקונג, אַז אונזער יונגער פריינט לאַפאַרג, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די נאַציאָנאַליטעטן, האָט צו אונז גערעדט אין פראַנצויזיש, דאָס הייסט אין אַ שפּראַך, וועלכע ניין־צענטל פון די פאַרזאַמלטע האָבן ניט פאַרשטאַנען. איך האָב אויך אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז לאַפאַרג אַליין, דאָס ניט איינזעענדיג, פאַרשטייט אונטער אָפּשאַפונג פון נאַציעס פשוט, אַז די מוסטער־נאַציע, פראַנצויזן, זאָלן אין זיך פאַרשלינגען אַלע אַנדערע פעלקער".

די זיצנדיגע האָבן הילכיג געלאַכט און בן־ציון האָט אויפגעהויבן זיין קויל:

— יאָ, מיינע פריינט, מיר וועלן נאָך דאַרפן געגוג האַקן און האַקן אין די מוחות אַריין פון אונזערע אַסימילאַטאָרישע חברים, ביז זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייער לעבערלעכער פּאָזיציע אין דעם פּרט פון אָנערקענען די רעכט אויף אידישער נאַציאָנאַליטעט".

ווען בן־ציון האָט פאַרענדיגט און איז אַרונטער פון דער פּלאַטפאָר־מע, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ יונגע פרוי מיט אַ פּאָר טיפע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן אים שמייכלענדיג באַגריסט. זי האָט אים אויסגע־שטרעקט אַ האַנט:

— לאָמיר דריקן אייערע האַנט. אַ וואונדערלעכער רעפעראַט.

— אָ, ניין, איר איבערטרייבט, אָבער מעג איך האָבן דעם כבוד צו וויסן אייער נאָמען?

— איך בין לעאָנאָראַ עוועלינג־מאַרקס. דער אינטערנאַציאָנאַלסטער מענטש אין דער וועלט. מיין פאָטער איז געווען אַ איד, מיין מוטער — אַ דייטשקע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ דייטשן פאָטער און אַ שאָטלענ־דישן זיידן, דער מאַן — אַן איירישמאַן, פאַרשוויגערט מיט פראַנצויזן און מיט האָלענדיש־אידיש בלוט ערגעץ־וואו אין די אָדערן פון דער

פאמיליע. און איך אליין בין א אידיש קינד — „אי עם עי דזשועס!” — האט זי פארענדיגט און אירע אויגן זיינען מיטאמאל אנגעגאסן געווארן מיט א שטאלצן רייץ.

בן־ציון האט באטראכט איר חנ׳עוודיג פנים. דעם קליינעם שטערן, די ברייטלעכע נאז, די געפלאכטענע שווארצע האר, באמערקט ווי איר פנים מיניעט זיך און אין די גרויסע שווארצאפלען צינדן זיך פייערלעך. ער האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל אין ענגליש:

— א אידישקע? „יו בעט יו אר!”.

„אין די גאסן צו די מאסן”

1889. יענער פרילינג איז געווען אין לאנדאן א לאנג־דערווארטעטער רעזולטאט פון א סך געשעענישן. די שטימונג איז געווען א דערהויבענע, דער געבורטסטאג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע איז געפייערט געווארן אין קלוב מיט באזונדער באגייסטערונג. אין שטאט האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט דער גרויסער סטרייק פון די „דאק”־ארבעטער (האפן־ארבעטער). מען האט געמיינט, אז אט־אט ברעכט אויס די סאציאלע רעוואלוציע, א קשיא אויף א מעשה! אלץ האט זיך צעפיצלט אויף שטייגערישע פעדים און אנגערירט די דינסטע הארץ־סטרונעס. די לופט איבער דער שטאט האט באקומען א דינע זומערדיגע לויטערקייט און ריינקייט, וואס בן־ציון האט געדענקט פון די קינדערשע איבערלעבונגען, ווען אלע טעג זיינען געווען זוניגע און אלע וועטערן איינגעגעבענע.

בן־ציון האט שפאצירט און געטרונקען די אנלויפנדיגע קלאנגען מיט די אויערן, מיטן מויל, מיט דער דארשטיגער ברוסט.

אויפן צווייטן טראטואר האט ער דערזען זיין פריינט יעקב ראמבא. יענער איז געגאנגען מיטן היפשן שטעקן אין דער האנט. נידעריגער פונם וויכן הוט האבן זיך הארט געקרייזלט זיינע האר. די ליפן האבן זיך צונויפגעלייגט מיט איינגעשפארטקייט און ביטול.

בן־ציון האט זיך א צי געטאן נאך אים און באלד זיך אפגעהאלטן. ער האט אים צוגעצויגן אלס מיטרעדאקטאר פון דער נייער ציימונג, וואס זיי האבן פלאנירט ארויסצוגעבן, „דער ארבעטער פריינד”, און האט אים געדארפט צושטעלן א נײַ ליד פארן ערשטן נומער, א ליד, וואס מען וועט גלייך שפאן מוזיק און די ארבעטער וועלן עס נעמען זינגען.

ראמבא האט זיך געהאלטן פאר אן „אומאפהענגיגן” און עס איז שווער געווען צו זאגן צי איז ער מער סאציאליסט ווי אנארכיסט אדער פארקערט. בן־ציון האט געדענקט ראמבא׳ס צימער, די וואנט מיט ביכער ביז דער סטעליע, א הויכע, מיט רוקנס, רוקנס אן א צאל. די וואנט האט זיך אים איצט פארגעשטעלט פאר די אויגן און ס׳איז אים געווען אנגענעם, וואס ער וועט דארטן ביי דער וואנט פאר אים פארלייענען זיין נײַ ליד פארן ערשטן נומער. ער האט אים ניט געוואלט אפשטעלן אין גאס, האט ער זיך אפגעקערט פון טראטואר און איז אוועק צו זיך.

בן־ציון איז פארבליבן אליין ביז שפעט אין דער נאכט מיטן קליינעם קאנעצל. הינטערן פענצטער איז געלעגן די נאכט. א שטאט א לעבעדיגע, א פילקעפיגע, א רוישיגע. ער האט געטראכט וועגן דעם, אז אט איז ער,

בן־ציון, ווידער דער רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, וואָס וועט רופן און וועקן דעם אַרבעטער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי זיין פריינט יעקב, מיטן קיילעכדיגן בערדל, גייט איצט אום דאָרט צווישן זיינע ביכער הין און צוריק און רעדט צו זיך אַליין.

— אונזערע אידעלעך, דאָס אייביגע פאָלק, אין וואַסער ניט דער־טרונקען, אין פייער ניט פאַרברענט. זיי הויבן אָן צו דערוואַכן, שמידן זייערע רייען אין דער מחנה פון פּראָלעטאַריאַט, זיי ווילן האָבן זייער אייגענעם אָרגאַן, אַ שופר פון דער מחנה.

— גוט וואָלט געווען — האָט בן־ציון געטראַכט — ווען ער קאָן איצט אַריינגיין צו יעקב'ן, אים איבערגעבן דאָס ליד, אָפּוואַרטן אַ מינוט, ביז ער וועט אויפהויבן די פאַרקלערטע אויגן, אַ שטילן גלאַנץ טאָן מיט זיי הינטער די גלעזער, און דערנאָך אויסהערן פון אים לויטערע, אָפּגע־וואויגענע רייד:

— גוט, אויסגעהאַלטן אין פאָרם און אינהאַלט.

בן־ציון האָט אַ נעם געטאָן פּאַפּיר און פּען און זיך געזעצט צום טישל. איין סטראָפע איז באַלד אַרויסגעקומען. גאָר ניט שלעכט, כ'לעבן! — האָט ער אָפּגעאָטעמט, געכאַפּט דעם ריכטיגן טאָן:

„אין די גאַסן — צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער־ראַסן
רופט דער פרייהייט גייסט".

בן־ציון האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום פענצ־טער, האָט טיף געאָטעמט, און זיין פּנים האָט געלויכטן.

די ווערטער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין זיין מוח מיט אַ ריטם, יאָגן, לויפן, ווערטער וואָס האָבן זיך געשטעלט אין אָרדענונג. ער האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט ווי די ווערטער וועלן אַרויסשיינען פון דער צייטונג, ווי זיי וועלן קלינגען אין די מיילער פון די אַרבעטער און אפשר אויך שיינען אין דערהויך, אין דערלופטן איבער טויזנטער קעפּ אין לאָנדאָן, אין ווילנע, אין וואַרשע און אין ניו יאָרק, ווערטער אויסגעמישטע מיט פלאַטער פון פאָנען, מיט געשריי פון המונים.

דעמאָלט איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום טישל, איינגעטונקט די פּען, אויפגעהויבן זי און אַזוי מיט אויפגעהויבענער פּען זיך אויף אַ לענגערער ווייל פאַרטראַכט און צוגעשריבן די לעצטע סטראָפע:

„איך קום מעלדן — יענע העלדן
וועלכע שמאַכטן אין די קעלטן
פון סיביר אַצינד,
אַז צעטראָגן — וועט אָסטראָגן
באַלד מיין שטורעם, באַלד וועט שלאָגן
די באַפרייאונגס־שטונד.

פרייד און שטרעבן — קום איך געבן,
לעבנסלוסט און לוסט אין לעבן
אַלעמען צו גלייך".

איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע אַרבעטער פון וואַיטשעפּל אין

לאָנדאָן, פון די שוויץ־שעפּער אין ניו יאָרק, די שוסטער אין ווילנע און די גאַרבער אין סמאָרגאָן, און אַלע דאָרטן אין די טורמע־קאַמערן און אויף די פּאַרשנייטע סטעפּעס פון סיביר זיינען מסכים, שאָקלען מיט די קעפּ אויף יאָ, באַפּולמעכטיגן, באַפוילן: שרייב! ווער אַ דיכטער!

און מיט פייערלעכן ערנסט האָט ער אָנגעצייכנט מיט גרעסערע אותיות זיין נייעם פען־נאָמען: מאָרים ווינטשעווסקי.

לאָנדאָנער „סלעק"; לידער פון קאַמף

די וועבערין זשאַן פון נומער 13 מייל־ענד־ראָוד אויף וואַיטשעפּל, וואו עס געפינט זיך די דרוקעריי פון „אַרבעטער פריינט" ליגט אין בעט. זי איז וואַך. נעבן איר, אין זעלבן בעט, ליגן אירע צוויי קינדער, איינע אין דער צווייטער איינגעניורעט. זשאַנ'ען נעמט ניט קיין שלאָף, זי ליגט מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטער. דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אין אַרומלויפן איבער די לאַנגע לאָנדאָנער גאַסן זוכן אַרבעט, אירע אויסגע־האָרעוועטע גלידער ליגן מיד, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעגאָסן מיט בליי. די וועב־שטול אין פאַבריק האָט איר יונגנט איינגעשלונגען.

— ניט געהאַט קיין איין גוטן טאָג אין לעבן, — טראַכט זשאַן — פון צען יאָר אָן האָט די פאַבריק מיך באַגינען איינגעשלונגען און ווען זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, מיך אַ מידע אויסגעשפּיגן...

זי טרייבט אַוועק דעם געדאַנק, ווי מען טרייבט אַוועק אַ פליג פון אַ פאַרוואָונדעט אָרט. באַלד פליט אָן אַן אַנדער געדאַנק, אַז זי זאָל שוין אויפשטיין און גיין צו דער טעקסטיל־פאַבריק, ס'פאָדערן זיך דאָרט צען אַרבעטער. אַ פונק האָפענונג האָט אַ בלישטשע געטאָן און באַלד אין עלנט זיך אויסגעלאָשן. זי איז אַלץ אומרואיגער געוואָרן, האָט אַ מורמל געטאָן:

— היינט זאָל איך כאָטש קריגן אַרבעט!...

אין דעם ענגן שלאָף־צימער פון אַלטן הויז אויף קאַלטשעסטער סטריט וואוינט דער שניידער לעאָן קולא מיט זיין ברודער. אַנטקעגן אויפ'ן בעטל ליגט זיין ברודער דוד. לעאָנ'ס פּנים איז געל ווי וואַקס. ער שלאָפט. יעדער שאָרך וועקט אויף דוד'ן. לעאָנ'ס אומרואיגער טראַכטן וועגן גיין אין דערפרי זוכן אַרבעט דערגרייכט אים. ער האַלט די אויגן פאַרשלאָסן און פרעגט פאַרשלאָפן:

— דוד, שלאָפסט ניט?

— ניין, איך קען ניט שלאָפן!...

— שלאָף, שלאָף!

דוד איז העכער, מיט צוויי פעסטע הענט. ער אָטעמט שווער מיט אַ שטאַרקן כראָפּען. אין וואַיטשעפּל איז דוד דער רייכסטער פון אַלע. ער איז פון די, וואָס אַרבעטן אין אַ וואָגן־פאַבריק.

קאַיאָר. אַ גרויער הימל טרייסלט אָפּ פון זיך די לעצטע שטיקער כמאַרעס, און אַ בלויקייט הויבט זיך אָן אַרויסוויקלען.

אין פּאַרק, אויף האַרטע בענק, ליגן צונויפגעדרייט מענטשן אין האַלב־דרימלענדיגן צושטאַנד. אייניגע אַרבעטסלאָזע וואַרפן זיך אויף די שמאָלע בענק פון זייט אויף זייט, און עס רייסן זיך אַרוים ביי זיי קרעכצן.

פון אַן אַנטקעגנדיגער באַנק האָט זיך איינער אויפגעהויבן און אָנגע־

הויבן אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. נעבן אַ שפּיי־קעסטל האָט ער באַמערקט אַ ניט־דערדרויכערטן פּאַפּיראָס, ער האָט גיריג אַ כאַפּ געטאָן און פאַררויכערט — געררויכערט און געשפּיגן.

פון ראַג גאַס האָבן זיך אַרויסגעשאַרט די אַרבעטלאָזע אין אַ שרעקעוור־דיגער איילעניש.

זשאָן איז געגאַנגען מיט אַ פּאַר'עקשנ'טן שווייגן, פאַרזונקען אין אירע מחשבות, מורא'דיג גיך געשטעלט שווערע טריט.

אויף לעאָנ'ס מויל האָט זיך באַזעצט אַ ביטערער שמייכל. ער האָט געקוקט אויף די האַלב־דרימלענדיגע אויף די בענק, אויף דעם אַרבעטלאָזן רויכערער, און אַ שווערער זיפץ האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן.

זשאָן און לעאָן האָבן ביידע געטראַכט דעם זעלבן געדאַנק:

— אפשר היינט וועט זיך אָפּזוכן אַ קונה אויף די פּאָר הענט! . . .

אין פרימאָרגן איז ביי דער פאַבריק אויסגעוואַקסן אַ המון. שטייען די אַרבעטסלאָזע, אָנגעגאָסן מיט אומרואיגקייט. יעדער איינער איז געקומען מיט'ן געדאַנק צו זיין דער ערשטער, איינער פון די צען, וואָס די פאַבריק פאָדערט.

זשאָן שטייט ביי דער אייזערנער טיר פון דער פאַבריק אַ צוגעפּרעסטע. פון הונגער ציען די פיס צו דער ערד, פון שטופעניש איז דאָס ציצענע קליידל אויבן ביי די ברוסטן פאַנאַנדערגעשפּיליעט, איר טונקל־בלאַסער פּנים איז אַראָפּגעלאָזט.

ער דערלעבט גאָרניט קומען — באַווייזט זיך ווידער דער ביטערער שמייכל אויף לעאָנ'ס געל פּנים.

— אָ, ביטערע צייטן . . . פון טאָג צו טאָג ווערט ערגער! . . . — ענטפערט זשאָן מיט'ן קאָפּ געבויגן צו דער ערד.

— ס'קאָן שוין ערגער ניט ווערן ווי ס'איז! — האָט עמיצער מיט פאַרביטערונג געענטפערט.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן דער דירעקטאָר.

— ווער האָט געשיקט נאָך אייך?

— מיר זיינען געקומען לויט דער מעלדונג וועגן אַרבעטער.

— איך האָב שוין צוגענומען אַרבעטער! — די ווערטער האָבן אַ שניט געטאָן די מוחות.

באַלד האָט ער אויפגעהאָנגען אַ שילדל:

— קיין אַרבעטער ווערן ניט אָנגענומען.

מען צעגייט זיך.

זשאָן האָט זיך דערוויטערט ביז'ן פּאַרקל, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ באַנק און איז אַ פאַרלוירענע געבליבן זיצן.

לעאָן האָט זיך קוים פאַרשלעפּט אַ היים. פאַר'ן אַרויפגיין אין צימער האָט ער אָנגעטראָפן זיין חבר, דעם שניידער יוליוס ראָזענטאַל, אַן אַנאַרכיסט, וואָס האָט געהאָלפן אין „אַרבעטער פריינט".

ראָזענטאַל'ן האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן די בלאַסקייט פון לעאָנ'ס פּנים.

— ווייסט לעאָן — זאָגט ראָזענטאַל — איך אַרבעט איצט ביי לעווינ'ען אין „שאַפּ". היינט בין איך פריי, אָבער מאָרגן וועל איך זען דיך אַרויפ־נעמען. ווייסט דאָך, מיין באַלעבאָס איז אויך אַן אַנאַרכיסט . . . דערווייל

קום צו מיט מיר אויף מייל־ענד־ראָוד אין רעדאַקציע. וועסט דאָרט זען דעם רעדאַקטאָר אַליין.

— לעאָן האָט געעפנט די אויגן און מיט אַ שוואַך קול געזאָגט:

— איך וויל עסן . . .

— קום!

אין אַ פערטל שעה זיינען שוין אַלע דריי, בן־ציון, דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן מאָרים ווינטשעווסקי, ראָזענטאַל און לעאָן געזעסן אין הערים׳עס רעסטאָראַן. די סעודה איז געווען אויף׳ן חשבון פון רעדאַקטאָר, וואָס האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין זעליג־מאַנ׳ס באַנק.

:: :: ::

ביי הערים׳ן אין רעסטאָראַן קומען זיך צונויף די לאָנדאָנער משכילים, אינטעליגענץ, ראַדיקאַלן, וואָס האַלטן אַ פען אין דער האַנט, און טומלען זיך און טענה׳ן מיט נערוועזער אומרו.

דער ערשטער איז דאָ אַלעמאַל דער דרוקער וואָלף ראַבינאָוויטש. זיין אָפּגעקראָכן פוטערן היטל אויף׳ן קאָפּ איז אויסגעקרימט אין אַ זייט וואָס דאַרף באַדייטן: פאַרטאָן אין מסחר.

ראַבינאָוויטש איז אַ מענטש מיט אַ „פּראַקטישן חוש״ און האָט גלייך נאָך זיין קומען פון קעניגסבערג באַשלאָסן אוועקצולייגן אין אַ זייט זיינע „פריידענקערישע פאָראורטיילן״ און זיך נעמען, צוליב פּרנסה, צו דער סאָרט ליטעראַטור וואָס מען פאַרלאַנגט — סידורים, מחזורים, תחינות. ער האָט געקויפט אויף אויסצאָלן איינינגע קאַסטנס שריפט, אַ האַנט־פּרעס, באַקומען אַ שותף אַלס זעצער אַ גאַליציאַנער יונגערמאַן, ווערבער, און מען איז צוגעטראָטן ארויסצוגעבן דעם „אַרבעטער פריינט״. זיך אַליין האָט ראַבינאָוויטש באַשטימט אַלס „ביזנעס מענעדזשער״ און בן־ציונ׳ען האָט ער גערופן „רעדאַקטאָר בן־נץ״.

— געדענק, בן־ציון — האָט ער אים אָנגעזאָגט — בן־נץ, ניט ווינטשעווסקי. אַרבעטסט דאָך עפּעס ביי אַ באַנקיר, און עס איז געזינטער, ער זאָל פון גאָרניט וויסן . . .

כמעט שטענדיג נאָך ראַבינאָוויטש׳ן קומט אַ פּאַרשאָפּעטער דער שרייבער סטאָון און נאָך אים גייט נאָך יעקב ראַמבראַ, וועמענס אויגן שמייכלען און גלויבן קיינעם נישט. ער ווערט פון קיין זאַך ניט איבער־ראַשט, ווי אַלץ וואָלט ער וויסן ווער וייסט שוין ווי לאַנג.

ער באַקוקט אַ מענטשן ניט מיט די אויגן, נאָר מיט די גרויסע ברעמען און טראַכט דערביי:

אַ נאַר ווי אַלע נאַראָנים . . . פאַראַן איין קלוגער, בין דאָס גראָדע איך...

ראַמבראַ צעגלעט זיינע פאַרקרויזטע האָר און זאָגט:

— חבר ווינטשעווסקי ווי האַלט עס מיט אייערע פּעליעטאָנען?

— דעם פּעליעטאָן . . . מילא, איך בין איצט פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

— אַ שטייגער.

— אַ שטייגער אין אַריינבאַקומען וואָס מע׳ אַרבעטער אין לעווי׳ס

פאַבריק. אגב מוז מען זען צוצײַלן און שאַפן „דעם אַרבעטער אונטער־שטיצונגס פאַראײן“.

— וואָס האָבן מיר קיין צייט ניט? — האָט ראַבינאָוויטש פאַרריכט דאָס פוטערן היטל אויפ'ן קאָפּ און זיך גענומען ווישן די ברילן.

— ווייל דער „סלעק“ איז שוין געוואָרן אַ כראָנישע קראַנקהייט — האָט בן־ציון אָוועקגעשאַרט זיין האַלב־ליידיגן טעפּל קאַווע, — און אויף די קצינים און נגידים קען מען זיך מער ניט פאַרלאָזן און גענוג מיט די שנאָרערס און טעלער־לעקערס וואָס דרייען זיך אום אויף וואַיטשעפּל . . . מיר דאַרפן ניט קיין נדבות.

לעאָן קוועלט אָן. ער כאַפּט אָן בן־ציונ'ען פאַר אַ האַנט.

— גערעכט. גערעכט, חבר רעדאַקטאָר, אַנו גיט נאָר עפּעס אַ שרייב וועגן דעם אין קומענדיגן נומער.

על־פּי טעאָריע זענט איר גערעכט — שמייכלט ראַמבראַ, — אָבער פּראַקטיק, ווי מיינט איר . . .

בן־ציון און ראַבינאָוויטש הויבן זיך אויף. לעאָן גייט זיי נאָך ביי דער טיר. הערט לעאָן ווי בן־ציון זאָגט עפּעס אין דער שטיל ראַבינאָוויטש'ן

— ער, ראַמבראַ, איז טאַקע אַ געלערנטער. אָבער עס וואָלט ניט געשאַט ער זאָל אַמאָל אַריינקוקן אין מאַרקס'ן. איר ווייסט וואָס עלענאָר האָט מיר איבערגעגעבן אין נאָמען פון איר פאָטער?

— אדרבה, לאָמיר הערן.

— ער האָט אַמאָל געזאָגט ענגעלס'ן: אַ געלערנטער איז ניט יענער, וואָס ווייס אַלץ, אַזאַ איז גאָרניט פאַראַנען; דאָ איז קיין שיר ניטאָ; אַ געלערנטער ווייס וואָס מען דאַרף וויסן און וואָס מען קען ניט וויסן אין געגעבענעם מאָמענט, מיט אַנדערע ווערטער — וועלכער ווייס ביז וואָס פאַר אַ גרענעץ ער ווייס, ווייל אַ סך וויסן ניט דעם שטח פון זייער אומוויסן“.

אַן אמת וואָרט, מען דאַרף עס אים זאָגן, ראַמבראַ'ן, ער האַלט זיך דאָך פאַר אַ מאַרקסיסט, ווי מיינסטו בן־ציון?

יענע נאַכט איז בן־ציון כמעט ניט געשלאָפן. ער איז געזעסן אָנגעבויגן איבער'ן שרייב־טיש. זיינע ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן זיינען געווען איינגעגעסן אין ווייסן פּאַפּיר. דער קאָפּ האָר צעפּאַטלט. זיינע אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער די אָנגעשריבענע שורות.

„איך בעט ניט נדבות
פון וועגן זכות אָבות,
פאַרהאָרעווען ווייל איך מיין ברויט.
פון אַרבעט נאָר רייד איך
איך וויל ניט גיין ליידיג,
באַפרייט מיך דורך אַרבעט פון נויט“

אין וויגעלע דאָס קינד ניט געגעסן:
די מאַמע'ס מילך איז מיטאַמאָל אַוועק היינט;
די מיידעלע, די עלטערע בעט עסן, —
אַך ליבסטע, אייער ברויט־געבער האָט סלעק היינט“.

ווען אַ פאַסמע גרוי ליכט פונ'ם געבוירענעם טאָג האָט דורכ'ן פענצטער אין צימער זיך אַריינגעגאַסן, האָט בן־ציון דעם לאָמפּ פאַרדרייט און זיך געלייגט שלאָפן.

פינפטער טייל

„ווילט פאַנאַנדער די פּאָנען"

דער דיקטער און דער אַנאַרכיסטישער באַלעבאָס

מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז אין אַלע צרות מיט'ן סטרייק וואָס איז אויסגעבראָכן ביי לעווי'ן אין פאַבריק איז שולדיג געווען דער דיכטער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט זיין קעניגסבערגער תפיסה־חבר הורוויטש, וועלכער האָט דערציילט בן־ציונ'ען, אַז ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ פאַבריקאַנט לעווי, וועלכער לייענט אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור און שטיצט די „סאָציאַליסטישע ליגע" מיט אַ ברייטער האַנט.

אין אַ וואָך אַרום איז הורוויטש אַריינגעפאַלן צו בן־ציונ'ען און געזאָגט, אַז מען וואָלט דעם רייכן ראַדיקאַל געדאַרפט עפּעס שיקן צו לייענען. בן־ציון האָט אים געגעבן אַ דייטש ביכל „קווינטעסענץ דעם סאָציאַליזמוס".

אין עטלעכע טעג אַרום איז הורוויטש ווידער אַריינגעקומען און בן־ציון האָט געזען, אַז ער איז אַ ביסל צעמישט און ניט פאַרשטאַנען, צי איז דאָס פאַר פרייד, אָדער פאַרוואָס ער האָט אַרומגעכאַפּט בן־ציונ'ען און ניט אויפגעהערט צו ריידן:

— ער וויל דיך זען, לעווי, ער האָט מיר געזאָגט, אַז דיינע ראַנד־נאָטיצן אויפ'ן ביכל זיינען אים זייער געפעלן און ער וויל דיך קענען.

— אַ גליק האָט מיך געטראָפן!

— מענטש, אַזאַ געלעגנהייט לאָזט מען ניט דורך. ער איז אַ קרוב פון דעם באַנקיר זעליגמאַן, און מען גוויטיגט זיך דאָרט אין אַ בוכהאַלטער. וועסט קריגן דורך אים די שטעלע, מענטש איינער, דאָס הייסט דאָך אַרויס־וואַרפן גאָלד אויף דער גאַס.

בן־ציון איז אַוועק צו לעווי'ן. אין אַ וואָך אַרום האָט ער באַקומען די בוכהאַלטער־שטעלע.

סער לעווי איז אַן אַנאַרכיסט, אַ גרויסער אַנהענגער פון פּרודאָנ'ען. לעווי איז דער באַלעבאָס פון אַ קליידער פאַבריק. צוואַנציג אַרבעטער מאַכן אים רייך מיט זייער מי. אַז סער לעווי רעדט מיט זיינעם אַ מענטשן, מיט אַ „ברודער אַרבעטער", ציט ער אַרויף אויף זיין פאַרכמורעטן פּנים אַ מילדקייט און אַ שמייכל אויף די ליפּן.

אין די אַנאַרכיסטישע און פאַביאַנישע קרייזן איז לעווי באַקאַנט פאַר אַ „רעדיקעל דזשו". מיט זיין ווייב רעגינאַ האָט ער זיך באַקאַנט טאַקע אין „האָל אָוו סאַיענס", דער טעמפּל פון די לאָנדאָנער פריידענקער, וואו עס פלעגן האַלטן לעקציעס דער אַטעאיסט טשאַרלס ברעדלאָ, די קעמפערין פאַר פרויען־רעכט אַנאַ בעזנעט, דער יונגער דראַמאַטורג דזשאָרדזש בערנאַרד שאָ, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אומבאַקאַנט.

ער איז אַמאָל צו איר צוגעגאַנגען, פאַמעלעך גענומען איר האַנט, געשמייכלט און געוויזן אויפן גלאָסן, אַרויסשטעלנדיג זיינע קליינע ציין,

— אין ווען, רעגינא, זענט איר פארליבט?
— אין א באזוכער אין „סאיענס האל".
— ווער איז דער גליקלעכער?
— א סוד.

ער האט געוואוסט, אז אין אים. זי האט עס פארשטאנען. זי האט דעמאלט אליין ניט געוואוסט צי זי ליבט אים, דעם קליין־וואוקסיגן און דיקן. זי האט אבער געפילט, אז ער וועט שטייגן אויפ'ן לייטער פון רייכקייט און אז דאס שטערט אים ניט צו זיך צו חבר'ן מיט ראדיקאלן.

איז איינמאל האט ער אנגעהויבן מיט א ביסל א שפאסיגן טאן צו קענען, אין ערגסטן פאל, אפטרעטן צוריק:

— אז איך בין אין אייך פארליבט, ווייסט איר דאך, רעגינא. אמת, איר ווייסט, און אז איר זענט פארליבט אין מיר, ווייס איך אויך . . . אמת רעגינא?

— אמת.

ווייטער זיינען געווען אוונטן מיט לאנגע שפאצירן אין נעפל און ביי דער לבנה־שיין. נאכדעם האבן זיי חתונה געהאט דווקא ביים ראבינער דאקטאר אדלער . . .

פארנאכט, אז סער לעווי קערט זיך אום אהיים פון „שאפ" זעצט ער זיך אריין אין א טיפן פאטעל, איבערגעצויגן מיט א גרינעם סאמעט, לענט זיך אן אויפ'ן אנשפאר, רויכערט א ציגאר און קוקט אויף דער שאפע, וואס איז אנגעפילט מיט ביכער.

אויסגעטאן פון אלע דאגות וועגן די געשעפטן, גריבלט ער זיך אין זיין אייגענעם לעבן. באלד הויבט ער זיך אויף און זיין זוכנדיגער בליק קריכט איבער די פאליצעס ביכער און בלייבט שטעקן אויף פרודאנ'ס א בוך מיט גאלדענע אותיות אויפ'ן לעדערנעם רוקן. ער נעמט ארויס דעם בוך און זעצט זיך צוריק אנידער, שפארט אן דעם קאפ אויף א האנט, און די אויגן גראבן זיך איין אין די שורות, וואס זיינען אונטערגעשטראכן מיט א רויטן בלייפעדער. זיין פנים ווערט פרום און געהיים. ער לייענט מיט א באזונדער פליים ווי זיין פאטער, דער שמש אין דר. אדלער'ס בית־דין, פלעגט עס טאן זיצנדיג איבער א ספר. שוין דאס וויפלטע מאל, אז לעווי לייענט דאס בוך. הויבט ער נאר אן צעגלידערן דאס וואס ער לייענט קומען אים אויף די געדאנקען מענטשן און פארשיידנערליי זאכן. א זיסער חלום הויבט זיך אן פלאנטערן אין זיין מוח.

לעווי'ן קומט אויף אין זכרון זיין פאטער, ווי ער פלעגט זיך שאקלען איבער א גמרא. עס קלינגט אים אויך אין די אויערן דעם פאטער'ס שטים, ווי ער וואלט זי געהערט איצט, ניט צוריק מיט א יאר דרייסיג. אמאל אין די שבת נאכמיטאגס פלעגט ער הערן ווי עס טראגט זיך איבער דעם שטילן צימער דער טרויעריג אומעטיגער ניגון פון זיין פאטער:

— אמר רבי עקיבא! . . .

לעווי טוט א שמייכל אין די קליינע ענגלישע וואנצעס אריין און זאגט אויך ארויס אין דער הויך, ווי דער פאטער זיינער, צעצויגן מיט א גמרא־ניגון:

— אמר רבי פרודאן! . . .

לייכטע, ניט דרייסטע קלעפ אין טיר פון אויפנאם־צימער האבן איבער־געריסן דעם פאדעם פון לעווי'ס פארטיפטע געדאנקען. ער האט אייליג

דעם בוך פאַרמאַכט, אַריינגעשטעלט אים אין שאַפע, אויסגעגלייכט דעם שניפּס, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר און אין דער הויך אַ זאָג געטאָן:

— ביטע, אַריין!

אין אויפנאַם־צימער איז געבליבן שטיין בן־ציון. באַלד האָט אים לעווי אַנגעוויזן אויף אַ ווייכער שטול.

בן־ציון איז בלויז געקומען פרעגן אויף אַ בוך און האָט קיין חשק ניט געהאַט צו רעדן. נאָר לעווי'ס ווייך קול און זיינע צופרידענע אויגן האָבן אים געמאַכט רעדעוודיג.

ער האָט זיך צערעדט וועגן „סלעק" וואָס הערשט אין לאָנדאָן, וועגן דער אָרעמקייט אויף וואַיטשעפּל.

לעווי האָט מיט מיטגעפיל אַ זאָג געטאָן: „יאָ, ס'איז נאָך ניט אַלץ אין אָרדענונג אין אונזער קעניגרייך". נו, יאָ, איר זענט דאָך געקומען נאָך לאַסאַל'ס בוך „הערעקליט".

— ביטע, — האָט זיך בן־ציון נייגעריג אַ כאַפּ געטאָן.

הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט אַן איבערשמועס פון עטלעכע שטימען. מען האָט אָנגעקלאַפּט.

— אַריין!

ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט און עטלעכע פון זיינע מענטשן האָבן זיך באַוויזן, האָט דער אַנאַרכיסט־פאַבריקאַנט אַרויפגעצויגן די געוויינלעכע מילדקייט אויף'ן גלאַט־ראַזירטן פּנים און דעם שמייכל אויף די ליפּן. ער איז געגאַנגען אַנטקעגן און אַן אויפגעלייגטער זיי באַגעגנט.

— אָנגעלייגטע געסט!

דאָס זיינען געווען די אַנאַרכיסטישע אַרבעטער פון דער פאַבריק, וואָס האָבן זיך געפילט היימיש ביים גענאָסע־באַלעבאָס.

לעווי האָט אַ קלונג געטאָן מיט אַ גלעקל. די דינערין, אין אַ ווייסן פאַרטוך איז געקומען צו־לויפן. דער באַלעבאָס האָט באַפוילן ברענגען טיי און צובייסן.

מען האָט פאַרגעזעצט דעם ניט פאַרענדיגטן שמועס.

דער אויפנאַם־צימער, באַנאָסן מיט אַן אָנגענעמער ראָזע־שיין פון בליץ־לאָמפּ איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פון אַ הויכער, היציגער דיסקוסיע. מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן דעם, וואָס וועט זיין ווען דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן.

אין דער דיסקוסיע פילט זיך סער לעווי ווי אַ פיש אין וואַסער, ווי אַ לערער און וועגווייזער פאַר זיינע מענטשן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן פריער לאַנגזאַם, שטיל און באַטראַכט, ווי ער וואָלט דאָס וואָס ער זאָגט אַרויס־געלייענט פון פּרודאָנ'ס אַ בוך, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן היציג, באַ־גייסטערט פון זיינע אייגענע געדאַנקען.

ראָזענטאַל, — אַ טונקעלער, אַ מיטלוואוקסיגער. זיין ביינערדיג פּנים טראָגט אויף זיך שפּורן פון האָרעוואַניע. פון זעקס יאָר זיצן ביי דער ניי־מאַשין געבויגן איז זיין פּלייצע געוואָרן קיילעכדיג סוטולעוואַטע. זיינע שוואַרצע קורצע געקרייזלטע האָר זיינען פריצייטיג גרוי געוואָרן, און דער שטערן האָט זיך געקאַרטשעט, פאַנאַנדערגעלייגט אין פאַלדן ביז די געדיכטע, צוזאַמענגעוואַקסענע געקרייזלטע ברעמען.

ראָזענטאַל איז געזעסן ביי דער זייט און געקוקט אויף בן־ציונ'ען, וואָס האָט אומצופרידן געהויבן מיט די אַקסלען בשעת דער „אַנאַרכיסט"־באַלעבאָס האָט גערעדט און געצייכנט די צוקונפט. בן־ציון און ראָזענטאַל האָבן

געפילט, אז די רייד גייען ביי אים ניט פון הארצן.

בן־ציון האט זיך א קער געטאן צו לעווי'ן, אין אים איינגעשטאכן זיין שארפן בליק און געזאגט:

— איך בין איבערצייגט, אז די אלע אוטאפיעס האבן גארניט די ווערט, אויב מען טוט גארניט פאר'ן היינט.

לעווי האט צונויפגעצויגן זיינע געדיכטע ברעכען, אויפגעהויבן די אויגן און איינגעצויגן די אקסלען:

— איר זענט א סקעפטיקער, — האט ער קאלט געציילט די ווערטער, — און איר באגרייפט ניט צו וואס פאר אן ערלעך לעבן די אנארכיסטן שטרעבן!

אין רעדאקציע האט בן־ציון ניט איינמאל איינגע'טענה'ט מיט ראזענטאל'ן ער זאל עפעס טאן געגן די קלאגעדיגע באדינגונגען, דעם קלאגעדיגן געהאלט און די לאנגע שעה'ן... ראזענטאל האט אים געענטפערט, אז די ארבעטער זיינען פארבלענדט פון לעווי'ס „שיינע רייד".

— און וואס איז וועגן דערקלערן א סטרייק? — האט אים בן־ציון געפרעגט.

שפעטער האט ראזענטאל אריינגענומען לעאן קאלא'ן אין „שאפ".

לעאן איז ניט געווען קיין אנארכיסט און האט ביסלעכווייז איבערצייגט ראזענטאל'ן, אז אנארכיזם איז ניט קיין לייזונג. ראזענטאל האט אבער גלייך ניט ארויסגעוויזן זיין אנטוישונג אין אנארכיזם, ניט געוואלט דער „חבר"־באלעבאס זאל געוואויר ווערן. איצט האט ער געהערט ווי בן־ציון ענטפערט סארקאסטיש לעווי'ן:

— צו וואס גאר טראכטן וועגן אן ערלעכן לעבן און פארגעסן אין היינט, פונקט ווי מיר וואלטן געווען פארגליווערטע שטיקער פון דער פארגאנגענהייט. יא, כ'בין אן אנהענגער פון מאכט, כ'בין געקומען צו דער איבערצייגונג, „כאוור"־באלעבאס, אז דאס לעבן אונזערס — איך רעד דער־ווייל אויך וועגן היינט ניט נאר וועגן וואס ס'וועט זיין — וועט ניט בעסער ווערן ביז מיר, די ארבעטער, וועלן ניט נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט! . . . .

פון דער זייט האט זיך דערהערט ראזענטאל'ס קול:

— אט וואוהין ער שטעכט די נאדל!

לעווי האט זיך אנגעבלאזן. א ווײלע האט אין אויפנאם־צימער געהערשט א געדריקטע שטימונג. אבער באלד האט לעווי געביטן זיין פיזיאנאמיע. דאס פארכמורעטע פנים האט ארויפגעצויגן די מילדקייט, די ליפן — דעם גוטן שמייכל. לעווי איז געווען מער ווי זיכער, אז אים וועט זיך איינגעבן ראזענטאל'ן, דעם גוטן פאמכאן, איבערצייגן, ער זאל זיך אפזאגן פון זיינע נייע איבערצייגונגען. ער האט זיך פאנאנדערגעשמייכלט:

— זע נאר ווי מיר האבן זיך דאס אנגעבלאזן, ווי דו וואלסט עטלעכע יאר מיין ברויט ניט געגעסן, ווי מיר וואלטן ניט געהערט צו איין אידייע.

ראזענטאל האט געענטפערט מיט ערנסט:

— ניט אייער ברויט האב איך געגעסן, נאר מיין שווערע מי . . .

— נו, עס רעדט זיך אזוי . . . ס'איז דען ניט איינס און דאס זעלבע?

— איך האלט, אז דעם לוין, וואס איר האט מיר געצאלט האב איך ערלעך פארדינט.

רעגינא איז מיט קליינינקע טריטעלעך אריינגעשוואומען אין אויפנאם־צימער. זי האט מיט אן אומצופרידענעם בליק א מעסט געטאן די פארזאמלטע. אויף איר טיף דעקאלטירטן האלז האט געבלישטשעט א שניר פערל, און

אויף די אויסגעכאַליעטע פינגער האָבן געבלענדט בריליאַנטן. זי האָט פויל געטאָן אַ גענעץ, מיט צוויי פינגער פאַרשטעלט די פאַנאַנדערגעעפנטע פּאָמאַדע־ליפּן.

— הערלאַד, ווי שפּעט איז איצט? — האָט זי צעצויגן געפרעגט.

לעווי האָט פון דער קליינער הויזן־קעשענע אַרויסגענומען דאָס זייגערל און געענטפערט:

— יאָ, שוין עלף דער זייגער!

די אַרבעטער האָבן זיך אויפגעהויבן, אָנגעהויבן פאַרלאָזן.

לעווי האָט פאַרגעסן געבן בן־ציונ׳ען לאָסאַל׳ס „הערעקליט״. ער האָט אים בלויז פאַרבייגייענדיג צוגעוואָרפן:

— איך האָף, אַז איר וועט נאָך גוט דורכטראַכטן אייערע געדאַנקען וועגן מאַכט.

אַז די געסט זיינען אַוועק האָט לעווי פאַנאַנדערגעעפנט די גרויסע ברייטע פענצטער אין לאָנדאָנער נעפּל. ער האָט שווער געאָטעמט.

איבער׳ן שטילן אויפנאַם־צימער האָט זיך אַ טראָג געטאָן די שטים פון רעגינאַ׳ן:

— הערלאַד, שוין צייט צו מאַכן נאַכט!

דער סטרייק — די מאַסן אויף די גאַסן

אין רעדאַקציע־צימער זיצט בן ציון אָנגעשפּאַרט ביידע עלנבויגנס אין טיש. ער לייענט אַן אַרטיקל וועגן דער אַרבעטער־פראַגע. עס האָט ביי אים געפּלאַצט דער געדולד דעם אַרטיקל דערלייענען ביז׳ן סוף. ער האָט די אויגן אָפּגעריסן פון דער צייטונג און איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. באַלד האָט אַ קלאָרער געדאַנק אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח, אפשר פּרוּוון און אַריינשרייבן אַן ענטפער אין דער רעדאַקציע פון גרויס־קאַפּיטאַל!

אַן איראָנישער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין פּנים. ער האָט געעפנט אַ פענצטער. די זון אויפן פאַרכמאַרעטן הימל האָט זיך געריסן דורך די וואָלקנס. בן־ציון האָט ווידער געעפנט די צייטונג, די אויגן האָבן געקוקט עקשנות׳דיג און קאַלט אויף דעם אַרטיקל. ער שאָקלט מיטן קאָפּ און די ליפּן זיינע פּרעסן זיך שטייף צונויף. ער האָט געלאָזט פאַלן אַ פּאָר זידל־ווערטער:

— אָט לומפּן . . .

אַ פייערל פלאַקערט אויף אין זיינע אויגן. ער צעשפּרייט אַ בויגן פּאַפּיר און נעמט די פּען. אָנשטאָט אַן ענטפער אין רעדאַקציע קומט אַרויס אַ ליד:

„די צייטונגען פאַרבלענדן אייך די אויגן,
די פּרעדיגער פאַרדרייען אייך די קעפּ,
פון ביידע ווערט איר, אַרבעטער, דערצויגן
צו נעמען און ניט אָפּצוגעבן קלעפּ.

די פאַבריקאַנטן לאָזן אייך אַן קרעפּטן,
די האַנדלס־לייט אַן העמדער אויפן לייב,
פון אייער דומהייט מאַכן זיי געשעפטן
און אייער שמאַך איז זייער צייט־פאַרטרייב״.

ער גיט אַ קער דעם קאָפּ און קוקט ווי דורך אַ נעפּל, ער זעט ניט ווי די זון שפּיגלט זיך שוין אין די שויבן פון אָפענעם פענצטער.

:: :: ::

לאַנגע אָנזיניגע שעה׳ען ציען זיך ביי לעווי׳ן אין שאַפּ פון דאַמען־קליידער. אַן אומעטיגער טאָג ציט אויס זיינע פיינלעכע שעה׳ען. יעדע שעה קריכט אַזוי לאַנגווייליג, צעצויגן און עסט זיך איין לעאַן קולאָ׳ן אין די ביינער. ער זיצט, ווי פאַרטשאַדעט און הערט זיך איין אין דעם מאָנאָטאָנעם רויש פון די ניי־מאַשינעס. אַנטקעגן זיצט ראָזענטאַל נידעריג געבויגן. זיינע לאַנגע ביינערדיגע פיס באַוועגן זיך פלינק, יאָגן אימפּעטיג די נאָדל פון דער ניי־מאַשין. צוויי רייען מאַשינען דרייען זיך וויכערדיג, ברומען און רוישן. אינם איינטאָגיגן זשום קוקט אַן אַנדער אַרבעטער אויפן טונקל־בלויען זיידענעם מאַנטל, וואָס ער האָט אין דער אַרבעט געהאַלטן. און פּאָר זיינע אויגן צייכענען זיך קאָנטורן פון אַ גרויער שטוב און אַ פינצטערע קיך אויף ווייטשעפּל אויף סטרענד (אָרעמע קווארטאַלן). ער טוט שאַרף אַ ציטער, פונקט ווי די נאָדל פון דער ניי־מאַשין וואָלט זיינעם אַ פינגער דורכגעשטעפּט, דער טיפער וויטאָג פאַרדריקט זיין האַנט אין אַ פויסט.

ענדלעך לאָזט דער זייגער צו וויסן, אַז דער לאַנגער אַרבעטס־טאָג איז געענדיגט. אין עטלעכע מינוט אַרום שווייגן שוין די מאַשינעס. די אַרבעטער שטייען אויף פון די ערטער און גלייכן אויס די פאַר׳חלש׳טע גלידער.

אויף מאָרגן האָבן זיך צוועלף אַרבעטער פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון בערנער סטריט קלוב. באַטראַכט די פאָדערונגען, וואָס זיי דאַרפן אַרויסשטעלן דעם „חבר״־באַלעבאָס.

לעאָן קולאָ׳ס אויגן האָבן געפינקלט, ווי צוויי גליענדיגע קוילן און זיין בליך פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— מאָרגן וועלן מיר אים איבערגעבן אונזערע פאָדערונגען. אויב ער וועט אָפּזאָגן וועלן מיר דערקלערן אַ סטרייק.

— און דו, ראָזענטאַל, וואָס איז דיין מיינונג? — האָט לעאָן פון דער זייט אַ פרעג געטאָן.

— וואָס׳זשע, איך וועל זיין אַן אויסנאַם?

לעווי האָט צופרידן זיך געפּאָרעט ביי אַ לאַנגער שאַפע מיט גלעזערנע טירן, וואָס איז פול מיט פאַרטיגע קליידער. ער האָט דערביי צוגעבאַמקעט אַ מאָטיוו פון אַן אָפּערע און אין קאָפּ גע׳חשבונ׳ט דעם ריוח, וואָס די קליידער וועלן אַריינברענגען.

צוויי אַרבעטער — ראָזענטאַל און נאָך איינער — זיינען צוגעגאַנגען צו לעווי׳ן.

— גענאָסע־באַלעבאָס, מיר האָבן מיט אייך עפּעס צו שמועסן!

לעווי האָט אויסגעקערעוועט צו זיי דעם קאָפּ.

— מיט מיר?

— יאָ, סער!

לעווי׳ס כמורנער פּנים האָט אויף זיך, ווי אַ מאַסקע, אַרויפגעצויגן אַ מילדקייט, און די ליפּן — אַ פאַלשן שמייכל. ער האָט זיך אַלץ געפּאָרעט ביי דער שאַפע און געפרעגט:

— וועגן אַ וויכטיגן ענין?

— זייער.

— אפשר קאָנען מיר דעם געשפּרעך אָפּלייגן אויף זונטאָג אויפדער־נאכט? ביי א גלאָז טיי וועט זיין בעסער.

— ניין!

לעווי׳ן האָט זיך געדאַכט, אז ראָזענטאַל האָט אים צו שאַרף און שטרענג געענטפערט, האָט ער פאַרזיכטיג פון דער זייט געכאַפּט א קוק אויף אים. דאָס קול זיינס איז געוואָרן לאַקריץ־זיס און ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש.

— רעדט.

— די אַרבעטער האָבן אונז צו אייך געשיקט, — האָט ראָזענטאַל אָנגעהויבן, — אייך איבערגעבן, אז מיר קאָנען ווייטער ניט אַרבעטן אין אַזעלכע באַדינגונגען. מיר פאָדערן העכערן דעם אַרבעטער־לוין אויף צען פּראָצענט.

לעווי האָט אָנגעהויבן שפּרייזן איבער זיין ביוראָ און גע׳טענה׳ט:

— איך קען ניט. ווייסט איר דען ניט, אז איך בין איבערגעבן דער אַרבעטער־זאַך; ליידער, ביי מיינע בעסטע פאַרלאַנגען קען איך אייער פאָדערונג ניט נאָכקומען.

— וועלן מיר מוזן דערקלערן א סטרייק.

לעווי האָט זיך שוין מער ניט געקענט באַהערשן, ער האָט אָנגעשטעלט א פּאָר בייזע אויגן און געהעכערט דאָס קול:

— ביי מיר סטרייקט מען ניט, איר הערט?

— מיר וועלן שוין יאָ סטרייקן, — האָבן זיי אים געמאָלדן און זיינען אוועק.

— א צע׳כעס׳טער האָט לעווי אָנגעהויבן אומלויפן איבער דער ביוראָ אהין און צוריק.

רעגינאַ איז אַריינגעקומען. אויף דער שוועל פון דער האַלב־אָפענער טיר האָט זי די אויגן ברייט צעעפנט און פאַרוואונדערט געקוקט ווי דער מאַן שפּאַנט אַזוי צעטראָגן הין און צוריק.

— וואָס איז געשען?

— ראָזענטאַל איז שולדיג, — האָט ער געברומט מיט רציחה, — איך האָב אָבער געפילט, אז ער וועט מיר מיינע אַרבעטער איבערפירן, דאָס פוי־לישע אידל.

די מאַדאַם האָט ביטער א שמייכל געטאָן:

— נעם זיי אויף אין אויפנאַם־צימער, גיב זיי טיי, חבר זיך מיט דעם בוכהאַלטער, זיי וועלן דיר אָפּדאַנקען.

— אַזאַ שאַנדע, ביי מיר סטרייקן! — וואָס וועט מען זאָגן אין „האָל און סייענס״? אין דער אַנאַרכיסטישער ליגע? ניין, איך טאָר עס ניט דערלאָזן, איך גיי צו דער פּאָליציי...

:: :: ::

דער טאָג פון דער פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטלאָזע איז אויסגעפאַלן ווי די איינבאַרופער האָבן געוואָלט: טונקל, טרויעריג, רעגנדיג. עס האָט גערעגנט אָן כוח, פויל און נודנע, און א נאַסע קעלט האָט דורכגענומען ביז אין די ביינער — א וועטער מיט וועלכער דער לאָנדאָנער האַרבסט מאַכט זיך אַזוי אומאָנגענעם און צייט אויף זיך אָן א בייזן נאָמען.

די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן אויף איינס אַזייגער בייטאָג, אָבער די טירן פון דעם פאַרזאַמלונגס האָל זיינען אויפגעעפנט געוואָרן גאַנץ פרי,

און שטונדן פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג האָט אָנגעהויבן צו קומען אַן אַרבעטלאָזער עולם. דאָס זיינען געווען היימלאָזע, וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט צו קאָנען זיצן אונטער אַ דאַך, אויסצובאַהאַלטן זיך אין דער וואַרעמקייט פֿון דעם דורכנעמענדיגן קאַלטן רעגן און ביז־וואַנען־וואָס צו כאַפּן טאַקע אַ דרעמל. עס זיינען אויך געקומען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַוועקגעראַטעוועט פֿון זייערע היימען, וואו עס איז גאָרניט פֿריילעך געווען, וואו נויט און זאָרג האָבן אַראָפּגעקוקט ווי שימל אויף די ווענט. איז מען אַוועק זוכן אַרבעט אָן אַ האָפֿענונג צו געפֿינען און געקומען אַהער וואָס פֿריער, צו זיצן דאָ ווי אַ לעבעדיגער פּראָטעסט. און נאָך אַנדערע זיינען געקומען אַזוי פֿרי ווי מעגלעך, כדי צו פֿאַרכאַפּן פּלעצער אין די ערשטע רייען, צו זען און צו הערן בעסער די דריי־פֿיר רעדנער — די סאָציאַליסטישע פֿירער א. הינדמאַן, דעם דיכטער וויליאַם מאָריס און דעם אידישן רעדאַקטאָר און אַרבעטער־דיכטער לעאָפּאָלד בענעדיקט, וואָס האָט שוין געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים מאָריס ווינטשעווסקי.

די פֿאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן צו רופֿן אַ מיטינג אויף טראַפֿאַלגער סקווער.

:: :: ::

אַ שיינער טאָג האָט זיך געשטעלט.

איבער׳ן סקווער, פֿון פֿאַרשיידענע זייטן, האָבן אָנגעהויבן פֿליען טויבן, און פֿון יעדער טויב האָט אַ גרויסע, ברייטע רויטע לענטע געפֿלאַטערט. פֿון די רויטע לענטעס האָבן ווייטע ווערטער מיט פּראָטעסט אַראָפּגעשריגן.

זיינען די אַרבעטער געשטאַנען מיט פֿאַרריסענע קעפּ אין דער הויך. זייערע בליקן צו די טויבן געווענדט. די טויבן האָבן צעשפּרייט אַ שמייכל אויף די בלאַסע געזיכטער. זיי האָבן באַוואונדערט דעם איינפֿאַל:

— דאָס הייסט צוגעטראַכט!

— אויך די טויבן זיינען אַריינגעצויגן אין קאַמף . . .

די פּאָליציי איז אומגעלאָפֿן צעטראָגן.

— צעגייט זיך! . . .

— נו כאַפּט זיי! פֿאַרשפּאַרט זיי אין טורמע! — האָבן די אַרבעטער געלאַכט מיט חוזק.

— אַ ביסעלע זאַלץ האָט איר? — האָט אַ אידישער שניידער געזאָגט — שיט זיי אָן אויפ׳ן עק! . . .

פֿון אַלע זייטן טראַפֿאַלגער סקווער האָבן אָנגעהויבן פֿליסן אַרבעטסלאָזע, זיי האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַן אויפֿגעבראַוזטן מענטשן־טייך; רוישיגע מענטשן־כוואַליעס טראָגן זיך, שלאָגן זיך אָן אין דער פֿאַרצוימונג פֿון שונא . . . לענגאַוים ציט זיך אַ געדיכטער צונויפֿגעשלאָסענער צוג פֿון פֿרויען און קינדער; פֿאַר׳חושכ׳טע פֿרויען מיט איינגעדאַרטע פּיצלעך קינדער אויף די הענט האָט די שווערע נויט אויפ׳ן סקווער אַרויסגעטריבן...

זיי זיינען פֿאַרשטעלט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי.

— צעגייט זיך; שטערט ניט די רו!

די פֿרויען האָבן זיך פֿון אָרט ניט גערירט. שטום און פֿאַר׳עקשנ׳ט האָבן זיי געפּרואווט שפּאַנען ווייטער. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן שלאָגן.

זשאַנ׳ען איז פֿון קאָפּ אַראָפּגעפֿאַלן דאָס היטעלע. ערגעץ ליגט עס

צעטראָטן אונטער פּאָליציייאישע פיס. אירע אָנטבלויזטע האָר זיינען צעוואָרפן . . . אין אירע איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך מער אויסגעטיילט די לעכער, און די גוטמוטיקע אויגן האָבן זיך צעפּלאַמט, עס האָט אין די אויגן אַ פלאַקער געטאָן האַפענונג . . .

לעאָן האָט דערפילט צום ערשטן מאָל אַ פעסטקייט אין טראָט, אַ לייכטקייט אין די אברים. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען פאָראויס. אַ פּאָליציאַנט האָט מיט אַ ליידנשאַפטלעכן פאַרגעניגן דאָס הענטל פון רעוואָלווער אַראָפּגעלאָזן אויף לעאָנ׳ס קאָפּ . . . זיין פּנים איז געוואָרן אַשיג־גרוי און די אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען. ער איז אומגעפאַלן, מיט די לעצטע כּוחות האָט ער געשריגן: „ברידער, מאַרשירט! גיט זיך אַ ריר״.

אויף מאָרגן אין דערפרי האָט בן־ציון געלייענט אין דער לאָנדאָנער צייטונג אַ באַשרייבונג ווי די אַרבעטסלאָזע האָבן געבראָכן שויבן און צעשטערט קראָמען, אַז דער פּאַרלאַמענט וועט באַווילינן פאַר די אַרבעטס־לאָזע אַ סומע פון זעכציג טויזנט פונט און גלייכצייטיק וועט מען אָנקלאָגן די סאָציאַליסטישע פירער, וואָס האָבן אויפגעהעצט די מאַסן.

בן־ציון האָט געלייענט די נייעס און דאָס האַרץ איז אין אים געשפּרונגען. אַ לינד ווינטל האָט זיך פון טייך טעמזע אַרויסגעגנב׳עט, זיך אָנגעהויבן טראָגן איבער וואַיטשעפּל, דאָס ווינטל האָט געוויייעט און בן־ציון האָט געזען ווי עס וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ צעפלאַטערטע פאָן . . .

די פאַרברידערטע מענטשהייט, „אידן דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען״

„אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך!״ — מיט ניין־און־צוואַנציק יאָר צוריק האָט דער אַלטער מאַרקס מיט די ווערטער געשלאָסן די גרינדונגס־קאָנפערענץ פונ׳ם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן. איצט גרייט מען זיך צום קאָנגרעס פון „אינטערנאַציאָנאַל״ אין ציריך.

פרידריך ענגעלס וועט דאָרט האַלטן די שלום־רעדע. לאָנדאָן וועט שיקן אַ גרויסע דעלעגאַציע אין שפּיץ פון וועלכער עס וועלן שטיין עלענאָר מאַרקס און איר מאַן דר. עוועלינג, דער דיכטער וויליאַם מאָריס; די אידישע אַרבעטער ־ פאַראיינען דעלעגירן זייער פאָרשטייער — מאָריס ווינטשעווסקי.

פאַר זיין אָפּפאָר האָט בן־ציון אויסגעהאַמערט אַ ריטמיש ליד, וואָס האָט זיך פאַרענדיגט מיט דער סטראָפע:

„איר זייט די טויזנטער!
איין רוף אַ ברויזנדער,
איין קלאַפּ אַ טיכטיגער,
איין קאַמף אַ ריכטיגער
ריכטיג באַדאַכט,
וואַלט די פאָרדאָרבענע,
האַלב אָפּגעשטאָרבענע,
די האַלב צעגלידערטע

מענטשהייט פארברידערט, און
גליקלעך געמאכט".

דער פארטאגיגער ווינט, וואס האט געבלאזן אין דער צעעפנטער טיר פון וואגאן האט אויפגעריסן בן־ציונ'ס מידע אויגן. אין דער באגינענ־דיגער גרויקייט האט אויף איין אויגנבליק זיך דורכגעשלייכט א דרעמלענ־דיגער פאס פון א שווייצארישן טייך. די וואגאן־רעדער, וואס האבן ריטמיש געקלאפט אינ'ם אייזן פון בריק, האבן זיך ביסלעכווייז גענומען בארויגן, זיך געקייקלט פאמעלעך און זיך אפגעשטעלט. בן־ציון האט צוגעקלעפט די אויגן צו דער נאסער שויב. צוליב דער נעץ פון פענצטער האט ער ניט געקענט אפילו איבערלייענען דעם נאמען פון דער סטאנציע. הערנדיג, אבער, אז דער טומל אין דרויסן ווערט שטארקער, האט ער אויסגעווישט מיט'ן ארבל די פארטאגיגע נעץ און האט א קוק געטאן אין דרויסן.

אויפ'ן „באן־האף" לעבן צוג, און טאקע לעבן דעם וואגאן, זיינען געשטאנען יונגע מענטשן, אלע האבן געצויגן די הענט צו א יונג פארל, זיך מיט זיי געזעגנט.

ווען דער צוג האט זיך שוין גערירט איז א פארפלאמטע געקומען צולויפן א יונג מיידל אין א בלוי העמדל. פון איילעניש איז זי שיר ניט אומגעפאלן און האט, נאכלויפנדיג דעם וואגאן, דערלאנגט דער יונגער פרוי א בוקעט מיט פרישע רויזן. די פרוי, וועלכע מען האט פון וואגאן ניט געזען, ווייל זי איז שוין געשטאנען אויף די טרעפ, האט איר ווייזט אויס ווארעם באדאנקט, ווייל מען האט געזען ווי דעם מיידל'ס פנים האט איצט נאכמער אויפגעפלאמט.

דער צוג האט שוין געהאלטן אין פולן גאנג. די פלאטפארמע מיט דער סטאנציע, מיט'ן יונגן מיידל, איז אינגאנצן פארשוואונדן פון אויג. פאר'ן פענצטער האבן זיך א צי געטאן נאקעטע טעלעגראפן־סלופעס מיט פארטאגיגע פייגל אויף די דראטן.

בן ציון איז ארויס אין קארידאר פון וואגאן. ער האט דערזען די יונגע פרוי מיט'ן בוקעט בלומען אין איר האנט. אירע אויגן זיינען געווען טיף און אויפגעוועקט און א בלאנדזשענדיגער שמייכל האט געשוועבט ארום זיי.

— עלענאר, עלענאר מארקס־עוועלינג, האט בן ציונ'ס הארץ א ציטער געטאן. דאס געפינט זי זיך אויך אין וואגאן. ער האט זיך דערנענטערט צו איר.

— קאמעראדין עוועלינג, מארקס?

— געטראפן, — האבן אירע אויגן א פלייץ געטאן מיט ליכטיגקייט, און ווי א מענטש, וואס האט אנגעטראפן אן אלטן באקאנטן, האט זי א כאפ געטאן בן ציונ'ס האנט און זי א דריק געטאן.

— ווינטשעווסקי, פון ווייטשעפל. איר פארט צום קאנגרעס? קומט, קומט אריין צו אונז אין קאמפארטמענט, איך וועל אייך באקענען מיט עוועלינג'ן, מיט די אנדערע דעלעגאטן.

אין קאמפארטמענט האט עלענאר צענומען דעם בוקעט און געגעבן יעדן זיצנדיגן א רויז.

— באקענט זיך, — האט זי אויסגערופן מיט א מעטאלן קול, — ווינ־טשעווסקי, א פארשטייער פון אידישן פראלעטאריאט אין לאנדאן.

די זיצנדיגע האבן מיט גרוים נייגער אנגעשטעלט זייערע בליקן אויפן גאסט.

עוועלינג, אַ מאַן אין די פערציגער, מיט גלאַנציק־שוואַרצע האָר, גלאַט פאַרקעמט איבערן שטערן, און מיט ברעמען וואָס זיינען ווי צוויי דינע סערפּן געלעגן איבער זיינע טונקעלע אויגן, האָט אויפגעהויבן די סערפּן־אַרטיגע ברעמען:

— און וועמען פאַרטרעט איר?

— איך פאַרטרעט אַכט יוניאָנס, אַרום 600 אידישע אַרבעטער, — האָט בן ציון זיך געמאַכט באַקוועם, — צווישן אייך געפינען זיך גוטע סאָציאַליסטן, וואָס קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן אַ אידישן אַרבעטער, — אַ געלעכטער און אַ שפּאַסיגע צושטימונג האָט איבערגעריסן בן ציונ׳ס רייד, — און זיכער, אַז איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער! האָב איך אַ פּראָבלעם.

— אַ פּראָבלעם? — האָט עלענאָר אויפגעהויבן אירע לויטערע אויגן, ווי מיט ריינעם ספּירט אויסגעוואַשן, — דערקלערט די פּראָבלעם, מעגלעך, אַז מיר קענען אים לייזן.

— די צרה איז וואָס אין אונזער גרויסער ענגלישער דעלעגאַציע בין איך פון די עקטרעמסטע ראַדיקאַלן און מען וועט זיכער אַרויסשטעלן אויף די זיצונגען רעדנער פון די מיטלמעסיגע.

עלענאָר האָט אָפּגעשיילט אַ בלעטל פון אַ רויז, פאַרריכט די שאַל אויף אירע אַקסלען, גענומען אַ רויז אין האַנט, אָפּגעשיילט, צעריבן דאָס בלעטל צווישן די פינגער, ווי אַ שטיק פליסנדיק זייד.

— האָט איר דאָ נאָך אַנדערע חברים, וואָס וועלן קאָנען ברייננגען דאָס וואָרט פון אידישע אַרבעטער אויפן קאָנגרעס?

— דערווייל ניט, — האָט ער געענטפערט.

— ס׳איז ניט גוט, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַליין, — האָט מיט אַ ביבלישן לשון געזאָגט אַט־די ווייט ניט ביבלישע יונגפרוי, — איר וועט מיר געבן אייער דייטשע רעדע און איך וועל זי איבערזעצן אין די צוויי שפּראַכן, וואָס איך באַהערש, פראַנצויזיש און ענגליש, — האָט זי שוין גאָר פּראָסט פאַר־ענדיגט, און אַוועקגעוואָרפן די צעדריקטע בלום פון צווישן די פינגער.

— און ווייסט איר גאָר וואָס, עוועלינג וועט אייך אינטערוויואירן פאַרן „דעילי קראָניקל”, וואָס ער פאַרטרעט.

— מיך? — האָט בן ציון געפרעגט פאַרוואונדערט.

— „נעוועך מאַינד” (עס שאַדט ניט), עוועלינג וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן. ניט אַזוי, עוועלינג?

דער צוג האָט זיך אַ הוידע געטאָן אויף צוריק, אַ וואָרף פאָראויס און ווידער זיך פאַרהאַקט אויף צוריק. דער שליידער פון וואַגאָן האָט דער־נעענטערט בן ציונ׳ען צו עוועלינג׳ס ברוסט. עוועלינג האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— אָבער איידער וואָס, דאַרף מען גיין אויסטרינקען אַ קוואָרט ביר!

— ניין, עלענאָר וועט אונז פריער דעקלאַמירן עפּעס פון שעלי׳ס פּאָעזיע?

— בראַוואָ, בראַוואָ, — האָבן עטלעכע שטימען איבערגעשאַלט דעם רעדער־ראַל פון וואַגאָן.

— פאַרוואָס דווקא שעלי? — האָט בן־ציון געפרעגט.

— זאָל זיין געטע.

עלענאָר האָט אַ רייב געטאָן דעם שטערן און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שאַרף, אָבער דין קול:

— דער באַליבטער העלד ביי מיין פאָטער איז געווען פראַמעטעאוס, וואָס האָט צוגע'גנב'עט ביי די געטער דעם פייער און אים געבראַכט די אָרעמע מענטשן, און צעאוס, דער גאָט פון די געטער, האָט אים דערפאַר צוגעשמידט צו אַ פעלז און אַן אָדלער האָט שטענדיג געפּיקט זיין לעבער, ביז וואַנען הערקולעס האָט אים באַפרייט. און צוליב פראַמעטעאוס'ן האָט ער שטאַרק ליב געהאַט שעלי'ן. שעלי שטעלט פאָר פראַמעטעאוס'ן אַ צוגעשמידטן, אין גרויסע ליידן, אָבער פול מיט ליבע און פאַרגעבונג און ווען די פוריען לאַכן אים אין פּנים אַריין, באַדויערט ער זיי.

— איך געדענק, — האָט עוועלינג איבערגעריסן און גענומען דעקלאַמירן „איר מוזט פיל ליידן, אַנדערש וואָלט איר אַזוי שלעכט ניט געווען...״

— ווייטער, עוועלינג!

— אוראו כ'האָב פאַרגעסן.

— אָבער מיר ווילן דאָך הערן עלענאָר'ן.

— דעקלאַמיר דו געטע'ן, ביסט דאָך אַ האַלבע דייטשקע — האָט עוועלינג געזאָגט.

— אַ האַלבע דייטשקע און אַ דריי־פערטל אידישקע — ניט אמת, ווינטשעווסקי.

— וואָר ווי דער טאָג.

— גוט, זאָל זיין געטע.

— פאָרזעצונג פאָלגט. מיר הערן:

פאַרדעק דעם הימל דיינעם צעאוס,
מיט וואָלקנרויך פאַרדעק.
איך דיך עהרן! פאַרוואָס?
האָסטו די שמערצן געלינדערט
פון די צעווייטיגטע!
האָסטו די טרערן געשטילט
פון די צעשראָקענע? — —

:: :: ::

דער צוג בריסעל־ציריך איז געלאָפן אויפ'ן גלאַנציג געשניטענעם רעלסן־ברוין, זיך געריסן מיט צעשוואַרצקייט פון סאַזשע און פונקען רויך, מיט מטושטש'דיגקייט פון די וואַגאָנען אין גרויען טאָג. אָבער דאָס איז אַלץ געווען אין דרויסן, אינעווייניג, אין וואַגאָן, איז געווען טומלדיג און ליכטיג.

די מענער זיינען אוועק אין בופעט טרינקען ביר און עלענאָרא איז געזעסן און געשריבן אַ מעמאָראַנדום אין דריי שפּראַכן פאַר'ן קאָנגרעס, אין וועלכן זי האָט געלאָזט וויסן דעם קאָנגרעס, אַז אמת'ע אידישע אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין אַכט יוניאָנס, האָבן דאָ זייער פאַרטרעטער, גענאָסע מאָרים ווינטשעווסקי — און אַזוי ווייטער און ווייטער . . .

:: :: ::

שבת אינדערפרי איז פאָרגעקומען דער מאַרש פון די דעלעגאַטן אין ציריך. די אַרויסגעקומענע פון דעם קאָנגרעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין שורות, פיר אין אַ שורה.

זיי זיינען דאָ געווען ווייניג, עטלעכע הונדערט. אָבער זיי זיינען אַ סך. זיי זיינען בלויז דער אוואַנגאַרד געווען, שלוחים, דעלעגאַטן, געשיקט פון די אַרבעטער, וואָס ליידן נויט היינט, און די אַרבעטער, וואָס וועלן ליידן נויט מאָרגן, אויב די אָרדענונג וועט זיך ניט ענדערן. זיי דאָ, זיינען געווען די וואַקסנדיגע פאָדערונג, דער אויפשטייגנדיגער פּראָטעסט.

ווינטשעווסקי האָט געזוכט אַן אָרט פאַר זיך אין דער פּראָצעסיע. פון דער נאָענט איז צוגעלאָפן צו אים עלענאָראַ און אים אוועקגעשטעלט לעבן זיך. די אַנדערע צוויי — עדוואַרד עוועלינג און וויל טאָרן.

— זיי זיינען ענגלענדער און מיר אידן — האָט זי געזאָגט — און מיר אידן דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען . . .

ווינטשעווסקי איז געבליבן מיט עלענאָראַ'ן צוזאַמען.

שפּעט אין אָוונט איז ער געזעסן ביי די עוועלינגס אין האָטעל־צימער און אויסגעאַרבעט פּלענער ווי אַזוי ער זאָל דערציילן די אידישע אַרבעטער וועגן איר פאָטער. זי האָט אים צוגעזאָגט געבן מאַטעריאַל וואָס קיינער האָט ניט. אָבער פון די אַלע פּלענער האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך, ניין, אַ ים. ווינטשעווסקי איז אין אַ יאָר שפּעטער שוין געווען אין אַמעריקע.

זעקסטער טייל

דער „ויידע״ אין דער נייער וועלט

ניט צו קלייבן

אין ליווערפולער האפן איז געשטאַנען געאַנקערט די שיף „קאָמפּייניע״. דער האפן איז געווען איבערפולט מיט מענטשן, מיט פריילעכע און אָראָפּ־געלאָזענע פּנים׳ער פון אייגענע, וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען און אַרויסבאַגלייטן די וואָס פאָרן אַפּ אין דער נייער וועלט — קיין אַמעריקע. אַרום האָט געהערשט אַ רויש, געלעכטער און אויסגעשרייען. צווישן דעם אויסגעפּוצטן עולם, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג ים און געקוקט אַרויף דער שיף, האָבן זיך אויסגעמישט מענטשן אין אַרבעטער־קליידער. בלייכע ערנסטע פּנים׳ער זיינען געווענדעט צום דריטן קלאַס.

צווישן די באַגלייטער און באַגלייטערינס טיילט זיך אויס רבקה, בן־ציונ׳ס נייע ווייב, אַ לענגלעך בלאַס פּנים, בלויע אויגן און אַ געדיכטן קאָפּ־האָר. בן־ציון לייגט אַרויף די האַנט אויף איר קאָפּ, גלעט אירע ווייכע האָר, טרייסט זי, אַז באַלד וועט ער זי אַריבערנעמען. נאָכדעם קוקט ער צופרידן אויף די חברים, וואָס זיינען אים געקומען באַגלייטן. ער כאַפּט אויף די וואַרעמע געזעגענונגס־בליקן פון די חברים, מיט וועלכע די געמיינזאַמע אידייאישע אַרבעט האָט אים ענג פאַרבונדן, און אַזאַ טיפע בענקשאַפט נעמט אים אַרום. עס לעבן־אויף אין זיין זכרון די לעצטע ליכטיגע יאָרן זיינע אין — דעם פאַרביסענעם קאַמף אין וואַיטשעפּל, דער געראנגל פאַר די מאַסן אין די גאַסן.

די אַנקערס זיינען אַרויפגעצויגן געוואָרן. דאָס שווימענדיגע הויז האָט לאַנגזאַם זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן פון ברעג.

די שיף האָט זיך אויסגעקערעוועט מיט׳ן שפּיץ פאָראויס, אָנגעהויבן שווימען טיפער אין אָקעאַן אַריין.

נאַכט. כוואַליעס פון פאָרנט און פון הינטן. די שיף אַקערט דעם שוואַרצן בוזעם פון ים. אין ערשטן קלאַס טאַנצן רייכע דאַמען אַ וואַלס, אין דריטן — ליגן די אָרעמע אימיגראַנטן אויף די בעטלעך, איינער אויפ׳ן אַנדערן. אַ מאַמע רייבט מיט עסיג די שלייפן פון אַ קינד. אַ גרופּע אידן זאָגט תהילים.

פרימאָרגן. בן־ציון גייט אַרויף אויפ׳ן דעק. די ים קילקייט בלאָזט פון אַלע פיר זייטן. שווער צו כאַפּן וואו עס איז הימל און וואו ס׳איז ים. אומעטום פינצטערע גרויקייט, בלויז אין מזרח צעשווימט די גרויקייט. זון־פאַרברוינטע מאַטראָסן קומען אַרויף אויפ׳ן דעק און נעמען זיך פּוצן די פאַרענטשעס.

אַזוי שווימען אַפּ די טעג אינאיינעם מיט דער שיף.

ווי אַ סגולה פאַר ים־קראַנקהייט שלאָפט בן־ציון דווקא ווייניגער. מיט׳ן לעשן זיך פון די שטערן איז ער שוין אויפ׳ן דעק, דרייט זיך אַרום צווישן די רעטונגס־שיפלעך.

דער דרייצנטער טאָג. דער דעק איז פול מיט מענטשן. א יונגער ענגלענדער אין א „טוויד"־אַנצוג רעקל ווייזט מיט א פינגער: דאָרט, אויפ'ן קליינעם אינזל די סטאַטוע, די גרעסטע סטאַטוע אויף דער וועלט. א קופערנע, אַן אייזערנע — א גיגאַנטישע פרוי, וואָס איר קאָפּ שטראַלט און אין אירע הענט א פאַקל . . .

די סטאַטוע פון פרייהייט!

איז טאַקע דאָס די אמת'ע וועלט פון פרייהייט?

— אָך, יאָ. די גאָלדענע פרייהייט אַמעריקאַס — הערט זיך א קול פון א בלאָנדן גלאַט־ראַזירטן מאַן, וואָס קלינגט איראָניש.

— און ביי אייער ביסמאַרק'ן איז דאָ מער פרייהייט?

בן־ציון באַטראַכט פון דער ווייטן דעם טרערן־אינזל, וואָס מען רופט „קעסל־גאַרדן".

:: :: ::

אין קעסל־גאַרדן איז געשטאַנען א טומל. פּאַסאַזשירן האָבן געאיילט מיט זייערע פּעק און זעק. כאָטש אין דרויסן איז געווען האַרבסטיג־קיל, איז דאָ אינעווייניג די לופט געהאַנגען א געדיכטע, א צעפּאַרעטע.

אָפּגעוואַרט בן־ציונ'ען האָט א קאָמיטעט פון דער „אַרבעטער צייטונג אַסאָסיעישאַן", וואָס האָט שוין צוגעגרייט אויף קומענדיגער וואָך א קבלת־פּנים פאַר'ן גאַסט.

שמחה בונעם פייגענבוים,*) א פולער מיט א פאַרקנייטשטן שטערן, טרויעריגע אויגן און א שאַרפע קין, האָט גלייך באַמערקט די הויכלעכע פיגור פון בן־ציונ'ען.

— שלום־עליכם, גענאָסע, — האָט ער ציטערדיג אויסגערופן און אים אויסגעשטרעקט זיין בלייבע למדנ'ישע האַנט.

בן־ציון האָט אַרומגעכאַפּט זיין אַלט־באַקאַנטן חבר פון לאָנדאָן.

אויפ'ן וועג אין שטאָט האָט פייגענבוים אים מיטגעטיילט אין א טאָן וואָס האָט געקלונגען מיט בעטן אַנטשולדיגונג:

— אזוי און אזוי, די גענאָסן פּלאַנעווען אַרויסצוגעבן א טעגלעכע צייטונג און אייער קבלת־פּנים וויל מען אויסנוצן צו זאַמלען געלט פאַר דער צייטונג. קיין בעסערע רעקלאַמע דאַרף מען ניט.

— איך, א רעקלאַמע? — האָט בן־ציון געפרעגט — וואָס ווייסט דען דער עולם דאָ פון מיר?

— סטייטש, דער משוגע'נער פילאָזאָף, דער זיידע, טאַקע א זיידע פון ניט מער ווי 38 יאָר, אָבער פאָרט א א זיידע! ס'איז ניט קיין קליינינקייט.

בן־ציון האָט פאַרקלעמט די אויגן, זיך טיפער פאַרטראַכט: הייסט עס, אז מען האָט דאָ געלייענט זיינע פעליעטאָנען, די שמועסן פון זיידן מיט'ן אייניקל — און מען וויל אים אויסנוצן פאַר זאַמלען געלט. ס'איז אפשר יאָ און אפשר ניט קיין עסק.

ער האָט געעפנט די אויגן, געזען ווי דער בלייכער פּנים פון פייגענ־בוים'ען האָט זיך אויסגעצויגן, ווי ער וואַרט אויף זיין ענטפער, האָט ער אַרויפגעלייגט א האַנט אויף זיין פּלייצע און געזאָגט:

---

*) אין אַמעריקע איז ער געווען באַקאַנט אַלס בנימין פייגנבוים.

— איך וועל זיך ניט דינגען, זאָל זיין א קבלת־פּנים, זאָל זיין א ציימונג, אָבער ווייסן זאָלסטו, אַז איך האָב זיך לאַנג אַהער געקליבן צו פאָרן, אָבער בין ניט געפאָרן צו קלייבן . . .

אַ „קוש און אַ שפּיי״

די בענק פון ווינדזאָר־טעאַטער זיינען אינגאַנצן געווען באַזעצט. אַרום די ווענט — קעפּ אויף קעפּ. פון דער בינע, וואו בן־ציון האָט גערעדט, געשפּרייזט הין און צוריק, האָט ער קיין איין־איינציג פּנים ניט געזען. ער איז געוואָרן איינס מיט דער מאַסע. זיין קול, דער פלאַמיגער בליק אין זיינע אויגן, דאָס האַרץ — אַלץ איז געוואַקסן מיט׳ן עולם, וואָס האָט צענומען די ווענט. צום ערשטן — באַגריסונגען, און נאָכדעם זיין רעדע און גרוס פון לאָנדאָן, דערנאָך — רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן, דערנאָך — אַזוי פיל ליכטיגע און גוטמוטיגע און דאַנקבאַרע פּנים׳ער, וואַרעמע הענט.

שורות׳ווייז האָט זיך דער המון געלאָזט צו די אָפענע טירן, וואָס זיינען געווען פון ביידע זייטן זאַל. דער טעאַטער האָט זיך גענומען ביסלעכווייז אויסליידיגן. דאָ און דאָרט זיינען נאָך געבליבן רעדלעך מענטשן, האָבן געקוקט אויף בן־ציונ׳ען מיט דאַנקבאַרע אויגן, אים צוגעוואָרפן ווער אַ יישר־כוח, אַ דאַנק, ווער אַ שמייכל, אַ בליק. דערנאָך איז ער געזעסן מיט נאָענטע מענטשן אין אַ רעסטאָראַן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אריין.

אַרום דריי אַזייגער איז מען זיך צעגאַנגען. די לעצטע זיינען געבליבן בן־ציון מיט זיין נוארקער פריינט יעקב נעמער, וועלכער האָט אים געדאַרפט באַגלייטן ביז׳ן האָטעל.

פון אַ טישל האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווייבל מיט אַ קאָפּ ברוינע האָר, אין אַ מאַנטל מיט אַ פוטערנעם קאָלנער. זי איז צוגעגאַנגען צו בן־ציונ׳ען און אויסגערופן:

— איך בין אַ לאָנדאָנער! — און איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו זאָגן האָט זי זיך אָנגעבויגן און אָפּגעפּרעסט אויף זיין באַק אַ הייסן קוש.

בן־ציון איז געבליבן שטיין, געזוכט פּאַסיגע ווערטער, מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט די פרוי זאָל זיך ניט באַליידיגן, און אַז ער האָט קיין ווערטער ניט געקאָנט צוקלייבן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אויב אַזוי?

— אויב אַזוי איז וואָס? — האָבן אירע אויגן פול מיט חידוש געקוקט אויף אים.

אויב אַזוי — האָט ער זיך צעשמייכלט, — בין איך טאַקע אַ זיידע.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן איבער זיין חבר און געזאָגט:

— קומט, נעמער. פון דעם וואָס איך האָב ווייניג הנאה געהאַט איז אַ סימן, אַז איך בין שוין גענוג אַלט, ס׳שאַדט ניט, איר מעגט מיך רופן זיידע . . .

:: :: ::

די אידישע געגנטן פון פילאַדעלפיע, באָסטאָן, פון נואַרק, פון באַלטימאָר זיינען פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן גרויסע אַפּישן: „אַ קבלת־פּנים פאַר׳ן ׳זיידן׳ פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג; דער ׳משוגע׳נער פילאָסאָף׳ וועט האַלטן זיין ערשטן פאָרטראָג!״

דער אויסערגעוויינלעכער ענטוזיאַזם מיט וועלכן די אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטער־מאַסן אינ׳ם איבערגעפּאַקטן גרויסן ווינדזאָר־טעאַטער האָבן באַגעגנט דעם יונגן „זיידן״ האָט באַוואויגן די „אַסאָסיעישאָן״ איינצואָרדענען ענלעכע קבלת־פּנים׳ס אין די שטעט און ער איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג.

קיין באַלטימאָר איז בן־ציון געקומען אין דער באַגלייטונג פון פייגענבוים׳ען. געקומען אין זאַל האָבן זיי אויסגעפונען, אַז דער עולם וואַרט שוין דאָרט צוויי שעה.

פייגענבוים האָט גערעדט דער ערשטער. דער טרויער אויף זיין טונקעלן פּנים האָט גענומען אויסרינען פון אייגענער באַגייסטערונג, און ווען בן־ציון האָט זיך אויפגעשטעלט רעדן האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן פון באַהאַלטענער פרייד.

בן־ציון האָט גענומען פאָרלייענען אויף אויסווייניג פון זיינע פעליעטאָנ׳ען. ער האָט אָנגעוואָרפן איין בילד נאָכ׳ן צווייטן, אַריינגע־פלאָכטן געשיכטע, די טויזנט־יאָריגע קנעכטשאַפט, דעם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף.

הונדערט פּאָר אויגן האָבן זיך געצונדן, געטריפט מיט דאַנקבאַרקייט. פּלוצלונג איז אין זאַל געוואָרן אַ טומל. פון דער פערטער באַנק האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבן אַ פרוי. זי האָט עפּעס אויסגעשריגן, אויסגעשפּיגן עפּעס ווי גיפט, און איז אַרויס פון זאַל. וואָס זי האָט געזאָגט האָט קיינער ניט געהערט.

ערשט נאָך דער רעדע, ווען דער עולם האָט זיך געהויבן פון די בענק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס ווייבל האָט נעכטן געלייענט דעם פלוג־בלאַט, וואָס די געגנאָסן האָבן אַרויסגעלאָזט, אין וועלכן זיי האָבן געריסמט דעם דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דעם „משוגע׳נעם פילאָסאָף״. דאָס ווייבל האָט אויסגעגעבן אירע אָפּגעשפּאָרטע פופצן סענט און געקומען אויף טשיקאַוועס הערן ווי אַ משוגע׳נער רעדט.

— „זשוליקעס, בלאָפערס!״ — האָט זי ביים אַרויסגאַנג געשריגן, — גיט מיר צוריק אָפּ דאָס געלט, אַ משוגע׳נער! אויך מיר אַ משוגע׳נער! ער רעדט דאָך קלאָרער ווי אַלע מענטשן! . . .

יעקב גאָרדין

דער דערפאָלג פון בן־ציונ׳ס קבלת־פּנים האָט גורם געווען, אַז ער זאָל גלייך באַרימט ווערן ניט בלויז ווי אַ לעקטאָר און דיכטער, נאָר אויך ווי אַ . . . זינגער.

פון לאָנדאָן האָט בן־ציון מיטגעבראַכט מיט זיך זיין איבערזעצונג פון איבסענ׳ס „נאָראַ״, אָדער „די ליאַלקעס־היים״. באַלד נאָך דער אויפ־

נאָמע אין ווינדזאָר טעאַטער איז צו בן־ציון'ען געקומען יעקב אַדלער און אָפּגעקויפט ביי אים די איבערזעצונג פאַר'ן טעאַטער.

— איך בעט אייך — האָט אַדלער געזאָגט — אונז דערלויבן מאַכן געוויסע ענדערונגען אין דער פּיעסע.

— ענדערונגען, די דראַמע איז דאָך איבסענ'ס? — האָט אים בן־ציון באַטראַכט מיט אַ נייגעריגן בליק.

— אָבער מיר מוזן האָבן אַ פּיעסע וואָס זאָל רירן, שטאַרק רירן. דאָס פּובליקום זאָל זיך גוט אויסוויינען דערביי, באַזונדערס אונזערע רומענישע לאַנדסלייט. ביי זיי איז וואָס מער טרערן אַלץ גרעסער דער דערפאָלג.

און איידער בן־ציון האָט נאָך געקענט זאָגן אַ וואָרט האָט אַדלער גערעדט ווייטער.

— אַזאַ גרויסן שרייבער ווי אייך דאַרף איך ניט זאָגן, אַז דאָס וויכטיגסטע איז אַ ליטעראַרישע פּיעסע, אָבער איידער מיר גיבן דעם פּובליקום אַזאַ ערנסטן שטאָף, מוזט איר האַלטן אַ לעקציע וועגן איבסענ'ען בכלל.

— גוט, איך וועל זען — האָט בן־ציון אים געפּרואווט אָפּשלאָגן. — אָבער אַדלער האָט ניט אָפּגעלאָזן.

— איר קענט שפּילן די פּיעסע אויב גאָרדין וועט זי איבערקוקן.

— איר קענט גאָרדינ'ען?

— איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט. קיין בעסערן דראַמאַטורג קען איך זיך ניט פאָרשטעלן.

בן־ציון האָט זיך געלאָזט איינרעדן און אָנגענומען צו האַלטן די לעקציע.

צו דער לעקציע וועגן איבסענ'ען אין אַדלער'ס טעאַטער איז געקומען אַ גרויסער עולם.

אין מיטן דער לעקציע, וועלנדיג באַווייזן, אַז איבסענ'ס פּיעסע קען ניט פאַרגליכן ווערן מיט די מאָדערנע, האָט בן־ציון געזאָגט, אַז די נייע פּיעסן קוקן אויס נעגן איבסענ'ס ווי דאָס ענגלישע לידל „דעיזי, דעיזי" אַנטקעגן בעטהאָווענ'ס אַ סימפאָניע.

— קענט איר דאָס לידל? — האָט ער אויסגערופן — און האָט עס אויסגעזונגען אויפ'ן קול.

אַרויסגייענדיג פון טעאַטער האָבן בן־ציון און גאָרדין געהערט ווי איין איד, וועלכער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז דער גרעסטער טעאַטער־מבין, זאָגט צו זיינעם אַ שכן:

— אַי האָט ווינטשעווסקי היינט גע'דרשנ'ט, איבערהויפּט זיין אויס־זינגען דאָס לידל „דעיזי"!

— איך וועל שוין פון מיינע דראַמעס קיין געלט ניט מאַכן — האָט בן־ציון אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף גאָרדינ'ען. — איך בין גאָר אַ זינגער, ווייזט אויס, אַז אין אַמעריקע ווערט מען אַ טאַלאַנט איינס־צוויי־דריי . . .

:: :: ::

די פאָרשטעלונג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. אַרום טויזנט צושויער זיינען געווען אין טעאַטער. זיי זיינען ניט מיד געוואָרן פון אַפּלאָדירן די אַקטיאָרן און דעם דראַמאַטורג. אָבער קיין דראַמאַטורג איז ניט געווען.

— אויטאָר! מיר ווילן דעם אויטאָר! זאָל ער אַרויפקומען אויף דער בינע! — האָט דער עולם געפּאַטשט.

בן־ציון און גאָרדין זיינען געשטאַנען הינטער די קוליסן. דער פאַר־וואַלטער האָט זיי ביידע געוואָלט אַרויפפירן, אָבער ביידע האָבן זיך ניט געלאָזט.

— די דראַמע איז איבסענ׳ס, כאָטש אַלע אַפּלאָדיסמענטן קומען גאָרדינ׳ען, — האָט בן־ציון געזאָגט, און געקוקט מיט ליבשאַפט אויף גאָרדינ׳ען.

שפּעט ביינאַכט נאָך דער אויפפירונג האָט זיך בן־ציונ׳ען ניט געשלאָפן. פאַר זיינע אויגן האָט אַלץ געשוועבט די שלאַנקע פיגור פון יעקב גאָרדינ׳ען, און דער טרויער אין זיינע אויגן וואָס ער קען זיינע גרויסע פּלענער וועגן אַן אמת־קינסטלערישן אידישן טעאַטער ניט פאַרווירקלעכן. עס מוז דאָך זיין איינער, וואָס זאָל גאָרדינ׳ען געבן מוט, קוראַזש. לאַנג האָט ער זיך געדרייט אויף זיין געלעגער און ניט געקענט איינשלאָפן ביז ער האָט באַשלאָסן מאָרגן אינדערפרי זיך טרעפן מיט גאָרדינ׳ען און אים זאָגן:

— יעקב, איר זענט דער אמת׳ער פּיאָנער פון בעסערן אידישן טעאַטער. מיט אייערע דראַמען און פּיעסן וועט איר לערנען דאָס פאָלק בעסער צו פאַרשטיין די וועלט. איר וועט אַראָפּנעמען די חרפה פון שונד. דאַרפט איר שרייבן. דאָס איז אייער באַרוף.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און אָנגעשריבן זיין ערשטע טעאַטער־רעצענזיע, וועגן דעם קינסטלער־דראַמאַ־טורג יעקב גאָרדין.

:: :: ::

אין אַ הויז אויף טשערי סטריט

אַרום איינס נאָכמיטאָג האָט זיך בן־ציון געלאָזט גיין אויף טשערי סטריט צו זיין קאָלעגע, דעם מינסקער דיכטער און רעוואָלוציאָנער אברהם ליעסין, וואָס איז מיט אַ האַלב יאָר צוריק אָנגעקומען אין נייעם לאַנד.

די זון האָט געבאַקן, געגליט, געטריקנט אין דעם „איסט־ריווער", און אַלץ אַרום האָט געשמעקט מיט אָפּפאַל און זומער־חלשות.

טשערי סטריט. פיר שטאָקיגע מויערן, גרויע, פאַר׳מרה־שחורה׳טע, זיינען צוגעקלעמט איינער צום צווייטן, לאָזן בלויז צו די זון פון אַ שמאָלן דורכגאַנג־ליכל. דאָ האָבן געוואוינט שאַפּ־אַרבעטער „סינגל"־לייט און אַזעלכע, וועמענס משפחות זיינען נאָך געווען אין דער אַלטער היים. דאָ האָבן אויך געוואוינט אָרעמע שמאַטע־הענדלער, פרויען, אלמנות וואָס זיינען געשטאַנען הינטער׳ן „עלעוועיטעד" מיט שיך־בענדלעך, מיט טאַשמעס, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן געטאָן הויז־אַרבעט, אָנגעזייפט שטיקער וועש און זיי אָפּגעשווענקט אין איסט־ריווער, אַלץ כדי צו האָבן אויף דירה־געלט.

פון איין שטיינערנעם הויף שלאָגט מיט אַ טוכלער קילקייט און שפּאַרט אין די אָפענע פענצטער פון ערשטן און פון צווייטן שטאָק.

בן־ציון איז אַריין אין פינצטערן קאָרידאָר און זיך געלאָזט אויפן

דריטן שטאָק. די הילצערנע טרעפּ, געבויגענע, האָבן געקרעכצט. בן־ציון האָט ניט דרייסט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ליעסין, אַ קורצוואוקסיגער מיט פעסט־געבויטן קערפּער, בלאָנדע האָר און בלויע לעבעדיגע אויגן, האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ שמאָל אייזערן בעטל.

— הם... ווינטשעווסקי... ברוך הבא... איך וואַרט שוין אויף אייך. זיצט, — האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַסיגן פּלאַץ פאַרן גאַסט.

בן־ציונ׳ס אויגן בלאָנדזשען אינם אַרום. ער באַמערקט באַלד: אַרום בעטל אויפן דיל ליגן אָנגעוואָרפן ביכער און זשורנאַלן — איבער־געקערטע, צעשויבערטע... קענטיג, דער דיכטער וואַרפט זיי אָן קופּעסווייז אויף דער ערד.

אויף איין שטול, וואו בן־ציון דאַרף זיך זעצן, ליגן צעקנייטשטע מלבושים. דאָס איז זיין איינציגער בעסערער אָנצוג. ער טוט אים בלויז אָן שבת און זונטאָג, — טראַכט בן־ציון. זיינע אויגן בלאָנדזשען ווייטער אַ ביסל, און ווידער שטעלן זיי זיך אָפּ. אויפן פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין שמאָלן ליקל, ליגט אָנגעהויפט אַ היפּשע קופּע פּאַפּירלעך — גרעסערע, קלענערע. דוכט זיך, אַלע פאַרשריבענע מיט גרויסע אותיות. הייסט עס, עס איז ניט אמת, וואָס מען זאָגט, אַז ליעסין איז פויל. ער שרייבט ווייניג. ער שרייבט דאָך יאָ. אַ סך! יאָ, איך האָב שוין וועגן דעם געטראַכט: דאָס איז אַ בילבול... ניט צוליב דעם טאָקע האָט ער עס מיך איינגעלאַדן צו זיך?...

— נו, — שמייכלט בן־ציון — איך זע דאָך, אַז ביי אייך איז אַ שפע, ברוך השם, — און ווייזט אים אָן מיט אַ וואונק אויף דער קופּע אָנגעהויפטע פּאַפּירן אויפן פענצטער.

— אָ, דאָס... דאָס איז גאָרניט... דאָס זיינען לידער, וואָס איך וועל מסתמא ניט דרוקן... אַ מין צו־להכעיס־שרייבן...

בן־ציון קוקט אים אָן: — צו־להכעיס־אַרבעט? וואָס שייך?

ליעסינ׳ס פּנים באַפאַרבט זיך מיט אַ ניט־שיינעם פאַראַכטנדיגן שמייכל:

— איר פאַרשטייט, אין „אַבענד־בלאַט״... קאָן מען אַזעלכע לידער ניט דרוקן. דאָ איז ניט רוסלאַנד, ביי די גענאָסן בין איך בכלל פאַר־רעכנט ווי אַ צו־להכעים׳ניק... צו אינטעליגענט שרייב איך, טענה׳ן זיי, די עס־על־פּי־רעוואָלוציאָנערן פון דע־ליאָנ׳ס חדר... דערצו זאָגן זיי, אַז מיין טעמאַטיק איז צו כלל־ישראל׳דיג. אָבער וואָס רעד איך צו אייך אַזוי־פיל וועגן זיך... איך וויל דאָך הערן פון אייך...

— ניין, אדרבה... רעדט — גיט בן־ציון אויף אים אַ שטראַל מיט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצפלאַמיגע אויגן, — איך וויל הערן.

ליעסין ווערט ביי זיך זיכערער, ווי באַלד בן־ציון איז גערן אויס־הערן, איז, — פאַרשטייט איר, — פאַרקנייטשט ער מיט אַ ביטערן שמייכל זיין אונטערשטע־דיקע ליפּ, וועלכע איז ביי אים, ווי בן־ציון באַמערקט, אַ סך מער פאַרביטערט איידער די אויבערשטע. — איך קוק דאָ אויף דער אָרעמקייט פון טשערי סטריט און טראַכט: „וואָס דרייט ער אַ קאָפּ, דער פּראָפעסאָר מיט דער לייבן־שטים?״.

— דע־ליאָנ׳ען מיינט איר? — רייסט אים בן־ציון איבער.

— יאָ, טאָקע אים מיין איך. ער טענה׳ט: אינדוסטריעלער יוניאָ־ניזם, אָרגאַניזירן די אַרבעטער ווי אַ קלאַס, ווי אַן איינהייטלעכע אַרמיי...

דער קאַמף פון איין אינדוסטריעלן ענין איז דער קאַמף פון דער גאַנצער אַרמיי, פון דעם גאַנצן אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, און ווען די טרעיד־יוניאָן גיט זיך אָפּ בלויז מיט די טעגלעכע נויטן פון אירע מיט־גלידער, באַשטרעבט דער אינדוסטריעלער יוניאָניזם די אָפּשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַל. גלויבן זיי טאַקע, אַז מען קאָן אַריינקלאַפּן אַזעלכע געדאַנקען אין די קעפּ פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער? און איך זאָג אייך, אַז דער אַרבעטער פון „סוועט־שאַפּ" איז נאָך דערוויל רוי־ערד. רוי־ערד וואָס דאַרף נאָך באַאַרבעט ווערן, וואָס דע ליאָן מיט זיין דונערדיגער שטים וועט אַזוי שנעל ניט אויפריסן.

דער קונדס־שמייכל אויף ליעסינ'ס דיקע ליפּן איז אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו בן־ציונ'ען און האָט אים אָנגענומען פאַרטרויליך פאַרן לאַץ.

— איך טראַכט, אַז מען דאַרף צום ערשטן דערוועקן דעם המון, זיי אויפקלערן, זיי אויסבילדן און טאַקע אויף אידיש, אין דעם מחיה'דיגן אידיש אונזערן... ניט ווי די גנאָסן אונזערע, וואָס קוקן אויף די אידיש־רעדנדיגע ווי אויף „בעזגראַמאָטנע סוואָלאָטשעס"... שאַפן, ברודערל, דערלאַנגען דעם אידישן אַרבעטער אין זיין שפּראַך און דער עיקר פון אונזער אַלטן קוואַל... — האָט ער אויפגעהויבן אַ ווייז־פינגער, — און איר זענט דער, וואָס קענט עס טאָן.

— איך מיין, אַז איר טרייבט איבער, ווען איר לייגט אויף מיר אַרויף אַזאַ מיסיע, — האָט בן־ציון דערפילט אַ טיפע באַדערפעניש צו רעדן צו זיין אינגערן חבר, און ס'איז אין אים אויפגעקוואָלן אַ טיפער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו ליעסינ'ען, וואָס ער איז אַזוי אָפּנהאַרציג־חבר'יש. — איר טרייבט איבער...

— איר זענט דאָך געווען דער ערשטער וועקער הינטער די לאָדן, אין דער פּולער פינצטערניש פון לאַנדאָנער געטאָ, צווישן די פאַרשלאָפענע קרבנות פון ערגסטן סוועטינג־סיסטעם. פאַרוואָס קענט איר עס ניט ווערן דאָ? — האָבן ליעסינ'ס אויגן זיך צונויפגעזשמורעט אין אַ שמאָליגן שפּעלטעלע, און מיט דעם שמאָליגן שפּעלטערע האָט ער אים דורכגענומען דורך און דורך.

— איך האָב מיט מיינע פערזן בלויז געוועקט צו סליחות. דאָ, האָב איך מורא, קאָן איך קיין וועקער אויך ניט זיין. מען רופט דאָך מיך שוין „זיידע" — האָט אַ שפּאָטישער שמייכל אויפגעגלימצערט אין בן־ציונ'ס אויגן.

— אייער רוף איז דערהערט געוואָרן. מען שטייט שוין אויף צו סליחות אין ווילנע, אין מינסק, אין סמאָרגאָן. איר קענט דאָ אויך וועקן, מונטערן.

בן־ציון האָט געזען, ווי ליעסינ'ס שווערלעכער קערפּער האָט זיך איצט ווינציג באַוועגט, נאָר די נאָז־לעפּלעך האָבן ביי אים קוים באַמערקלעך געציטערט. ער האָט דערפילט, ווי עפּעס דערנעענטערט זיי, מעקט אָפּ אַ שטח צווישן זיי.

אַ ווילע איז געוואָרן שטיל. באַלד האָט בן־ציון אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיינע פּלענער דאָ אין לאַנד. ער טראַכט, אַז מען וועט מוזן פאַרשטאַרקן די אָפּאָזיציע צו דע־ליאָנ'ען, וועגן עפּענען אַ וואָכנבלאַט אין באָסטאָן, וועגן ווידער נעמען אַ בעזים אין האַנט און געבן אַ קער... בן־

ציון איז באַלד אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעגלייכט און אַ גלאַנץ געטאָן אויף ליעסינ'ען טראַציג מיט זיינע שאַרפע חלף־אויגן, פונקט ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט דאָ געהאַט געאַמפּערט זיך מיט אים און ניט געוואָלט אים נאָכגעבן.

— ניין, ברודערקע, עס וועט אונז גאָרניט העלפן! אַמעריקע איז שוין אויף שטענדיג אונזער לאַנד!... מיין לאַנד, אייער לאַנד... און מיר מוזן עס פאַרט ליב האָבן.

— אָט וועגן דעם רעדט מען דאָך — האָט ליעסין געענטפערט מיט פרייד, צוליב דעם, וואָס זיין עלטערער חבר האָט ענדלעך דערזען פאַר זיך קלאָר זיין אויפגאַבע. — אָט פאַרצווייפאָרן ווינטער, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען די „סטאַטוע פון פרייהייט”. עס איז געווען אַ גאָלדענער ווינטער־טאָג, און רויזלעכע שטיקער אייז זיינען געדיכט אַרומגעשוואומען אינם גרינלעך־בלויען וואַסער פונם אויסגוס. איך האָב זיך אויף קיין קאַטאָוועס געוואָלט פאַנאַנדערוויינען...

— אַמעריקע איז אַ וואונדערלעך אומגעווייינלעך לאַנד... און ווי די לאַגע אַרום זאָל דאָ ניט זיין פויל, זומפּיג. כ'ווייס ניט... איך וועל וועגן דעם איצט ניט ריידן... איינס אָבער ווייס איך אויף געוויס: עס האָט זעלטענע מעגלעכקייטן פאַרן אַרבעטנדיגן מענטשן...

זיי זיינען אַזוי געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט.

— ס'איז שוין ניט פרי, — האָט זיך בן־ציון דערמאָנט, אַז ער דאַרף גיין, כדי ניט צו פאַרשפּעטיגן דעם לעצטן טראַמוואַי אויף איסט־בראָדוועי. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס אויף דער גאַס.

די נאַכט, אַן איבערגעדעקטע מיט ווייך־שוואַרצן הימל, איז געווען שטיל. בן־ציון האָט זיך דערפילט איינזאַם אין דער דאָזיגער נאַכט אויף טשעררי סטריט, נאָר אין דער איינזאַמקייט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַ גרויסער און שטרענגער קראַפט. אַ שטריך פון הארבן באַדענקען האָט זיך באַוויזן איבער זיין פּנים. ער, דער יונגער „זיידע”, איז ווי אַריינגעטראָטן אין אַ נייעם ערנסטן עלטער.

באָסטאָן — דער „אמת”

ערשטער מאַי, 1895. באָסטאָן.

באָסטאָן איז דאָס הארץ פון ניי־ענגלאַנד. ניט ווייט איז דער גרינער פעלד פון אַרלינגטאָן, וואו דער ערשטער היסטאָרישער שאָס האָט זיך דערהערט, דער שאָס, וואָס האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס האָט געשאַפן די ערשטע רעפּובליק. ווי ווייט איז פון באָסטאָן צו יענער בריק, וואו די געציילטע אַמעריקאַנער פאַרמער האָבן צום ערשטן מאָל באַזיגט די בריטישע סאָלדאַטן?

באָסטאָן. אַרום און אַרום געשיכטע און ווידער אַמאָל געשיכטע. עמערסאָן, הענרי דעיוויד טהאָרא, ווענדל פיליפּס, פּראָדוקטן פון אַ פאַרגאַנגענהייט וואָס טאָר ניט אָפּגעזונדערט און אָפּגעשניטן ווערן פון דער נייער אַמעריקע.

מען זאָגט ניי־ענגלאַנד איז צו קולטור־געזעטיגט כדי צו שאַפן די נייע

אמעריקע. מעגלעך, אז זי מוז טאקע צוריקטרעטן, פּאַרוויאַנען, כדי אַ נייער, פרישער וואלד זאָל זיך דאָ קאָנען צעבליען.

קאַטאַן מאַטהערס, פּוריטאַנער, אמת־זוכער, לאָנגפעלאָו, — איצט דאַרפן קומען נייע. די געשיכטע וועט צוריק ניט אָפּטרעטן. אויב יאָ, איז כדי זיך אָנגעמען מיט כוח און מאַכן אַ נייעם שפּרונג.

:: :: ::

אויפדערנאַכט. דער לאָקאַל פון אידישן ארבעטער פאַראיין אויף קופּער סטריט איז באַלויכטן. די העלע שיין רייסט זיך דורך די גרויסע פענצטער און פלעקט דעם טונקעלן דרויסן. דורכגייער פאַררייסן די קעפּ צום ווינקלדיגן צוויי־שטאָקיקן מויער און קוועטשן פאַרוואונדערט מיט די אַקסלען:

— נאַ דיר אין אַ מיטן דער וואָך!

נאָר די ארבעטער, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם לאָקאַל, האָבן אַלע בענק־לעך באַזעצט, ווייסן, אַז ניט אויף אַ יום־טוב זיינען זיי געקומען. זיי זיינען געקומען גרינדן אַן אייגן וואָכנבלאַט, דער „אמת", וואָס זאָל וואַגן זיך שטעלן געגן הערשער, קריטיקירן פּירער, משפּט'ן . . .

דער לאָקאַל איז געפּאַקט, איבערפולט. בן ציון האַלט די פּראָגראַם־רעדע. פּלוצלינג האָט זיך זיין שטים איבערגעריסן. עמיצער האָט אים דערלאַנגט אַ צעטעלע. אַ פּאָר שטילע רגע'ס האָבן זיך געצויגן. ווען בן ציון האָט אָנגעהויבן פאַרזעצן זיין רעדע, איז זיין טאָן געווען אַ טרויעריגער. זיינע ווערטער האָבן זיך מיט ווייטאָג איינגעשניטן אין די קערפּערס פון די צוהערער.

— היינט אינדערפרי האָט אַ שוואַרצע כמאַרע פאַרצויגן דעם ארבע־טער־האָריזאָנט. דער צווילינגס־ברודער פון דעם גרויסן גרינדער פון אונזער לערע, דורך וועלכער איך און דו פאַרוואַנדלען זיך אין „מיר", דער גרויסער ענגעלס איז היינט געשטאָרבן . . .

מיטאַמאָל האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ שטילער גערויש. אַלע זיינען אויפגעשטאַנען פון די ערטער, און געבליבן שטיין מיט געבויגענע, אַנט־בלויזטע קעפּ. בלויז אַ צוויי־דריי זיינען געבליבן זיצן. — די „פרייע", די אַנאַרכיסטן, — האָט עמיצער אריינגערוימט אין רעדנער'ס אויער.

נאָך דער רעדע איז צו בן־ציון'ען צוגעגאַנגען אַ נידעריג, דיק מענטשל, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן, אָפּגעטראָגענעם אַנצוג, האָט זיך אַביסל איינגעהאָר־בעט און געפרעגט:

— ענגעלס איז דאָ אין לאָקאַל?

אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ רעדל ארום בן־ציון'ען האָבן זיך צעשמייכלט. בן־ציון האָט אַ ביסל פאַר'חידושט באַטראַכט דאָס מענטשל און האָט געענטפערט:

— יאָ, ענגעלס איז דאָ אין לאָקאַל...

— אויף וועלכער שפּראַך וועט ענגעלס רעדן?

פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן בן־ציון'ס אויגן געוואָרפן אַ פייערדיגן בליק:

— ענגעלס רעדט אויף אַלע שפּראַכן... ענגעלס'ן פאַרשטייען אַלע ארבעטער פון גאָר דער וועלט... ער רעדט אויך אויף אידיש...

גליענדיגע טעג אין דער רעדאַקציע פון „אמת". אין ברען פון אַרבעט ווערן מעת־לעת'ן איינגעשרומפן און פאַרשווינדן אומבאַמערקט.

בן־ציון גרייט צו די צייטונג. ער עסט און שלאָפט ווייניג, דערנערט זיך מיט באָסטאָנער „בעיקר בינם", וואָס דערמאָנען אים ווילנער טשאָלנט... יעדע נאַכט כאַפט ער אַ דרימל און ווי נאָר זיין קערפער דערפילט עפעס רו, וואַכט ער אויף. ער כאַפט זיך צום שרייב־טיש און גרייט צו די מאַטעריאַלן.

און אַט איז שוין דאָס בלאַט פאַרטיג, מען דאַרף בלויז אָנשרייבן אַ מאָטאָ. בעסער אַ ליד, אין גראַמען. ער נעמט דעם קאָרעקטור־בויגן, וואַרפט אָן קליינע שורות, לייענט זי איבער איינמאָל, נאָכאַמאָל און זיינע אויגן שיינען אויף.

„דער אמת גייט, דער אמת קומט,
דער אמת איז שוין דאָ!"
די מאַסקע שווייגט, דער שקר שטומט,
די שונד ליטעראַטור נור ברומט:
„דאָס איז אַ בייזע שעה!"

דאַן וועט דער לעזער פון זשאַרגאָן
ניט עסן מער קיין שטריי,
און ביכלעך וועלן בלייבן אָן
אַ קנעלונג, נור דורך אַ סעקציאָן
פון סמך אלף פעי" *)

דער „אמת" האָט שוין אַ ריי מיטאַרבעטער־פּובליציסטן: בנימין פייגענבוים, יעקב גאָרדין, וועלכער שרייבט אויך סקיצן, עס פעלן נאָך מיטאַרבעטער. מען דאַרף זיך באַמיען זיי אַריינציען.

אין אַ רעגנדיגן טאָג באַגלייט בן־ציון צו דער „פעריי" זיין אינגערן קאָלעגע, דעם דערציילער לעאָן קאָברין.

דער דראָבנער רעגן, אַ קאַלטער, האָט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג ניט אויפגעהערט, איז געהאַנגען איבערן האַפן ווי אַ נעפּל. פלעמלעך האָבן פון מאָל צו מאָל אַרויסגעטוקט פונם נעפּל, באַלויכטן די שמאָלע פאַרענטשעס פון דער האַפן־סטאַנציע.

פון בן־ציונ'ס דורכגעריבענעם און אויסגעבויגענעם קאַפעליוש־ראַנד האָט זיך געגאָסן וואַסער ווי פון אַ רינע אויף זיינע אַקסלען, אויף זיינע עלנבויגנס. איבער די פיס, וואָס זיינען געזעסן אין די צעפּאָרענע שיך, האָט זיך געהויבן אַ פייכטקייט. די נעץ האָט זיך איינגעזאַפּט אין די פיס, ווי אין לעש־פּאַפּיר.

דער יונגער און בלאָנדער קאָברין איז אָנגעקומען.

— גאָר אָן אַ שירעם, זיידע?

— איך האָב פיינט שירעמס, וועכטער און באַשיצער, — שמייכלט בן־ציון.

— און ווי געפעלט אייך דער נייער נומער „אמת"? אַ פּרי, האַ? — פרעגט בן־ציון, און קאָברין הערט ווי די שיך פייפן ביי אים פון דער נעץ.

— און די שיך, זיידע, ניט פאַרריכט, אי אי, — קרימט זיך קאָברין.

---

*) עס על פי — דע לעאָניס סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי — דער ציל־ברעט פון זיידנ'ס קריטיק.

— איך הער דעם רעגן און די שיך ווי אין טראָק, — זאָגט בן־ציון שאַרף, און קאָברינ׳ען ווערט וואָרים פֿון זײַנע ווערטער.

— ווי זײַנען די שכירות אין דער רעדאַקציע, זיידע?

— איך באַקום הונגער שכירות און די איבעריקע מיטאַרבעטער וועלן באַקומען הונגער אָן שכירות, — האָט בן־ציון אָנגעכאַפּט קאָברינ׳ען פֿאַר די אַקסלען און איז מיט אים אַרויף אויף דער „פּערי״.

אַ כּל נדרי נאַכט אויף דער איסט סאַיד

די האַרבסטיגע בוימער אין דזשעקסאָן פּאַרק זײַנען געשטאַנען ווי אינדיאַנער אין פֿאַרביגע קליידער, אין די גראָזן־האַרבסטיגע ווערעם. די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם פֿאַרגיין. אין די פֿאַרשיידענע שולן פֿון די לאַנדס־לײַט, „אַנשי מאַריאַמפּאָל״, „אַנשי קאַלוואַריע״, האָבן שוין געפֿלעמלט די יום־כּפּור ליכט. אַ נײַ אַריבערגעקומענער לאַנדסמאַן, מיט אַ באַוואַקסענעם פּנים רעדט צו זײַן שכן:

— ווער איז דער אין צילינדער, ניט וועלוול דעם פֿערד־גנבֿ׳ס זון?

— יאָ, ער איז אונדזער פּרעזידענט. דאָ איז ניט „יוראָפּ״, גרינער.

— אָבער ער איז דאָך אַ וויסטער עם הארץ, — האָט זיך דער גרינער אַריבערגעבויגן איבער זײַן שכן, — ווען זײַן פֿאָטער האָט געדאַוונט, פֿלעגט ער אָנשטאָט מבֿרך השנים (געבענטשטע יאָרן) זאָגן „הנשים״ (ווײַבער) און ער איז שוין געווען אַ למדן...

— דאָ אין אַמעריקע, יאָלד אײנער, העלפֿט ניט קיין יחוס, און אונדזער „פּרעזידענט״ פֿאַרמאָגט קופּער. זײַן שאַפּ איז אַ גאָלד גרוב...

אין הימל באַווײַזן זיך שטערן. אידן מיט מחזורים אין די הענט שפּרײַזן אין שול. דער גרינער גיט אַ שפּײַ: „טפֿוי זאָל עס ווערן, אַמעריקע, פּרומ־קײַט, אַ פּרעזידענט, אַ בראָך צו אײַך מיט אײַער אַמעריקע, איך גיי בעסער אויף דעלענסי סטריט, אין אַרבעטער־קלוב״.

דער אַרבעטער־קלוב אויף דעלענסי און עלדרידזש: אַ לאַנגער שמאָלער זאַל, אָנגעפּילט מיט יונגעלײַט, מיידלעך פֿון שאַפּ. עס הערשט דאָ אַ געמיש פֿון פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן. דער גרינער כאַפּט אויף אַזעלכע פֿרעמדע ווערטער ווי „סלעק״, „גענגסטעריי״. אַ בעקער־יונג מיט סימנים פֿון טייג אונטער די נעגל, רעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט, פֿאַרבײַט דעם שין אויפֿן סאַמעך.

— אירט געהערט, דזאָו דעם אָפּערעיטאָר האָט געטראָפֿן אַן אומגליק?

— ווענדט ער זיך צו אַ מיידל אין אַ אויספּעהאַפּטענער בלוזקע, וואָס איז פֿאַרטיפֿט אין אַ בראָשור.

— אַן אומגליק?

— די סיף האָט אים נעכטן געבראַכט ס׳ווײַב מיט די קינדער.

געלעכטער. אַלע קוקן זיך אום אויפֿן מיידל, וואָס מישט מיט די פֿינגער די בראָשור.

דער פֿאָרזיצער, מיט אַ קוטשמע שוואַרצע האָר אויפֿן קאָפּ, רופֿט אויס:

— גענאָסן, איך האָב די גרויסע ערע פֿאָרצושטעלן פֿאַר אײַך דעם לעקטאָר פֿון אָוונט, אונדזער ליבן זיידן, דעם רעדאַקטאָר פֿון באָסטאָנער „אמת״.

דער עולם אַפּלאָדירט מיט באַגײַסטערונג.

בן־ציון שטעלט זיך אויף אין זײַן גאַנצער הויך. זײַן אײדל פּנים

זיינע האָר — גאָרניט ווי ביי אַ זיידן, שוואַרצע ווי פּעך — די דיקלעכע וואָנצעס אַראָפּגעלאָזן און דאָס גלאַט־ראַזירטע פּנים גלאַנצט.

די לעצטע הוסטן. שטיל.

— שוועסטער און ברידער! — בויגט ער אָן אַביסל דעם קאָפּ, — מענטשן פון האַרעוואַניע, פון פּראַצע. זיי זאָגן אויף אונז, מיר זיינען צעשטערער, פאַרדאַרבער. מען טאָר אין אונזערע דאַלעד־אַמות ניט שטיין. ווער זיינען עס די באַשולדיגער אונזערע?

— חברים, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער אָנהענגער פון די פּרומאַקעס אויף יענער זייט ים, אָבער איך האָב געהאַט פאַר זיי גרויס רעספּעקט. איך געדענק אונזער קאָוונער רב, ר' יצחק אלחנן, דאָס איז דאָך געווען אַ איד אַ צדיק, געהאַט בלויז ליבע פאַרן באַלמעלאָכע. אָבער די היגע פּרומאַקעס, זייערע ראַבינער און זייערע „פּרעזידענטן", וואָס פּילן איצט אָן די טעמפּלען און די בתי־מדרשים — וואָס טוען זיי דען אַ גאַנץ יאָר? איר ווייסט, אַז זיי געהערן צו די „נטורי קרתא", זיי זיינען די בעסטע קאָרטן־שפּילער... יאָ, היינט זיצן זיי, די אָלרייטניקעס, ביי דער מזרח־וואַנט און קוקן אין די מחזורים, ווי אַ האָן אין בני אָדם . . . אָבער אַ גאַנץ יאָר נעמען זיי אַרויס אין זייערע שעפּער דעם מאַרך פון די ביינער פון דעם אַרבעטער . . .

בן־ציון גיט אַ זופּ פון גלאָז וואַסער. אין זאַל איז אַ חמימה. אייניגע שפּיליען פאַנאַנדער זייערע העמדער, אַנדערע מאַכן לויזער די קראַוואַטן און אַלע קוקן אויף אים מיט אָפענע מיילער. יאָ, ער, דער זיידע, ער מאָלט זייער עלנט, ער פלאַנצט איין האָפענונג אין זייערע הערצער, רופט זיי פאַנאַנדער־וויקלען די פאָנען, מאַרשירן אין קאַמף געגן האַבון און פאַראַזיט...

בן־ציונ׳ס ברעמען לאָזן זיך אַראָפּ. ער פאַרזשמורעט זיינע אויגן, אַזוי איז ער זיך נוהג איידער ער גייט זאָגן אַ ווערטל, וואָס וועט אַרויסרופן אַ געלעכטער.

— און איצט, גענאָסן, וועל איך פאַר אייך פאַרלייענען אַ פּאַראָדיע אויפן מחזור, וואָס איך האָב געשריבן פאַרן „אמת", — ער וואַרפט אַ בליק אַהער, אַהין, און הויבט אָן מיט אַ ימים־נוראים׳דיגן ניגון:

„אוכלי אביונים יאמרו בקול: הכסף ימלוך, גבורי גנבים ירעשו בקול: הכסף ימלוך, ואולם תופשי תורת אמת אומרים: הכסף לא ימלוך לעולם ועד".

(די פרעסער פון די אָרעמע לייט זאָגן אויף אַ קול: דאָס געלט וועט הערשן, די העלדן פון די גנבים ליאַרעמען אויף אַ קול: דאָס געלט וועט הערשן. אָבער די וואָס באַנעמען די תורה פון „אמת" זאָגן: דאָס געלט וועט אייביג ניט קיניגן!).

זיין קול ווערט העכער. עס קלינגט אָפּ אין דושנעם זאַל, — יאָ, גענאָסן, דער אמת׳ער יום הדין, דער יום הרת־עולם דערנעענטערט זיך, „שטייט אויף איר אַרבעטער. דאָס וועט זיין דער לעצטער" — — —

דער זאַל דונערט פון די דונערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן.

„דער משוגענער פילאָסאָף" און דער „שיכורער פאָעט"

אין דעם קליינעם רעסטאָראַן אויף לודלאָו סטריט, ביי אַ קיילעכדיגן טישל, וואו עס איז געשטאַנען אַ פלאַש ווייַן, זייַנען זיי ביידע געזעסן.

דער פּאָעט, אַ דיקלעכער מיט לאַנגע לאָקן. דאָס בלייכע פּנים גלאַט, אין די אויגן אַ צינישׂ שמייכעלע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל, וואָס איז געווען אָפּגעשפּיליעט און באַוויזן, אַז אונטער דעם מאַנטל איז קיין רעקל ניטאָ און אַז ער טראָגט אַ שמוציק העמד.

ביי דעם צווייטן — דאָס פּנים פריש, די טונקעלע האָר פאַרוואָרפן אין אַ ווינקל פון שטערן און די לויטערע אויגן האָבן געוואָרפן אַ וואַרעמען בליק.

דער פּאָעט גיט אַ זופּ פון דער גלאָז און זאָגט:

— אָנגעשריבן אַ ניי ליד, עס אָוועקגעטראָגן, געמיינט, אַז איך וועל באַקומען אַ פּאָר דאָלאַר...

ווינטשעווסקי דערפילט זיך לעבן דיכטער ניט פרייִלעך, גלייך ווי ער וואָלט געווען שולדיג, וואָס די ציוניסטן ווילן ניט צאָלן דעם העברעאישן פּאָעט פאַר זייַן פּאָעזיע. ער פרעגט מיט אַ טאָן פון מיטלייד:

— און די סובסידיע גיבן זיי אייך, די נגידים? איר דאַרפט מאָנען, אימבער*), אַ דיכטער פון אייער שניט.

אין די האַלב־פאַרנעפּלטע אויגן פון פּאָעט באַווייזט זיך אַ רויכל און די דיקע ליפּן בייזערן זיך:

— אַז וואָס ווייסן זיי פון דיכטונג, פון העברעאיש, די עמי־הארצים? זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין זאַנגוויל'ס וואָרט און רופן מיך „דער קעניג פון די שנאָרער". דאָס גאַנצע לעבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, ציון, קאָלאָניעס און „אונזער האָפנונג", און אויף דער עלטער דאַרף איך לעבן פון קצבה... איך האָב זיי אין דר'ערד, זיי מיינען, אַז איך ווייס ניט, אַז זיי לעבן פון אידישע צרות, אַז ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט די מזומנים פון די „יאַהודים" וואָלטן זיי געדאַרפט זיצן אין די שעפּער און נייען קליידלעך.

דער פּאָעט איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיך אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז און איבערגעקערט. דאָס גלאַטע פּנים איז ביי אים רויט געוואָרן, זייַנע אַש־ברעמיגע אויגן האָבן באַטאַפּט ווינטשעווסקי'ן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבער־ציַיגן אויף וועמעס זייט ער איז און באַלד צוגעגעבן:

— היינט האָבן זיי אַ פאַרזאַמלונג אויף איסט־בראָדוועי. זיי וועלן מסתמא דאָרט זינגען מיין „התקוה". איך מוז צוגיין.

— איך וועל דאָרט אויך זייַן, אימבער, — זאָגט ווינטשעווסקי און הויבט זיך אויף. איידער ער גייט אַוועק רוקט ער אימבער'ן אַריין אין דער האַנט דריי דאָלאַר.

— דאָס איז פאַר'ן צוגעזאָגטן ליד וועגן גרשוני'ן, און פאַרגעסט ניט, שיקט עס צו.

ער גייט אַרויס. אימבער באַגלייט אים מיט וואַקלדיגע טריט. זייַנע פאַרטרונקענע אויגן זייַנען איצט שמעלער. ער גיט אַ מאַך מיט דער

---

*) נפתלי הירש אימבער — מחבר פון „התקוה".

לינקער האַנט און מיט דער רעכטער טוט ער אַ פיר איבער זיינע גערדיכטע לאָקן, וואָס הענגען ביי אים איבער'ן האַלז...

:: :: ::

דער זאַל פון ציוניסטישן פאַראיין אויף 192 איסט בראָדוועי איז געווען איבערגעפּאַקט. די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ האָט צום ערשטן מאָל געזען אַזויפיל מענטשן פון „יאהודים" ביז „עמך", שער און אייזן.

פון דער טיר איז געפאַלן אַ שיין אויף די צוויי אריינקומענדיגע.

אַ טייל עולם האָט אויסגעדרייט די קעפּ.

— אָט איז ער, „דער קעניג פון די שנאָרערס". אַן אמת'ער שיכור, קאָן קוים שטיין אויף די פיס.

— און אָט איז דער „זיידע" פון די סאָציאַליסטן, דער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט".

— משיח'ס צייטן, כ'לעבן. וואָס וועלן זאָגן די בונדיסטן?

דער פּרעזידיום אויף דער בינע האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט. דערנאָך האָט מיט אַ רעש זיך אויפגעשטעלט דער עולם, געוואוסט, אַז איצט קומט די „התקוה". עטלעכע הייזעריגע שטימען האָבן אָנגעהויבן און אַלע האָבן אויפגעכאַפּט:

— „עוד לא אבדה" — — —

און שפּעטער, אַז די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיגט און דער עולם האָט זיך געלאָזן פון די טירן איז ווינטשעווסקי נאָך אַלץ געבליבן זיצן מיט פאַר־מאַכטע אויגן אויף זיין אָרט. ער האָט געטראַכט וועגן זיין פריינט, דעם עלנטן פּאָעט, דעם פאַרפאַסער פון „התקוה", וואָס דאַרף לעבן פון קצבה, פון באָרגן אַ דרייערל דאָ־דאָרט.

ווינטשעווסקי איז אַרויס אינ'ם אָוונט וואָס האָט פאַרוועבט אין טונקלקייט דעם דורכגאַנג מיט די פאַרדרייטע הינטער־טרעפּ. עמיצער האָט זיך וואַקלדיג געשאַרט צו דער צוגעמאַכטער טיר. ווינטשעווסקי איז צו אים צוגעגאַנגען, געהערט ווי ער ברומט עפּעס:

— איך האָב זיי אין דר'ערד. איך גיי חתונה האָבן מיט דער שיקסע פון סעינט לואיס, זאָלן זיי פּראַווען אַסיפות אָן מיר . . .

— אימבער, טייערער, הארציגער, גייט שלאָפן, ס'איז שפּעט, — האָט אים ווינטשעווסקי אָנגענומען ביים אָרעם און אים אונטערגעפירט . . .

:: :: ::

יענעם אָוונט איז ווינטשעווסקי געגאַנגען שפּעט שלאָפן. ער האָט געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם דיכטער נפתלי הערץ אימבער פאַר זיין „צוקונפט".

„. . . ער איז אַ מאָדערנער דיאָגענעס, וואָס שטאָלצירט מיט די לעבער אין זיין מאַנטל און מיט אַ לאַנטערנע זוכט ער דעם מענטשן . . . ער טראָגט קאָלטענעס אויפ'ן קאָפּ, אַ קאָרע שמוץ אויף דעם אומגעוואַשענעם פּנים, ער פאַרשפּרייט דעם גערוך פון טאַבאַק, שנאַפּס און ביליגע האָטעלן. באַרוישטע געדאַנקען אין אַ באַרוישטן מוח . . . ער דרוקט ליבע לידער צו דער מאַמע ציון און צו אַ יונג מיידל אין סעינט לואיס, רעדט מיט גאָט

אום שבת מיט א סיגארעט אין מויל . . . ער איז אָבער, ועל כולם — איבער אַלץ, א פרייער מענטש, א זעלבסטשטענדיגער גייסט, א מענטש מיט א רוקן, וואָס לאָזט אויף זיך קיינעם ניט טרעטן... „דער קעניג פון די שנאָרערס", האָט אים גערופן זאנגוויל, דער געטאָ־עקספּלאָרער, וואָס קוקט מיט א פאַרריסענעם קאָפּ אויף דער אָרעמקייט און זעט ניט דורך א שמוציג העמד דאָס לויטערע הארץ . . . מען דאַרף אָבער זיין א משוגע'נער פילאָסאָף כדי צו פאַרשטיין א שיכור'ן דיכטער . . . — —"

דער לאָקאָמאָטיוו־הייצער און דער ברען־מאַטעריאַל

דאָרט, אין אינדיאַנאַ, וואו צווישן קליינע וועלדער, גרינע בערגלעך און פלאַכע טאָלן; דאָרט אין יענעם טאָל, וואָס איז דערווייטערט א הונדערט און פופציג מייל פון שיקאַגאָ, ליגט די שטאָט טערעהאוט.

דאָרט אין יענעם ווינקל, וואו עס פאַרדרייען זיך און עס וויקלען זיך אויף א ריי אייזנבאַן־ליניעס — דאָרט איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דעם קליינעם דזשין . . .

דאָרט וואו ס'פליסט שטיל דער וואַבאַש טייך, וואָס שלענגלט זיך צווישן די אינדיאַנער וועלדלעך און טאָלן ביז ער פאַראייניגט זיך מיט'ן מיסיסיפּי, וואָס פאַלט אַריין אין מעקסיקאַנער גאָלף — פון דאָרט האָט זיך געטראָגן די טיף־גראָבנדיגע ענערגיע און די ברייט־פאַרצווייגטע ווירקונגס־קראַפט, יענער שטיל גראָבנדיגער און ברייט־שטייגנדיגער גייסט פון דעם לאָקאָמאָטיוו־הייצער, וואָס איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען יודזשין וויקטאָר דעבס.

„דאָס לאַנד, — אַן ערב־רב, א מישמאַש פון אַלערליי פעלקער און ראַסן, מיט אַלערליי לשונות, ווי אַמאָל דער דור־הפלגה. מייסטנס נאָך ניט אַקלימאַטיזירטע מענטשן, וואָס ווערן דאָ צעטומלט, שיכור — נאָר אַן ווייַן, און אָפט זיינען זיי שלאָפערס און נאַכט־וואַנדלערס, אפילו ביי דער אַרבעט, בעת זייער קערפּער רירט זיך, די פיס רעגן זיך, די הענט שאַפן און דער מוח דרעמלט.

„נאַכט. ניט קוקנדיג אויף דער פינצטערניש, אויף דער פייכטער, קאַלטער לופט, אויף די געפּאַרן אַרום; אָן שרעק פאַר דער אייגענער שוואַכקייט און פאַר דער מאַכט פון די רויב־חיות, האָבן זיך צונויפגענומען א הייפעלע מענטשן און אָרגאַניזירט א צוג. גענומען גיין איבער'ן לאַנד וועקן די פאַרשלאָפענע און אָנזאָגן די בשורה פון טאָג, וואָס וועט געבוירן דאָס ליכט, ליבע און לופט און לעבן פאַר אַלעמען און אַרויפנעמען אויף זייער צוג יעדן, וואָס האָט אויפגעוואַכט און וויל אַנדערע וועקן.

„און די נאַכט האָט געלאַכט. לעכערלעך קליין האָט דער צוג אויסגעזען; זייער ווייניג קוילן האָט ער געהאַט און דער לאָקאָמאָטיוו־טרייבער איז געווען אַן אויסלענדישער מאַשיניסט מיט א פאַר'חלומ'טן קאָפּ אויף זיך, מיט אויסלענדישע שפּאַקולן אויף די אויגן. און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אונטערטראָגן פייער.

„פון סטאַנציע צו סטאַנציע פלעגט דאָ צוקומען אַ וואַגאָן מיט עטלעכע נייע פּאַסאַזשירן. דער קול פון די וועקערס צו די פאַרשלאָפענע פלעגט פאַרהילכט ווערן אין דעם ווינט. האָט זיך עמיצער ערגעץ־וואו אָפּגערופן, איז עס אָפט געווען דער אָפּקלאַנג פונ׳ם אייגענעם קול, און ברען־מאַטעריאַל האָט געפעלט און שטאַרקע מוסקולירטע הענט צו שפּייזן דעם פייער.

„דער צוג איז געווען קליין, זיין פאָרשריט לאַנגזאַם, אַז מען האָט אים כמעט ניט באַמערקט.

„און די לאַנגע נאַכט האָט זיך געקייכט פאַר געלעכטער.

„מיטאַמאָל איז אויף איין סטאַנציע אויפגעשטיגן אַ מאַן, אַן אומבאַמערקטער פון דער מאַסע.

„זיינע הענט — פּראָלעטאַרישע הענט. זיין קול — איידל און פיין־קולטיווירט און זיין האַרץ האָט זיך געפילט אין יעדן טאָן פון זיין שטים, אין יעדער האַנט־באַוועג.

„דער מאַן האָט געזאָגט: ברידער מיר גייען אויפ׳ן גראַדן וועג, כאָטש מיר פּראָגרעסירן לאַנגזאַם. אונזער מאַשיניסט, אמת טאָקע ניט קיין הי־געבוירענער, איז אפשר אַ ביסל אַלטמאָדיש פאַר אַ לאַנד, וואו רויבער שטעלן אָפּ אַ באַן צוליב גירינגקייט און בהמות — צוליב דומהייט, אָבער דעם לאָקאָמאָטיוו פאַרשטייט ער. יעדע שרייפעלע איז אים באַקאַנט.

„מיר אַליין ווייסן אונזער ציל און עס זעט זיך ניט קיין געפאַר, אַז דער צוג זאָל חלילה אַראָפּ פון די רעלסן.

„אַלץ וואָס איז נויטיג איז פאַרשנעלערן זיין גאַנג. וואַגאָנעם וועלן שוין צוקומען, קוילן וועלן זיך שוין געפינען און דער צוג וועט זיך פאַרגרעסערן אויף יעדער סטאַנציע — —

„אַזוי האָט גערעדט דער נייער פּאַסאַזשיר.

„עמיצער האָט זיך אָפּגערופן:

— „דו זאָגסט, אַ צוג־פירער, אַ מאַשיניסט האָבן מיר. אָבער מיר דאַרפן דאָך צו אים האָבן איינעם, וואָס זאָל כסדר אונטערשטופּן ברען־מאַטעריאַל, זאָל כסדר אָנהאַלטן און אויפהאַלטן דאָס פייער מיט פלאַמען, ווער וועט זיין אונזער הייצער?

„— איך, אויב איר ווילט — האָט דער פּאַסאַזשיר שטיל און באַשיידן געענטפערט. דאָס איז דאָך מיין פאַך. איך בין אַ לאָקאָמאָטיוו־הייצער.

„און ער איז אַרויף אויפ׳ן לאָקאָמאָטיוו.

„פון דעמאָלט אָן גייט דער צוג דורך דער נאַכט. ער ווערט גרעסער, לענגער, פולער און לעבעדיגער.

„די וועקער וואַקסן אין צאָל. ביי זיי אַלע שטייגט דער מוט, וואַקסט די האָפענונג, ווערט פאַרשטאַרקט די זיכערקייט פון דעם העלן, קלאָרן טאָג, וואָס מוז קומען.

„עס בייטן זיך די צוג־פירער, עס קומען און גייען קאָנדוקטאָרן, אָבער געליבט פון אַלעמען שטייט דער הייצער אויף זיין פּאָסטן, און לעבט אויף די פלאַמען, צינדט, לויכט אויף.

„ווער די וועג־ווייזער זאָלן ניט זיין, דאָס ברען־מאַטעריאַל קומט פון — יודזשין וויקטאָר דעבס". — —

בן־ציון איז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געזעסן אַ געבויגענער איבער זיין שרייב־טיש. ער האָט מיט אַ דינעם דראָבנעם כתב באַשריבן אַ צוואַנציג

זייטלעך פּאַפּיר און זיך אַ הויב געטאָן פון טיש. פון דעם באַשריבענעם פּאַפּיר וועגן יודזשין וויקטאָר דעבס האָט זיך צו אים אַ צי געטאָן וואַרימקייט, ווי פון אַ אייגן געבוירן קינד. די ליידיגקייט אַרום האַרץ האָט געהאַלטן אין אײנלויפן. ער האָט פאַרזיכטיג אַוועקגעלייגט די באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

אין זיין מוח האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס בילד פון לאָקאָמאָטיוו־הייצער און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שטאָט ברענט ווי אַ פיבער־חלום, ווי אַ וואַלד־שריפה, ווי די וועלט פונ׳ם גריך היראַקליט, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אין גרונט פון אַלץ ליגט פייער.

ס׳האָט אים אַ צי געטאָן אין קאַלטן ווינטערדיגן דרויסן.

אויף דער גאַס האָט בן־ציון אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין מאַנטל. דער פראָסט האָט געברענט, אַזוי געברענט, אַז די אויגן זיינען אים פאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן. אַלטע צייטונגס־בלעטער האָבן זיך געדרייט אין אַ געווירבל. אויפ׳ן הימל האָבן געיאָגט וואָלקנס, ווינטן האָבן נאָכאַנאַנד געאַקערט דעם הימל, דעם דרויסן, דעם צוגעפרוירענעם אַספאַלט.

ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון איסט בראָדוועי אין דער רעדאַקציע אַריין.

אייביגקייט

אין אַ רעסטאָראַן אויף דעלענסי סטריט בלאַנקט תמיד אַלץ פון ווייסקייט. עס בלאַנקען די ווענט, עס בלאַנקען די מירמלנע, ניט באַדעקטע טישלעך און עס בלאַנקען מיט פרישער ציכטיגקייט די ווייסע פריש־אויס־געוועלגערטע פאַרטוכלעך און קאָפּ־טוכן אויף די קעפּ פון די קעלנערקעס. אין דעם דאָזיגן ווייס־בלאַנקענדיגן רעסטאָראַן שטייט פונדעסטוועגן אַ גאַנצן טאָג אַ טומל. מענטשן גייען אַהער אַריין און אַרויס.

ס׳איז געדיכט ניט נאָר ביי די טישן, נאָר אפילו אין די דורכגאַנגען. אומעטום צווישן די טישן טאַפּטשען מענטשן אומגעדולדיג אויף איין אָרט; זיי וואַרטן שיר ניט מיט שנאה אין זייער בליק ביז עמיצער ביי אַ טיש וועט ענדלעך אויפשטיין, ביז אַ פּלאַץ וועט אָפּגערוימט ווערן.

בלויז אין אָוונט, ווען דער בייטאָגיגער עולם איז שוין דאָ ניטאָ, איז עס אַנדערש. אין יענער צווישן־צייט איז גוט אַהער אַריינצוקומען.

דער סאָרט מענטש, וואָס קומט אַהער אַריין אין בין־השמשות איז אַן עלנטער מענטש, אַ ביסל אַ פאַרלוירענער אין דער גרויסשטאָט, אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין היים וואוהין צו גיין, אָדער אַזאַ וואָס האָט יאָ אַ היים נאָר וויל בעסער זיצן דאָ . . .

אַזאַ מענטש קען שוין דאָ אָפּזיצן שעה׳ן. ער איילט זיך שוין ניט ביים עסן. קיינער יאָגט אים ניט. קיינער וואַרט ניט איצט אויף זיין אָרט.

אין אַזאַ צייט האָט בן־ציון אויך ליב צו פאַרקלייבן זיך און דאָ אָפּזיצן שעה׳ען. אָפט טרעפט ער זיך דאָ מיט חברים שרייבער, דיכטער, טוער אין דער באַוועגונג, און עס טרעפט אָפט, אַז ער בלייבט דאָ זיצן אַליין ביי אַ טעפּל קאַווע... ער קוקט זיך אום, באַמערקט אַ צווייטן מענטשן ביים זעלביגן טיש, אָדער ביים נאָענטן טישל, באַטראַכט ער מיט אַ נייגעריגן

וואַרעמען בליק. איצט איז געווען אין דער קאַפעטעריע, ליכטיג, ווייס און וואַרעמלעך... אין דרויסן בלאָזט אַ נאַסער ים־ווינט און דאָ איז געמיטלעך, כאָטש זיין געמיט איז ניט הייטער. יאָ, טראַכט ער: היינט, מאָרגן און ער וועט מוזן פאַרלאָזן די רעדאַקציע און זוכן ווידער אַ קנעלונג, אַ שטעלע ביי בוכהאַלטעריי. פון זינט ער האָט מיט אים, מיט זיין רעדאַקטאָר געהאַט אַן איבעררייד וועגן זשורנאַל „די צוקונפט” איז ער אים אינגאַנצן נמאס געוואָרן. דער אַלמעכטיגער רעדאַקטאָר זיינער האָט געוואָרפן אויף אים אַ גוואַלדיגן אומחן. ער ווייסט, אַז ער וועט אים שוין רודפ'ן, פאַרביטערן דאָס לעבן, ענג מאַכן זיינע טריט אין דער רעדאַקציע.

אָבער דאָס מערקווירדיגסטע איז וואָס דווקא בעת יענער כעס'ט זיך, וואַרפט זיך, שרייט „וואָס דולט איר אַ ספּאָדיק מיט קולטור־שמולטור, אַז אידיש האָט דאָ ניט קיין צוקונפט... זאָל נאָר די אימיגראַציע זיך אָפּשטעלן”... דווקא דעמאָלט, רעדט ער צו אים מעשה־רעדאַקטאָר ער זאָל שרייבן ווי אַמאָל אין לאָנדאָן...

אַז סך הכל איז ער אים נמאס, דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרראַטן זיין יוגנט־אידייע, און וואָס טוט ער דאָרטן, בן ציון, מאָריס ווינטשעווסקי? פאַר וועמען האָט ער געשריבן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, אַכט שעה, אויפגעלעבט אַזויפיל גוטע אידיש־ווערטער. פאַר וועמען? פאַר דעם וואָס האַנדלט מיט אַלץ און שאַכערט מיט אַלץ, מיט סאָציאַליזם, מיט ליטעראַטור?

אַ וויטאָג פאַר זיך, פאַר זיין אַרבעט, מיט וועלכע דער פירער פון די געגאַסן וואַרפט זיך, פאַר זיין אייגן לשון, האָט בן ציונ'ען אַרומגענומען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז היינט אָפּגעשטאַנען שעהנ'וויין אינם קליינעם און אָרעמען העססטער פאַרק, אַנטקעגן דער רעדאַקציע און ניט געפּועל'ט ביי זיך אַרויפצוגיין און אים געבן אַן אַלטימאַטום: אָדער ער דרוקט דעם אַרטיקל, אָדער ער פאַרלאָזט אינגאַנצן...

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שווינדזיכטיגן איינזאַמען ביימעלע אין פּאַרק, און מיט איין האַנט אָנגערירט די קאַלטע מעטאַלענע גראַטע, וואָס רינגלט אַרום אַ פייכט ערדן־ערטל, וואו עס דאַרף וואַקסן עפּעס אַ געוויקס, נאָר עס וואַקסט דאָרטן קיינמאָל גאָרניט. לאַנג איז ער דאָרט געשטאַנען, ביז עס האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ נאָענט דער רויש פון דאָס דרעלעווען פון אַן עקבער אין אַן אונטערערדישן פעלז, דאָס צישן פון אַ לאָמפּ, וואָס האָט פאַנאַנדערגעגליט טראַמוואַי־רעלסן... ערשט דעמאָלט האָט ער אָפּגעריסן די אויגן פון דער קעגנאיבערדיגער רעדאַקציע, און איז אַרויף אויף דער טראַמוואַי, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט.

בן ציון איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט אַרויסגיין. לעבן דער טיר האָט ער באַגעגנט זיין יונגן חבר, דעם רעדאַקטאָר פון „אידישן קעמפער” אין פילאַדעלפיע, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון לאָנדאָן.

— וואוהין, חבר ווינטשעווסקי? — האָט ער אים באַגעגנט, — מיר וועלן נעמען אַ קאַווע צוזאַמען?

בן ציון האָט געוואָלט האָבן אַ מענטשנ'ס נאָענטקייט אַרום זיך, האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען נאָכגיין דעם יונגן רעדאַקטאָר. ביי אַ קאַלטן מאַרמערנעם טישל האָבן זיי זיך צוגעזעצט. בן ציון האָט געקוקט אויף אַ האַלב־אויסגעליידיגטן געשליפענעם וואַסער־גלאָז, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, אין וועלכן עס האָט זיך געשפּיגלט דאָס קאַלטע ליכט פון עלעקטרישן לאָמפּ.

א קעלנערין האָט דערלאַנגט דעם פילאַדעלפיער רעדאַקטאָר א פיר־קאַנטיק שטיקל קעז־קוכן. בן ציון האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער וויל גאָרניט און אַז די קעלנערין איז אַוועק האָט זיך דער יונגער רעדאַקטאָר אָנגערופן אויף זיין ליטווישן אידיש:

— איך בין אייך סולדיג א יאַסער כח פאַר אייער אַרטיקל. א ליד אין פּראָזע, חבר ווינצעװסקי!

— וועגן לאַקאָמאָטיוו־הייצער?

— איך האָב זיך ניט פאַרגעסטעלט, אַז ער איז אַזאַ אָדם גדול (גרויסער מענטש), — האָט דער פילאַדעלפיער פאַרענדיגט.

— איר ווייסט, מרמר, איך רעכן אַוועקצוגיין פון דער רעדאַקציע.

— פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג אַוועק? — האָט זיך מרמר אָנגעבויגן.

— יאָ, סאָציאַליזם, ראַדיקאַליזם, אַז בסך הכל זיצן דאָרט מענטשן וואָס טראָגן א שטיק אַלטע וועלט אין זיך.

— מילא, מען דאַרף ניט פאַרצווייפלען. ס'איז דאָך קנאת סופרים, — האָט קלמן מרמר גערעדט אין דער שטיל. — איר שרייבט דאָך פאַר אייביג־קייט. אַזאַ אַרטיקל איז באמת וויכטיגער ווי צייטונגס־אַרבעט. דאָס איז די אייביגקייט.

— די אייביגקייט? ווער ווייסט? — האָט זיך בן ציון פאַרטראַכט, און זיין אָנגעכמורעט פּנים האָט אָנגענומען אַזאַ קינדישן אויסדרוק, אַן אויסדרוק פון פרייד געמישט מיט אומבאַהאָלפנקייט.

די שווינדל־טירן פון דעם רעסטאָראַן האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען, האָבן אַריינגעלאָזט פרישע מענטשן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט די קעלט פון דער גאַס.

בן ציון און מרמר האָבן זיך אויפגעהויבן און זיינען אַרויס אין קאַלטן דרויסן. איידער זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט האָט בן ציון אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מרמר'ן:

— און איך זאָג אייך, חבר קלמן, אַז איידער מען וויל די אַרבעטער אויפקלערן, דאַרף מען פריער זיך אַליין באַפרייען פון רשעות פון ענגהאַר־ציגן עגאָאיזם. אַזוי העלפט מען דעם היינט, און מען שאַפט פאַר דער אייביגקייט.

דער „זיידע" מיט די „אייניקלעך"

א גאַנצן אינדערפרי איז דער בוכהאַלטער לעאָפּאָלד בענעדיקט (מאָריס ווינטשעװסקי) ניט אַרויס פון זיין צימער. ער איז געווען אָנגעטאָן יום־טוב'דיג ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין אויף א חתונה, — אין א שוואַרצן אָנצוג, א טונקל־רויטלעכן שניפּס, וואָס איז געהאַנגען איבער א שניי־ווייס העמד. די געדיכטע האָר זיינען געווען גלאַט פאַרקעמט און אין די אויגן, ווי שטענדיג, לויטערע פלאַמען.

ער איז געזעסן ביי זיין דעמבענעם שרייב־טיש אין זיין האַרלעמער וואוינונג אויף 104טער גאַס, אויפן דריטן שטאָק און גערעכנט, גע'חשבונ'ט.

ער האָט זייער ערנסט גענומען זיין בוכהאַלטער־אַרבעט. אין פאַרלויף פון יאָרן האָט ער ניט געמאַכט דעם מינדסטן טעות. שטענדיג שטרענג צו זיך אַליין, ווייל א מינדסטע קליינינקייט איז געגליכן צו יענע זיבן סענט

דיפערענץ אין באַלאַנס, וואָס גרעסער פון זייער באַטרעף איז די וואָרענונג, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט די פינאַנצן פון דעם לאָקאַל, אָדער דעם צווייג פון „ארבעטער־רינג". די מענטשן, וואָס האָבן אים אָנפאַרטרויט זייערע ביכער האָבן געשעצט אין דעם אַלטן און אָנערקענטן דיכטער און שרייבער זיין פּינקטלעכקייט און פאַך־קענען, זיין גענויקייט און זיין ערלעכקייט.

דער ווינטערדיגער פרימאָרגן האָט, ווי געוויינלעך, געטראָפן מאָריס ווינטשעווסקי'ן ביי זיין טיש.

דאָ, אין זיין האַרלעמער וואוינונג, אין אַ פיר־גאָרנדיגן „אַפּאַרטמענט", אַ גרויען, אָן אָפּגעבליאַקעוועטן, איז געווען שטיל. די דיקע ווענט האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דעם שטענדיגן האַרלעמער גערויש פון דער געמישטער באַפעלקערונג, — נעגער, שפּאַניער, אידן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שרייב־טיש, אַ ווײַלע געשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער, דערנאָך זיך אַ רייב געטאָן דעם שטערן און זיך דער־מאָנט, אַז היינט האָט ער אַ געלעגנהייט צו מאַכן דעם אמת'ן יום־טוב, פאַר־ברייגנען מיט זיינע ליבלינגען, די אייניקלעך.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויפגעצויגן אַ ראָלעט. אַ טרוקן ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פון האָדסאָן, האָט איצט מיטגעבראַכט אַ נייעם טרוקענעם שניי, וואָס האָט אָפּגעטונקען אין זילבער די גאַס, די מויערן, פאַרווישט דעם טראָטואַר. צווישן די שניי־בערגלעך האָבן זיך געשאַרט מענטשן און ביי די אַריינגאַנגען אין די מויערן האָבן קינדער, אינגלעך, מיידלעך, זיך געוואָרפן מיט קוילן שניי, און זייערע קולות האָבן געקלונגען ווי גלעקעלעך פון שליטנס.

בענעדיקט איז אַראָפּ אין גאַס אריין. עס האָט אים גענומען אַ ווײַלע ביז ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער פראַזאַאישער ציפערן־וועלט און איז אַריבער אין דער יום־טוב'דיגער, פּאָעטישער.

— גוט־מאָרגן, ווינטשעווסקי, — האָט אים אָן אַרבעטלאָזער קלאָק־מאַכער באַגריסט, — אַ שיינער טאָג, האַ?

— אַ פרעכטיגער טאָג, — האָט ער געענטפערט ערנסט, און דער אַרבע־טער האָט געהערט עפּעס אַ נייעס אין זיין טאָן, אָן אַ נייגונג זיך צו ווײַלן ווי זיין שטייגער איז געווען.

בענעדיקט איז אריין אין אַ געשעפט, איינגעקויפט פולע קעשענעס מיט פאַרשיידן נאַשוואַרג, וואָס זיינע אויגן האָבן נאָר געזען, ער האָט געקויפט אַפילו אַ פלאַש בראַנפן.

— זאָלן די קינדער האָבן אַ „פּאַרטי", שוין איינמאָל אַ „פּאַרטי"! ווי עס שטייט דאָרטן „כסעודת שלמה בשעתו".

— וואָס שלמה? — האָט ער זיך פאַרטראַכט, — אפשר טאָקע זיי דערציילן דאָס אַלטע מעשה'לע פון שלמה המלך? ניין, — האָט ער זיך געענטפערט אין דער מחשבה, — זיי האָבן עס שוין געהערט, מען דאַרף דערציילן עפּעס אַנדערש, עפּעס אייגנס.

אַרום צוויי אַזייגער האָבן זיך אין דער אָפענער טיר אַריינגעשאָטן אַ צענדליג קינדער מיט פאַרפלאַמטע פּנים'לעך און אויסגערופן מיט איין קול:

— האַלאָ, גרענד פּאַ.

— האַלאָ מאַלווין, האַלאָ עדנאַ, שאַרלאָטע . . .

די קינדער, צען־יאָריגע, צוועלף־יאָריגע, אַכט יאָריגע, האָבן זיך צעשטעלט אַרום טיש, אַרום בעט, ווי לויט אַ קאָמאַנדע. זיי האָבן געכאַפּט פון טיש, פון בעט שטיקער קוכן, עפּל, ברויט, שאָקאָלאַד.

— עסט, קינדער, עסט!
דער קליינער מאַלווין איז געשטאַנען אין מיטן צימער, די העל־בלאָנדע לאָקן אראָפּגעהאַנגען איבער זיין קליינעם האַלדז און זיינע גרויסע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי בלויע וואַסערלעך פאַרנאַכט. לעבן פענצטער איז געשטאַנען באַרבאַראַ און געקאַלופּעט דאָס נעזל.
דער זיידע האָט אויפגעהויבן די קליינע באַרבאַראַ, זי גענומען אויף דער האַנט.
— קום באָביע.
— זי הייסט באַרבאַראַ, „גרענד פּאַ", — האָבן צוויי קינדער אויסגערופן.
— באַרבאַראַ געפעלט מיר ניט. (אַ באַרבאַרישער נאָמען, האָט דער זיידע געטראַכט, פאַר וועלכע זינד קומט דעם קינד אַזאַ נאָמען?...)
— אַ מעשה'לע, „גרענד־פּאַ", אַ „סטאָרי", — האָבן די יום־טוב'דיגע קינדער געשריגן.
עס איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען האָט בלויז געהערט דאָס קלאַפּן פון די קינדערשע הערצעלעך.
אַ פייערל האָט זיך באַוויזן אויף דעם זיידנ'ס פּנים. ער האָט אָנגעהויבן רואיק און געלאַסן:
„צוויי קליינע קינדערלעך, אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל, האָבן זיך געשפּילט אין וואַלד מיט זייער הונט. דער הונט האָט זיך אָפּגעריסן פון זיי, זיינען זיי אים נאָכגעלאָפן. זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט צווישן די ביימער און ניט געוואוסט דעם וועג אויף צוריק. פּלוצלינג האָבן זיי דערזען אַ קרישטאָלענע טיר. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך געעפנט, זיינען זיי אריין אין אַ שיינעם צימער פון לויטער גלאָז. די ווענט, די פּאָדלאָגע, די טישן, די שטולן — אַלץ לויטער קרישטאָל.
„דאָס שוועסטערל איז געווען הונגעריג און האָט געזאָגט צום ברודערל:
„איך וויל עסן". באַלד איז אריינגעשוואומען אין צימער אַ סערווירטער טיש מיט צוויי שטולן, אַלץ פון קרישטאָל. האָבן זיי זיך געזעצט אַרום טיש און צוויי קרישטאָלענע קינדערלעך האָבן דערלאַנגט עסן. אָפּגעגעסן, זיינען זיי מיד געוואָרן, זיינען אריינגעשוואומען צוויי קרישטאָלענע בעטעלעך און דער ברודער מיטן שוועסטערל האָבן זיך געגלייט שלאָפן.
„אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען די צייט. דאָס ברודערל מיט'ן שוועסטערל האָבן שוין ניט געוואוסט ווען עס איז טאָג און ווען — נאַכט. אָבער נאָך עטלעכע טעג האָבן זיי אָנגעהויבן בענקען אַהיים. מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט אין דרויסן און זיי האָבן באַלד דערזען דעם הונט. זיי האָבן זיך געזעצט אויף אים רייטנדיג און ער האָט זיי געבראַכט אַ היים".

:: :: ::

דער „זיידע" האָט געענדיגט דערציילן, זיינע אויפגעגליטע אויגן האָבן אַרויסגעטריפט פרייד פון דער מעשה'לע. די האָר זיינען אים צעפאַלן אויפן אויפגעשטראַלטן פּנים. דער קאַלטער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון האָדסאָן האָט געשאַרט די שניי־פלאָכטעס, געוווייעט אויף די גאַזימסן און זיך ניט געקאָנט דערקלייבן צום האַלב־טונקעלן צימער אויפן דריטן שטאָק.
די קליינע באָביע האָט פאַרפלאָכטן אירע הענטלעך אַרום זיידנ'ס האַלדז און מיטאַמאָל האָבן די קולות פון חברה קליינוואַרג די שטילקייט איבערגעריסן.

:: :: ::

אין די נייע אַרבעטער־הייזער לעבן בראָנקס פּאַרק ציען זיך לענגלעכע צוויי צימערן פון דער אידישער אַרבעטער קינדער־שול.

אויף די גלייכע רייען שול־בענקלעך זיצן געדיכט שוואַרצינקע, בלאָנדינקע קינדערשע קעפּלעך. עס רייסן זיך אריין דורך די געעפנטע שול־פענצטער שפּליטערס זון און ווינט פון פּאַרק.

די זון־פּאַסן ליגן זיך אויס אויף די בלאָנדע און שוואַרצע קינדערשע קעפּלעך, מאַכן י‧ העל און לויכטנדיג.

אי דער לערער, אי די קינדער זיינען היינט יום־טוב׳דיג אויפגעלייגט. זיי דערוואַרטן היינט דעם „זיידן״!

די קינדער זיצן ניט איין אויף זייערע ערטער, דרייען יעדע ווײַלע אויס זייערע קעפּלעך און שרייען אויס: „טאַקע, ער אליין, דער „זיידע״?

דער לערער, אַ מיטלוואוקסיגער, פעסט־געבויטער יונגערמאַן מאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג צו באַהערשן דעם קלאַס. און אַז דער „זיידע״ באַווייזט זיך אין דער טיר, שפּרינגען די קינדער אויף פאַר פרייד פון זייערע ערטער, פּאַטשן מיט די הענטלעך, און איינציגע אויסגעשרייען פלעכטן זיך איבער:

— צו די מאַסן, אין די גאַסן!

— וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען...

— הערט איר קינדער.

— איך הער אַ קול!

— איך וועל לייענען!

— איך וועל לייענען!

— איך!

— איך!

פון באַנק הויבט זיך אויף אַ בלאָנד איינגעלע און הויבט אָן מיט אַ דין קולכל דעקלאַמירן:

— צו מיינע ברידער, אַ ליד פון מאָריס ווינטשעווסקי.

„איר זייט די טויזנטער!
איין רוף אַ ברויזנדער,
איין קלאַפּ אַ טיכטיגער,
איין קאַמף אַ ריכטיגער״.

ער פאַרגעסט די ווייטערדיגע שורות, ווערט רויט און בלייבט שטיין אַ פאַרלאָרענער.

די קינדער וואַרטן אַ ווײַלע, ער זאָל זיך דערמאָנען און ווען עס געדויערט צו לאַנג, הויבן זיי אָן אונטערזאָגן:

„וואָלט די פאַרדאָרבענע,
האַלב אָפּגעשטאָרבענע,
די האַלב צעגלידערטע
מענטשהייט פאַרברידערט״.

און אזוי ניט באַמערקט פלעכטן זיך איינציגע אויסרופן אין שורות. דרייסיג קינדערשע שטימעס זינגען אויס דאָס ליד פון זיידן.

דערנאָך דערציילן קינדערשע ליפן וועגן לאָנדאָנער „סוועט שעפּער", א מיידעלע וואָס פאַרקויפט „מעטשעס"—שוועבעלעך — פאַרריכט דער לערער: אידיש!

דער זיידע זיצט אויף דער לעצטער באַנק און וויים ניט, וואו זיך אהינטאָן פאַר פרייד. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אז פערציג יאָר שפּעטער — זאָל קלינגען אזוי מונטער און זיכער זיין ליד אין די מיילעכלעך פון די אייניקלעך!

:: :: ::

דער ניט־פֿאַרענדיגטער
„ספר הזכרונות״

עפּילאָג

אַ שטיק נאָך האַלבע־נאַכט האָט ווינטשעווסקי אַ שאַר געטאָן פון זיך אַ צענדליג פריש־פאַרשריבענע זייטלעך פּאַפּיר און איז געבליבן זיצן אַ פּאָר׳חלש׳טער.

אין דרויסן האָט שוין לאַנג געהערשט די שטילקייט פון טיף־נאַכט, וואָס אין דעם אָפּגעזונדערטן קוואַרטאַל פון מערב־בראָנקס. אין אָט דער דאָזיגער שטילקייט פלעגט זיך בלויז זעלטן אַריינרייסן דער רעדער געזשום פון אַ דורכפליענדיגן אויטאָמאָביל אויף׳ן דערבייאיגן אַספאַלט, אָדער אַ פייפן פון אַ באַגאַזש־צוג רעכטס, ביים ברעג פון האַרלעם־טייך. איצט איז די שטילקייט זיבן מאָל טיפער געוואָרן און די נאַכט־שעה׳ן האָבן שווייגנדיג געזויגן איינע די אַנדערע.

ער האָט דערפילט אַ מאָדנע שוואַכקייט, ווי אַלץ, די הענט, די פיס וואָלטן אים אָפּגענומען. מיט יעדער מינוט האָט זיך זיין גאַנצע זיצנדיגע פיגור אַלץ מער געגויגט צו דער ערד, זיך איינגעבויגן. — — —

ס׳איז געווען אַ ליכטיגער זונטאָג אינדערפרי.

ווינטשעווסקי איז געלעגן אויף זיין קראַנקן בעט. אַ בלייך־גרינע מאַטקייט האָט באַדעקט זיין פּנים. בעת ער האָט געעפנט זיינע גרויסע אויגן, האָבן זיי געבלישטשעט מיט אַ אויסדרוקפולן קוק, און ווען ער האָט זיי אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכט האָבן זיי ניט־ווילנדיג געציטערט און געצאַפּלט.

אויף אַ בענקל לעבן בעט זיינען געלעגן זיינע לעצט־פאַרשריבענע זכרונות־בלעטלעך. זיינע פּאָר׳חלש׳טע פינגער האָבן זיך געשאַרט אין חלל, און זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָבן געזוכט די לעצטע פינף און דרייסיג יאָר, וואָס ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרשרייבן.

עס זיינען אים געקומען מבקר חולה זיין זיינע נאָענטע און געטרייע חברים. דער אײדעלער היסטאָריקער מיט׳ן געשניצטן פּנים, וואָס האָט פאַרשריבן זיינען רייד כדי זיי אָפּדרוקן שפּעטער אין אַ בוך און פאַר־שפּרייטן אין די הייזער פון די אידישע אַרבעטער; דער רעדאַקטאָר, וואָס איז כולו ענערגיע און פאַרשטאַנד און אין זיין מוח וועבן זיך הונדערטער געדאַנקען און פּלענער, און זיינע הענט גליען מיט אַ שטענדיגן אומרו — „אַ וועלט מיט אַרבעט" . . . — און נאָך חברים און פריינט.

זיי אַלע זיינען געזעסן און געקוקט אויף׳ן זיידן, וואָס איז איצט געווען אַ גרייז־גרויע מחשבה אין אַ קערפּערלעכן געשטאַלט . . .

ווען זיי האָבן גערעדט צו אים, דערציילט די לעצטע נייעס, געזאָגט, אַז די לייענער וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויף די איבעריגע זכרונות, האָט דעם אַלטנ׳ס פּנים זיך אויסגעלייטערט מיט אַ מין צעפּיעשטשעטן

שמייכל. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'קערט זיך אום צו אים דער געפיל פון שטאַרקייט, רירעוודיגקייט. אָבער ווען די באַזוכער זיינען אַוועק, האָבן זיך זיינע אויגן פאַרמאַכט מיט אַ מין הנאה פון גרויסער אָפּגעשוואַכטקייט און זיינע מחשבות האָבן ווידער אָנגעהויבן קלעטערן און שטייגן אין זיין מוח, און די זכרונות האָבן זיך אָנגעהויבן וועקן. — ווען איז דאָס געווען, האַ?

— יאָ, מיט אַכט און דרייסיג יאָר צוריק, ווען ער איז געקומען אַהער און באַגעגנט אַ מדבר. גלייך נאָך דעם באַגייסטערטן קבלת־פּנים פאַר אים האָט זיך פאַר אים דער מדבר אַנטפּלעקט. אַ שווערע צייט האָט די אַרבעטער־באַוועגונג דעמאָלט איבערגעלעבט. די דיסטריקטן פון דעלעאָנס „סאָציאַליס־טישער אַרבעטער פּאַרטיי" זיינען צעריסן געוואָרן. די יוניאָנס, וועלכע זיינען נאָך געווען אין דער צאַרטער קינדהייט, האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקהייט פון צעריסנקייט, און זיינען אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז זיי וואָלטן אויסגעגאַנגען פון חלשות. די אינסורגענטן, די אָפּאָזיציאָ־ניסטן, די אַרויסגוואָרפענע און באַליידיגטע, זיינען געבליבן מיט ליידיגע הענט, די צייטונג „אַבענדבלאַט" איז געבליבן ביי זיי, אָבער מען האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. פאַרקערט, זיך נאָך מער צונויפגעשלאָסן ווי רינגען אין אַן אייזערנער קייט, צו שמידן שטאַרק די אידייען, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר גערעכט. ער האָט געפונען די אַרבעטער־באַוועגונג צעריסן: איין טייל האָט געהאַט אַלץ; דער צווייטער — גאָרנישט. די ערשטע — די אָפיציעל־אָנערקענטע, די מאַכט־האָבערין; די צווייטע — נע־ונד'ניקעס. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער צווייטער, איז אַוועק קיין באָסטאָן.

פון איין זייט האָט געוואונקען אַ שטעלע אין דער איינגעפונדעוועטער צייטונג — פּרנסה מיט דער פולער האַנט. פון דער צווייטער — הונגער, אומזיכערקייט פאַר'ן מאָרגנדיגן טאָג. — — — —

און שפּעטער, — די נייע רעדאַקציע . . . דאָס קלעטערן אויף די טרעפּ פון דועין סטריט, און די רעדאַקציע אין הויף פון קריסטי סטריט. ווינטער איז דאָרט געווען אַזוי קאַלט, כאָטש טרייב אַרום וועלף, און ער האָט דאָרט געשריבן מיט האַלב־פאַרשטייפטע פינגער פון קעלט . . .

יענער ערשטער פעריאָד פון „פאָרווערטס". ער האָט זיך דערמאָנט אין די ליריש־ברענענדיגע ווערטער פון דעם נביא: „איך געדענק דיר דאָס גענאָד פון דיין יוגנט, די ליבע פון דיין חופּה־טאָג, ווען דו ביזט מיר נאָכגעגאַנגען אין דער וויסטעניש אין אַ ניט־געזייט לאַנד און האָסט ניט געפרעגט וואָס וועלן מיר עסן" . . . — „איך געדענק" — עס רעדט זיך אַזוי . . . זיי האָבן ניט געדענקט. דער „אַלמעכטיגער רעדאַקטאָר" האָט אַלץ געטאָן עס זאָל קומען צו אַ שנעלן גט, אָבער ער, בן־ציון, מאָרים ווינטשעווסקי, ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, ניט געבראָכן. איינמאָל געהייליגט זיין לעבן צו דער אַרבעטער־זאַך, וועט ער אַזוי בלייבן ביז די האָר וועלן זילבערן, ביז — — —

ער האָט דערפילט דעם גאַנצן טרויער פון אָפּגאַנג, פון אַ דור, וואָס גייט אָפּ, פון יענעם פּיאָנערן־דור, ווי ער האָט אים געזען מיט קאַרגע פערציג יאָר צוריק. און אָט שאַרן זיי זיך אַרום די געשטאַלטן, ווי אַרויס־געשוואומענע פון דער שאַטנדיגער וואַנט, בלייבן שטיין, טויכן אויף רווישלאַז, אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן.

זיין אייביגער פריינט, דער דראַמאַטורג מיט דער ברייט־צעקעמטער באָרד, וואָס גלעט אים מיט'ן סאַמעט פון זיין בליק. ער, דער עקשן געגן דער פאַרפרעמדטער סביבה.ביידע זיינען זיי פאַרפאָלגט געוואָרן אין יענער אכזריות'דיגער און פאַרעטערישער סביבה. ווי לאַנג איז שוין, אַז ער ליגט דאָרטן אין קאַלטן ברוקלינער גרוב — און הענגען דען נאָך איצט ניט אויף דעם אַספאַלט פון איסט בראָדוועי די עכאָס פון פאַר דרייסיג־יאָריגן גערויש, פון זייער קאַמף? — — —

און אָט דערפילט ער איצט ווי עס פאַרקניפּט זיך צווישן אים און די פריערדיגע דורות דער בונד פון זיינע אינגערע יאָרן. דער צימער ווערט פול מיט די אומשטערבלעכע טויטע וואָס קומען זיך געזעגענען מיט אים דעם קראַנקן, דעם טויט־קאַנדידאַט.

— היינע, לאַסאַל? — ער האָט זיי דאָך כיידן ניט געקענט. ווי קומען זיי אהער? — ניין, — ענטפערט ער זיך אַליין אין דער מחשבה — ווער עס דערציילט עפּעס וועגן איינעם וועמען מען האָט יאָ געקענט, זעט ער אים אפשר יאָ אָדער ניט, אָבער וועמען מען דערציילט וועגן איינעם וואָס מען האָט ניט געקענט, יענעם זעט מען אוודאי. האָט ער דען ווייניג גענאַשט ביי יענעם דיכטער, וואָס האָט מיט אַ יובל אײדער ער איז געבוירן געוואָרן, פאַרפלאַצט אַ צעדער פון לבנון אין טעווטאָנישן וואַלד? און האָט דען אין אים די גאַנצע צייט ניט געברענט אַ פונק, וואָס איז איבער־געבליבן פון היינע'ס און לאַסאַל'ס נשמה־אוצרות, יענער רעוואָלוציאָנערער פונק, וועלכער קען ניט איינגעשטילט און באַרואיגט ווערן ווי דאָס בלוט פונ'ם נביא, וועלכער ברויזט אויף דעם די נבוזאַרדנס, די שולדיגע פון דער וועלט פון תמיד און אייביג. און לאַסאַל! יענער כישוף'דיגער טריבון, ער איז דאָך פאַר אים געווען ווי זון פאַר אַ בלום, ווי לופט פאַר'ן אָטעם, אָן אים וואָלט ער פאַרוויאַנעט געוואָרן. מיט אים זיינען זיינע כוחות געוואָקסן.

און איצט קומט די ריי פון די געשטאַלטן, וואָס ער האָט געקענט, וועלכע האָבן אים אריינגעצויגן מיט די ליבשאַפט־שטריק און איינגע־פלאַנצט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָט איז פּאַוועל אַקסעלראָד און אָט איז וויקטאָר בערגער, אַלץ אידישע קינדער, אָבער פאַראַן אויך אַנדערע, און צווישן זיי דער גרעסטער, — פרידריך ענגעלס, וועמען ער האָט שוין געקענט אין פאַרנאַכט פון זיין, ענגעלס', לעבן. קאָן ער דען פאַרגעסן יענעם לאַנדאָנער בין־השמשות, ווען די הויכע, די מאַיעסטעטישע פיגור, מיט'ן לייבן־קאָפּ און די דיקע וואָנצעס האָט זיך אַרומגעדרייט אין זיין צימער און ווי ער איז צוגעקומען צו אים, אַ וואונדער פון וואונדער — און גענומען פון זיין האַנט די חודש־שריפט אין העברעאישע אותיות און אויסגערופן: איך קאָן אויך לייענען „לאַשאַן קאָודעש" — און שפּעטער, בעת זיין צוריקקער פון יענעם „זעקסטל פון דער ערד", וואו זיינע חלומות האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אַ ווירקלעכקייט. בעת ער איז אַ גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן מיט דעם גרייז־גרויען זקן, וואָס האָט די „דורשטיגע געטער" געלאָזן שמאַכטן און דערקוויקט די פאַר־שמאַכטע קלאַסן מיט זיינע קלוגע שאַרפע ליטעראַרישע געטראַנקען.

יאָ, אַ טאָג איז ער מיט אים אָפּגעזעסן און זיך געסטאַרעט אים צו באַווייזן, אַז די ערשטע היסטאָרישע רעוואָלוציע איז געווען בן־עמרמ'ס שקלאַפן־באַפרייאונג אין אור־אַלטן עגיפּטן, און אַז די פראַנצויזיש־

רעוואָלוציע איז געווען נאָר אַ שוואַכינקער און דורכגעפאַלענער פּרואוו דער חלום פון גאַנצקייט ווערט אָבער איצט אַ ממשות אויף אַ זעקסטל פון דער ערד. — — —

די שאָטנדיגע געשטאַלטן האָבן זיך אָנגעהויבן לייטערן פאַר זיינע אויגן, זיי האָבן זיך באַוויזן מיט אַלע מינדסטע תנועות זייערע: זיין זע־קראַפט האָט זיך פאַרשטאַרקט. ער האָט זיך געוואָלט אויפזעצן און זיך נעמען צו דער פען, אָבער עס האָט אים פאַרפעלט כוח און ער איז געבליבן זינקען אין פאַרשמאַכטקייט. — — —

זיין לעצטע מחשבה איז געווען: אויב איך וועל ניט קענען מער שרייבן די זכרונות זאָל עמיצער אַנדערש זיך אוועקזעצן זיי דערגאַנצן, פאַרענדיגן.

סוף

נאָכבאַמערקונג

מיין דאַנק און אָנערקענונג צו דעם קאָמיטעט, וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון בוך: דוד פּאַרגאַמענט, פאָר־זיצער; מרים באומעל, סעקרעטאַרין; שלום לעווין, קאַסירער; יעקב אדלער, וויצע־פּאָרזיצער; ראָזע אורליכט, י. גאָלדשטיין, רובין האָך, דזשוליאַ וויען, י. לייזעראָוויטש, סעם סטוירן, ב. ראָלער, מעקס שטערן.

און אַ באַזונדערן יישר־כוח צו מיין טייערן פריינט דעם דיכטער און קולטור־בויער יעקב לייזעראָוויטש, וואָס האָט געטאָן זעצערישע אַרבעט — פאַר דעם איינציקן שכר פון גיין אין זיידנס דרכים.

ר ש י מ ה

פון די וועלכע האָבן געהאָלפן דורך ביישטייערונגען
אַרויסצוגעבן דעם בוך:

רובין האָך
בען פּאָדאָלסקי
אַל ווין
שלום און ליובע לעווין
ישראל אראנסאָן
ברכה׳קע
אַנאַ ווייסמאַן
דזשאָ וויען
מאָריס פליישמאַן,
גערי, אינדיאַנאַ

ס. שייניק, קאלגערי
ש. דעמבוס
בען פאלען
א. שוועדל
ליבי ליבענסאָן
געניא אראנאָוו
דוד קעס
ב. ראלער

די רשימה וועט פאָרגעזעצט ווערן אין דער
קומענדיקער אויפלאַגע.

ווערק פון אברהם ביק

יידיש:

גרונטפרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם — לאָדזש — — — 1938

קעמפּער און היטער — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1940

וועלט און היים — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1941

חסידות מאָטיוון — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1944

יעקב עמדין — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1946

משה העס — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1949

וואָרט און צייט — בוענאָס איירעס — — — — — — — — — — 1952

אין באַגינען — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1952

וועקער און קעמפּער — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1955

מאָריס ווינטשעווסקי — דער טרוימער און קעמפּער — ניו־יאָרק, 1955

דורות דערוואַכן — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1957

העברעיאיש:

שאלות ותשובות משנת פועלים — — — — — — — — — — תרצ״ז

חזון התקופה — ניו־יאָרק — — — — — — — — — — 1937

ענגליש:

Origin and Development of Jewish Holidays, New York, 1950.